STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05716

MITN PONEM TSU DER ZUN

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אַליצקי

מיטן פּנים צו דער זון

ל. אָליצקי

מיטן פּנים צו דער זון

משלים און לידער

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1952

L. OLICKI

OBLICZEM KU SŁOŃCU

Redaktor: D. SFARD
רעדאקטאר: ד. ספארד

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע־געצייכנט: י. רייזמאן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952 r.

Nr. zam. 698. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w styczniu 1953. Ark. druk 12 papier dziełowy 61x86 V kl. 70 gr.
Druk. R.S.W. „Prasa" W-wa, ul. Tarczyńska 8 3-B-52300

* * *

דאָס דאָזיקע בוך עפנט זיך מיט דעם פּאָעמע־זשאַנער, וואָס איז מיר צום האַרציקסטן — מיט משלים. דאָס זענען אָריגינעלע נייע משלים, געשאַפענע שוין נאָכן דערשיינען פון מיין „משלים־בוך" אין יאָר 1949, ווי אויך איבערדיכטונגען פון דער פּוילישער, רוסישער און סאָוויעטישער משלים־דיכטונג.

וואָס שייך די לידער, וועלכע גייען אַריין אין דעם בוך, איז דאָס אַ געקליבענע זאַמלונג פון שאַפונגען אין משך פון צוויי צענדליק יאָר. די דאָזיקע אָפּטיילונג הייבט זיך אָן מיטן ציקל „מענטשן אין יאָכן" — סאָציאַלע לידער, צו וועלכע יענע צייט, די צייט פון צווישנמלחמהדיקן פּוילן און דעם אָנוווקס פונעם פאַשיזם אויף דער וועלט און אין פּוילן גופא, האָט געמוזט אָנרעגן יעדן דיכטער, אַפילו אַזעלכן, וועלכער איז נאָכנישט אין גאַנצן שעפעריש־אַקטיוו געשטאַנען אין קאַמף צוזאַמען מיט די אַרבעטער־מאַסן פאַרן באַפרייען זיך פון די יאָכן. איך האָב אָבער נישט פולשטענדיק אַרויסגעלאָזן ריין יחידישע לידער, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר מיר צו יענער צייט, און אַ קלענער טייל פון זיי איז אַריין אין דעם ציקל „אין שיין־קרייז פון אייגענעם לאָמפּ".

פון דאָזיקן יחידישן „שיין־קרייז" האָט מיך באַפרייט דאָס טראַגישע ניינאונדרייסיקסטע יאָר. צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער יידן האָב איך זיך דעמלט געראַטעוועט פון דער פאַשיסטישער פאַרפלייצונג אין דעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד פיזיש און גייסטיק. אַ ניי ליכט איז אין מיר אויפגעגאַנגען, אַ ליכט פון גלויבן אין דעם מענטש און אין זיין ליכטיקער צוקונפט. כאָטש דער פאַשיזם האָט אונטערגעצונדן די וועלט מיט אַ צווייטער וועלט־מלחמה.

פון יענער צייט — די לידער „צום גאנג פון דער רויטער ארמיי".

פון די דאָזיקע לידער וואָלט געווען א גלייכער איבערגאנג צו די לידער וועגן דעם לעבן אין פאָלקס־דעמאָקראטישן פוילן, וואו איך האָב זיך געפונען נאָך דער מלחמה אומגעקערט. נאָר אינמיטן איז געשען די שוידערלעכע טראגעדיע פונעם יידישן פאָלק, וואָס האָט ארויסגערופן לידער פון טרויער און טיפער פיין. אָבער אויך אין די דאָזיקע לידער, דאכט מיר, קלינגען נישט קיין טענער פון פארלוירנקייט, פעסימיזם און פארצווייפלונג. פארקערט, זיי זענען דורכגעלויכטן מיט דער האָפענונג און זיכערקייט, אז די פינצטערסטע כוחות זענען נישט אימשטאנד אומצוברענגען א פאָלק, און דער ציקל לידער טראָגט דעם נאָמען „זיי לעבן אין די לעבעדיקע".

אמת, אין דעם דאָזיקן ציקל איז פאראן א בלויז נישט מוחל צו זיין — סיפעלט דער מאָטיוו פון ווידערשטאנד, פון דעם העלדישן יידישן [illegible] דעם שונא אין די געטאָס, וועלדער און טויט־לאגערן. איך האָב [illegible] דאָס קלאָר געמאכט, און ס'איז נאָך פאראן אין מיר דער ווילן צום [illegible] מאָטיוו זיך אומצוקערן.

[illegible] דאָס בוך מיטן ציקל „מיטן פנים צו דער זון" — [illegible] פוילן, וועגן קאָרעע און דעם קאמף פאר שלום.

ל. אָ.

משלים

אייגענע משלים

דאָס פייגעלע, דאָס ייִנגל און די שלום־טויבן

דאָס איז געווען אין אַ פּאַרק אַ שטילן און אַן אַלטן,
אַנומלט אין אַ בייזן האַרבסט־טאָג אין אַ קאַלטן.
— טשוויר־טשוויר! טשוויר־טשוויר!
פֿאַר וועלכן קומט דאָס מיר?
פֿאַר וועלכע עוולות קומט עס מיך צו טייטן? —
האָט ציטעריק אַ פייגעלע אַ שוואַכס געקרעכצט,
געטריבן פֿון אַ ייִנגעלע אַ שלעכטס
פֿון איין בוים צון אַ צווייטן
מיט פּראַצע* און מיט שטיינדלעך אין דער האַנט.
עס נעמט זיך קיינער פֿאַרן פייגעלע נישט אָן. עס שווייגן,
נישט נאָר די האַרטע שטאַמען, אויך די בלעטער אויף די צווייגן,
(זאָל דאָס דערמאָנט ווערן צו זייער שאַנד!) —
זיי העלפֿן נישט דעם פייגעלע אין זייער שאָטן זיך פֿאַרבאָרגן.
די טשווירקע היינט און טשווירקע מאָרגן —
קאָנסט טשווירקען צו דער וואַנט!
— טשוויר־טשוויר! שוין אַלע כוחותלעך צעפּטרט. —
און ווייטער פליט דאָס פייגעלע פֿון בוים אויף בוים
און ראַטעוועט דאָס לעבן קוים.
ביז ענדלעך איז עס שוין צום טויט פֿאַרמאַטערט;
אין שנעבל־ווינקעלע זיפּצט אָפּ אַ שוים;
עס נעמען זיך ביי דעם די אייגלעך שליסן:

* אַ שטיינדל־בויגן, אַ שטיינדל־וואַרפֿער.

אַט־אַט... דאָס ייִנגל אַן אַ האַרץ און אַן געוויסן
וועט טאָן
אַ ציל זיך אָן,
און ס'וועט מיין כשר בלוט זיך גיסן.
ווי דאַ דערזעט דאָס פייגעלע אין פּאַרק דעם מאָנומענט —
אַ מיידעלע מיט טויבן אין די אויסגעשטרעקטע הענט,
און ס'טוט אַהין אַ לאָז זיך, ווי געטראָגן פון געוויטער:
— טשוויר־טשוויר! — און דריקט זיך מיטן ברוסטל צו דעם שטיין,
און שאַרווערט מיט די פליגעלעך אין לעצטן ציטער:
— טשוויר־טשוויר! באַשיצט מיין נעבעכדיק געביין. —
און ס'איז געשען אַ נס: ביים שלעכטן ייִנגל
האָט זיך צעשרויפט דאָס צינגל:
— איך קאָן נאָך טרעפן אינעם שטיין
און שעדיקן די שלום־טויבן... —
דאָס פייגעלע האָט מיט געזאַנג צום רוים זיך אויפגעהויבן.

עס האָט די ליבע צו דעם שלום מיך באַוויגן
דעם משל שרייבן, נאָר... צון אים קיין נמשל איז נישטאָ:
אויף שטיפערישע ייִנגלעך, אמת, קומט אַ גוטע שעה,
פאַר די מלחמה־העצער אָבער איז אַ טייב — אַ קראָ.

וואַרשע, יוני, 1951.

בילערוק אויף דער עלטער

ס'האָט בילערוק די ציין פאַרלוירן
און אויך זיין עזות אָנגעווירן —
ער זיצט איןביידל תמיד שטיל.
— ס'איז מחמת זקנה, אָן אַ צווייפל, —
צעגאַגערט זיך דער גאַנער אויפן הייפל,
נאָר בילערוק — ער זאָל דאָס פראַטעסטירן מיט אַ ביל!
— אַ סטאַטיק בילערוק! — צעקוואַקעט זיך די הון די ראַבע
און זי פאַרגלאָצט די אייגלעך פרום:

ער טוט דאָך טאַקע־טאַקע גאָרנישט קרום —
ער קויפט זיך איין באַצייטנס עולם־הבא...
— סיי טאַדל און סיי לויב נעמט אויף ער אָן אַ ביל, —
צעהירזשעט זיך דאָס פערד מיט גרויס געפיל:
ער וועט דערגרייכן אויפגעוויים זיין ציל!
— נו, אדרבא, — מרוקעט מילכיק־זיס די קו: נו, אדרבא,
פאַרוואָס זאָל אויך אַ גוטער הונט נישט האָבן עולם־הבא? —
נאָר איינמאָל — וואָס איז דאָס?
דער באַלעבאָס
קומט פריילעך צו שפּאַצירן
און ברענגט צו פירן
צוויי יונגע הינט מיט קאַכיק בלוט און שאַרפע ציין.
דערשפּירט, אַ פויער קומט צו גיין,
צעבילן זיי זיך באַלד אויף קולי־קולות
און טוען זיך אַ לאָז און פאַלן אָן.
און זעט! אויך בילערוק נישט פויל איז
און שטעלט אַריין זיין בילעריי אין קאָן:
די ציינער פון די יונגע דינען פאַר געווער אים...
— צו וואָס? — אים פרעגט דער חזיר כריוק.
— צו וו־וו־וואָס? — צעבילט אויף אים זיך בילערוק:
מיר, כלבים, זענען, גאָט צו דאַנק, נישט קיין חזירים!
דו זעסט נישט, וואָס סע טוען מיינע צוויי חברים?
גענוג דעם פּיסק געהאַלטן! האַוו! גענוג!
כ׳בין נישט אימשטאַנד אָן ציין צו בייסן,
נאָר מאַכן אָנשטעל פון אַ גרויסן כעסן
און לייטיש בילן בין איך דאָך געניט —
צוליב געזעלשאַפט ביל איך מיט.

דער הונט איז נישט קיין אויסגעמשלטער פאַר קינדער —
איר הערט אַזעלכע בילן צווישן די מלחמה־צינדער.

וואַרשע, פעברואַר, 1952.

אַ וואַנץ

כ׳האָב אויפגעריסן זיך פון שלאָף,
אין אַנגסטן אויסגעווייקט אינגאַנצן.
— אוי, גאָט! איז דאָס אַ שטראָף! —
עס זענען מיך באַפאַלן וואַנצן
און מאַכן פון מיין רו און בלוט אַ תל.
כ׳שלים איין דאָס ליכט און הייב אָן שנעל
צו זוכן אויף דעם קישן בייז, פאַרביסן.
אָט איז ער! אָנגעזויפט און רויטלעך־ברוין,
און... גרייט פונדעסטוועגן נאָך ווייטער צו געניסן.
ער שרעקט זיך גאָרנישט, דער פאַרשוין?!
ער איילט זיך נישט צו ווערן נעלם!
אין צאָרן שטרעק איך אויס די האַנט געשווינד —
אָט וועל איך אים! איך וועל אים
צעקוועטשן, ווי אַ וואַנץ, פאַר אַלע זיינע זינד,
פאַר אַלע זינד פון גאַנצן וואַנצן־פאָלק פון זיינעם!
ווי פּלוצעם... וואָס דערגרייכט עס צו דעם אויער מיינעם?
ער ברומט! ער ברומט, דער וואַנץ! ער רעדט?
צי שלאָגט ער נישט צומאָל אין האַרצן זיך על־חטא?
— אַ וואָרע מאַך פאַר מיר! — צעברומט זיך דאָ דער שרץ:
און היט די ביינער! תרבות!* היט!
— ווער ביסטו? — פרעג איך — וואָס דו פאָדערסט דרך־ארץ
און וואַרפסט אַ מורא אָן אויף מיין געמיט?
— כ׳בין מיסטער ווענצעל פאָן וואָל־סטריט! —
אַ קוועטש... און ס׳ווערט מיר גרינג אויפן געמיט.

שרודבאָרוו. מאַי, 1952.

---

* דרך־ארץ.

אַ סדומער פּילאַט און אַ פּאַרדזשומעטע מויז

די זון שיינט העל. דער הימל בלויט זיך.
דאָרט אונטן רייכערט זיך אַ שטאָט.
דער ציל איז נאָענט שוין — אָט־אָט!
נאָר פּלוצעם פאַר די אויגן גרויט זיך.
— אוי, גאָט! —
שרייט אויס פאַרציטערט דער פּילאָט,
און אין זיין בלוט צעשיט אַ דריבנער שרויט זיך:
אַ מויז!
פון דזשומע־פּושקע ווי איז זי אַרויס?
זי שווינדלט פאַרן בליק. זי בלישטשעט מיט די אויגן.
מיין גאָט! זי האָט זיך אין מיין העמד אַריינגעצויגן.
זי קיצלט מיר די הויט.
באַ־כאַ! מיך דראָעט נישט דער טויט! —
מע האָט מיר איינגעשפּריצט פאַרשיידנס קעגן יעדער נויט.
נאָר ס׳ווערט מיר פאַר די אויגן גרוי און גרויער.
אַזעק, פאַרשאָלטענע! זי קריכט מיר שוין אין אויער!
עס וועלן די געהירן מיינע זיין איר ברויט!
איך וויל נישט! כ׳וויל נישט שטאַרבן!
זי פּיפּסעט, פּיפּסעט מיר אין שאַרבן.
וואָס רעדסטו דאָרט, פאַרדזשומעטע? אַרויס!
„איך וויל נישט! — פּיפּסעט זי, די מויז —
מיר זענען שעדיקער, וואָס וואַר איז,
מיר טוען אָן דעם מענטשן צרות,
נאָר מאַכן פון אַ לאַנד אַ בית־הקברות —
ווי קאָן מען צווינגען מיך צו ווערן אַזוי שלעכט?
ווער האָט דערויף אַ רעכט?!” —
ווער פרעגט דיך, מויז! איך מוז זיך ריכטן,
קיין רגע נישט געקלערט,
לויט דעם באַפעל און מיינע זעלנערישע פליכטן
אַראָפּצוּוואַרפן דיך אויף דרערד!
וואָס פּיפּסעסטו? — „כי־כי! אַ דזשומע־פּושקע איז דיין קאָפּ,
איז שליידער, בהודער־מערדער, אים אַראָפּ!” —
אוי, מייזל, ס׳איז אַ פּרעכטיקע אידעע!
פּלי־פּלי, מיין קאָפּ, פאַרדזשומענען קאַרעע! — — —

און ס'האָט אינמיטן שטאָט,
אויף ציגל־ברוך און קאָנוואָלסיוו צעבויגן אייזן,
אַ טראַסק געטאָן דער קאָפּ פון דעם פּילאָט — —
איצט ליגט ער צווישן אַן אַ שיעור זאַכלעכע באַווייזן:
אַ מענטשן־קאָפּ, אין אים אַ מויז,
וואָס וועט פון אים שוין קיינמאָל נישט אַרויס.

שרודבאָרוו. מאַי, 1952.

פּאַראַזיטן

פּאַרדווייקעט איז אַ וואַנץ געזעסן אויף איר קרבן
און האָט זיך איר חיונה פּרומיטשקע דערוואָרבן.
דערווייל דערזעט זי שפּרינגען הין און צריק אַ פלוי.
זי טוט אַ זיפץ, איז מפסיק, און זי פרעגט אַזוי:
— וואָס טאַנצסטו אַזוי אויסגעלאַסן, ליבע שוועסטער?
איך הער אַפילו נישט, ס'זאָל שפּילן אַן אָרקעסטער. —
אַן אויגנבליק די פלוי בלייבט שטיין
און ענטפערט אשת־חילדיק, מיט חן:
— עס שפּילט מיין בלוט אין מיר אַליין! —
זי הייבט אָן ווידער שפּרינגען, טאַנצן, טאַנצן פעסטער:
איך פריי זיך און איך טאַנץ דערפאַר,
ווייל מיין גענוס פאַרשאַפט אַ צווייטן צער.
— אוי־וויי! אוי־וויי!... כ'וואָלט אויך געגאַנגען טאַנצן,
נאָר דאָס איז נישט קיין מנהג ביי די וואַנצן, —
האָט גאָטספאַרכטיק אַ ברום געטאָן די וואַנץ און האָט,
אַן אָנגעזויגטע, שיכור־לוט,
פאַרגלאָצט די אויגן, בלוטיקע, צו גאָט.

איר קאָנט די וואַנצן: ניי־פאַשיסטן פרומע,
וואָס טראָגן אין דער ביבעל — סם און דזשומע.

פּאַראַנין—וואַרשע. אויגוסט, 1952.

דאָס קעצל, דער הונט און דער חזיר

— מניאַו! — האָט זיך אויפן קול געריסן
ס׳קעצל פאַרן חזיר: ס׳האָט דער הונט...
מניאַו!... מיר אין פּיסעלע געביסן...
מניאַו!... מיר געמאַכט אַ ווונד...
— האָסט פאַרדינט דעם בראָך דעם מיאוסן! —
האָט געסאַפּעוועט אין שמוץ אַריין דער חם:
הינט דערניוכעווען, באַסמאַקעווען דעם טעם.
— מניאַו!... כ׳זאָל אַזוי פון מילך נאָר וויסן, —
נעמט דאָס קעצל ממש טרערן גיסן:
ווי איך וויים נישט... וואָסער טעם? ער האָט געביסן... —
נאָר דער חזיר כראָפּעט אויף דער וואָר, אָן גאַל:
איך... איך האַלט זיך תמיד פאַרן כּלל —
הינט הערניוכעווען, באַסמאַקעווען, געניסן,
גלייך ווי מיר, חזירים, מיט אַ כּשרן געוויסן.

בריזעם וואַלסטריטער איז נישט צו יעדן שלעכט —
בילערקעלן גיט ער דווקא אַפּ גערעכט,
הײַנט אַ ם ער זאָל נישט טאָן; אַפילו, ווען ער שעכט.

וואַרשע — שרודבאָרוו, סעפּט., 1951.

די דיניע און די זונרויז

פּאַל ראַבּסאַנען

ווען ראַבּסאַן האָט געזונגען: „זאָג נישט קיינמאָל, אַז...” —
אויף יידיש,
און ס׳האָט געכוואַליעט זיך מיט מוט און האָפנונג זיין געזאַנג,
איך האָב, ווי אַלע, אים געהערט באַגייסטערט און מיט חידוש,
און דער־אַ משל האָט זיך אויסגעוועבט אין מיין געדאַנק.

עס האָט אַ שווערע, גאָלדיקע און זוסטע דיניע
דאָס בייכל זיך געגלעט אין הייטערן געמיט:

פאַר מײַנע קינדער הענגט אַזוי די זון צעגליט!
ווי — זע נאָר! — אויף אַ שטענגל, ווי אַ גלייכע ליניע,
אַ שלאַנקע זונרויז דאָ דאַלעבן צו דער זון זיך ציט
מיט אירע קינדער, אויסגעפּוצט אין געלן צווײַט.
אין צאָרן האָט די פעטע דיניע גלייך גענומען
אַרײַנרײַדן מיט גאָר איר כּוח
צון אירע קערעלעך אין בויך:
— עס שטייט אייך פאַר שוין אויף דער וועלט צו קומען, —
איז פאַרגעדענקט זיך, קינדערלעך, דער מאַמעס וואָרט:
עס זענען קערעלעך פאַראַנען נאָך אַ סאָרט;
זיי זענען שוואַרץ, און זייער ריח איז נישט צו דערלײַדן;
די שוואַרצע רויזנקערלעך זאָלט איר, קינדער ווײַסע, מײַדן;
און קריכט צון אייך אַ שוואַרצער — לינטשט אים אויפן אָרט! —
די זונרויז האָט געשוויגן,
אין זונשײַן און מוזיק פאַרטראַכט —
עס זשומעט אויס אַ בין אויף איר אַ שטראַלנדיקן ניגון;
נאָר דאָ האָט איבער אַלץ, וואָס וואַקסט, די זון זיך העל צעלאַכט,
ווען ס'האָט אַ ווינטל זיך אין גאָרטן אָנגעטראָגן:
— וואָלסט בעסער, גראָבע דיניע, זיך אין בויך על־חטא געשלאָגן
פאַרוואָס דו ביסט אַזאַ געמיינע שווײַנטע און...
די זונרויז ציט צו מיר זיך מיטן גאַנצן האַרצן,
און מײַנע שטראַלן אירע קינדערלעך פאַרשוואַרצן;
עס שמעקט דיר נישט דער ריח זייערער? איז וואָס דערפון?
זיי שמעקן מ י ר — זיי שמעקן דאָך מיט זון!

אוסטקע, ביים ים. אויגוסט 1951.

דער דיכטער און דער שפּעקוליאַנט

די דיכטער האָבן פון דער בינע פאַרגעלייענט לידער,
און איך האָב נאָכגעפאָרשט דערווײַל די ערשטע באַנק:
צי שמייכלט עמעצער פון דאָרט אַ שיינעם דאַנק?
צי עמעצנס אַ פּנים דריקט גאָר אויס דערווידער?

און כ'האָב געזען, און ס'האָט מיך שטאַרק געפרייט:
די שטערנס — אָנגעשטרענגט, באַגערנדיק באַשייד,
און אין די אויגן, ברייט צעעפנט, פונקען טליען, —
איז גוט און וואויל! און כ'מאַך אין זיך זיך גרייט
אַ לייען טאָן אַ משל, ס'זאָל דעם עולם נעמען, בריען.
נאָר דאָ פאַרהאַלט מיין בליק זיך: ווער איז ד ע ר?
זיין אויסגעפאַשעט פנים זאָגט: כ'ביך נישט קיין ליאַדע-ווער!
ער טיילט זיך אוים מיט הער הלבשה פונעם גאַנצן עולם;
בקיצור: אויף אַ נאָווינע ביי אונדז — אַ שפעקוליאַנט;
אַ שמייכעלע אַ העפלעכס פלאַטערט אויפן מויל אים,
אָט וועט ער באַלד באַגריסן פריינדלעך מיט דער האַנט.
ווי דאָ ווער איך גערופן ווייזן מיין טאַלאַנט;
נאָר י ע נ ע ר האַלט מיין בליק, אים נישט פון אָרט צו רירן,
און כ'שטעל זיך אויף, פאַרקוקט אין אים, און נעם אימפּראָוויזירן:
...אַנומלטן, אום פרילינג, גיי איך אויף אַ וועג שפּאַצירן.
דאָ קומט אַנטקעגן מיר — אַ קו.
זי טוט מיר היימיש-פיין באַגריסן: „מו-ו!".
פאַרחידוש איך זיך: — סאַראַ מחותנים?!
איך זע דאָס ערשטע מאָל דיין קוואיש פנים!
סאַראַ באַגעגעניש — נו-נו!
— און איך, — זי ענטפערט מיר: מיר זענען נאָענט, פיל איך —
צי טרינקסטו דען נישט, פריינד, מיין זיסע מילעך?
— מו-מו?!
איך גיי זיך ווייטער — קומט מיר אָן אַן אָקס אַנטקעגן:
— „גוט מאָרגן, פריינד!" — און ווידער בלייב איך שטיין,
אים פרעגן:
— וואָס קערן מיר זיך, אָקס מיט הערנער, אָן?
די קו, נו, מילא... נערט מיך מיט איר היטער... —
און ס'ענטפערט מיר דער אָקס, עקשנותדיק אין טאָן:
— „איך נער דיך מיט מיין פלייש!".
איך לאָז זיך ווייטער —
ליפט צו צו מיר אַן אַלטער הונט מיט פריצישקייט אין גאַנג:
— „גוט מאָרגן! — האַווקעט ער: דערלויבט מיר שטילן מיין פאַרלאַנג
צו לעקן אייער שטיוו און אייער פריינדלעכקייט געניסן".
— אויך דו? — איך פאַל אַריין אין צאָרן, און איך טו אַ הילך:

צי עס איך דען דיין פלייש? צי טרינק איך דען דיין מילך?
וואָלסטו געהאַט די ציין, צי וואָלסטו נישט געביסן?
פּאַשאָל! — — —
עס האָט אַ פּאַטשערײַ פון הענט דעם רוים פון זאַל צעריסן,
און מיטאַמאָל —
דער שפּעקוליאַנט, פון משלם פּייל געטראָפן,
האָט זיך אַ רים געטאָן פון אָרט און איז אַנטלאָפן.

וואַרשע, יולי, 1951.

דער סאָלאָוויי און דער פאַלק

אין תפיסה-צימער פון געכאַפּטע פייגל
אַלערליי
האָט אויפגעהויבן זיך אַ מיטגעפּיל-געשריי —
דער פייגל-פאַנגער האָט אַריינגעבראַכט אַ סאָלאָוויי
און אין אַ שטייגל אים, ווי זיי,
פאַרשפּאַרט אויף ווינד-און-ווײ.
אַן אַלטער פאַלק האָט קלוג אים צעגעוווּנקען מיט אַן אייגל:
— מיין סאָלאָוויי, מיין קינד!
פאַר וועלכע זינד?
דעם פייגל-פאַנגער אין די אויגן, ווי אַ תם, געשפּרונגען?
— כ׳האָב וועגן ליבע צווישן פייגל-פעלקער בלויז געזונגען
מיט האַרציק-טיף געפיל,
טרעל-טריל!
טרעל-טריל!
מע קריגט זיך,
מע פליקט זיך,
מע שטיקט זיך
און ביז צו בלוט דערפירט מען זי, די שפּיל...
טרעל-טריל!
טרעל-טריל!
עס רייסט די פעדערן אַרוים איעדער ביי דעם צווייטן, —
האָט אָפּגעענטפערט זיפצנדיק דער סאָלאָוויי פאַרטראַכט:

כדי... עס זאָל אַ דריטער אויסבעטן זיין נעסט פון גרייטן.
— און ווען האָט ער געפאַנגען דיך? — אים פרעגט דער פאָלק.
— ביינאַכט.

— ביינאַכט? ווען פינצטער איז? ווי האָט ער
געוווּסט גאָר ווו צו זוכן דיך אין דעם געצווייג?
— איך וואָלט אים טאַקע האָרכן ווי דעם קאָטער,
ווען כ׳שווייג!
נאָר כ׳האָב דאָך זייער שיין געזונגען —
ווי הערלעך און געלונגען!
האָט אָפּגעשאָכטן מיך מיין אייגן קול.
— כ׳פאַרשטיי דיך נישט צומאָל! —
שרייט אויס דער קלוגער פאָלק נשתומם:
ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די פאַנגענדיקע האַנט,
פאַרוואָס ביסטו נישט שטום געוואָרן, ווי די וואַנט,
און נישט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ דומם?
— איך האָב געזונגען, ווי געזאָגט, מיט האַרץ
און צוגעמאַכט פון גרוים מתיקותביידע אויגן,
מיין קול האָט זיך געליכטיקט, ווי די נאַכט געווען איז שוואַרץ —
ס׳האָט דאַן דעם שונאס האַנט צו מיר זיך אויסגעצויגן,
ווען איך בין בלינד געווען און נישט געהאַט גאָר קיין פאַרדאַכט.
— ווי טוט מען דאָס אַזוי?! — האָט אים דער פאָלק געגומען שטראָפן:
ס׳האָט נישט דיין קול דיך, סאָלאָוויי, פאַראַטן אין דער נאַכט,
ס׳האָט נישט צוליב דיין קול דאָס אומגליק דיך געטראָפן,
און גלייך מיט אונדז געפאַנגען אינעם שטייגל זיצסטו היינט —
ווייל ווי דו זאָלסט נישט זינגען הערלעך, ליבער פריינד,
די אויגן נישט פאַרגעס צו האַלטן וואַכזאַם אָפן.

לאָדזש — וואַרשע, 1949.

די לבנה, די פאַבריק און דעם אַרבעטלאָזנס הונט

די בלאַסע פּאַטעטישע פון די טונקלע הימל־רוימען
האָט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
אַראָפּגעפּליסטערט שטיל־פאַרטראַכט
צום אַ פאַבריק מיט אַ פאַרקילטן קוימען:

— אַז ווייל איז דיר און גוט! האָסט גליק!
חדשים שוין, ווי ס'האָט די רו פאַרשפּרייט אויף דיר אַ פליגל,
און ס'רוט זיך אויס דיין שטאָל און אייזן, דיינע ציגל. —
צעכאָרכלט זיך דער קוימען־האַלדז פון דער פאַבריק:
— וואָס פלוידערסטו, לבנה, דאָרט! און מיינע...
איך מיין צו זאָגן — די...
— זיי האָבן זיכער שוין גענוג דיין מי,—
דייסט איבער די לבנה אים די ווערטער זיינע:
איך קאָן דיר אָפּגעבן אַ גרוס פון זיי. נאָר־וואָס
האָב איך געזען אין אַ לאָקאַל דיין באַלעבאָס;
מיט אים — דיין הויפּט־דירעקטאָר; ביידנס פליכן גלאַנצן;
זיי עסן, טרינקען ווין, פאַרזויילן פרויען, טאַנצן;
און דו — דו ליגסט זיי נישט אַפילו אין אָפּצאַס.
— גענוג! — צעכאָרכלט זיך דער קוימען שוין אין כעס:
גענוג שוין וועגן יענע בלוטיק־זויפערישע וואַנצן!
מיר גייען אָן בלויז מיינע אַרבעטלאָזע פריינד.
— אָך, זיי? די אַרבעטער? אויך זיי באַגעגנט האָב איך היינט
ארומשפּאַצירן
אַהין־אַהער, אַהער־אַהין
פאַר העלע פענצטער פון לאָקאַלן און פאַרמאַכטע טירן;
זיי זענען בלאַס, און געל, און גרין.
— וואָס רעדסטו? און וווּ זענען זיי אַצינדער?
— ביי זיך אין קעלער־שטוב, ביי ווייב און קינדער.
— איז שטיי נאָר, שטיי!
וואָס טוען זיי?
— איך ווייס? מסתמא כאַפּן זיי אַ דרימל.
ס'איז שווער צו זאָגן. איך שפּאַציר דאָך אויפן הימל,
און זיי, די קעלער־שטובן, ליגן אין דער ערד,
גאָר טיף אין דער אדמה. —
נאָר פלוצעם ווערן אירע שטאָלצע, האַרבע רייד געשטערט:
— האַוו־האַוו! האַוו־האַוו! נ־ק־מ־ה! —
עס וואָיעט אין אַ הינטערגאַס אַן אַרבעטלאָזנס הונט:
— מע גרייט דאָ אָ ן די קעלער־שטובן צו אַ בונט!
ס'דערנענטערט זיך, לבנה, אַ געוויטער. — —
און דער לבנהס געלער דיכטערישער קאָפּ

אין הימל טוט אַ ציטער
און פאַלט אין אויסגעשטרעקטן קוימען־האַלדז אַראָפּ.

פאַראַן, ווי די לבנה, אויך ביי אונדז פּאָעטן,
וואָס ווייסן צו באַזינגען שיין די בעטן
פון רייכע לייט,
נאָר פון דעם פראָסטן פאָלק זיי זענען הימל־ווייט;
דער שטרענגסטער שופט וועט זיי משפטן — די צייט.

וואַרשע, 1934.

דאָס איינטאָג־פלאַטערל און די בין

אַן איינטאָג־פלאַטערל געפרעגט האָט ביי אַ בין:
נו, זאָג, וואָס האָט עס פאר אַ זין
צו נאָגן זיסקייטן פון אַלע פלאַנצן,
זיך מיען פון פאַרטאָג ביז שפּעט פאַרנאַכט
און טאָן אַ פאַל אַנידער מיד־פאַרשמאַכט —
דו וועסט דען אויפעסן דעם האָניק גאָר אינגאַנצן?
צו וואָס דאָס פראַצעווען פאר פרעמדע, נישט פאר זיך?!
אָט נעם אַראָפּ פון מיר אַ ביישפּיל: א י ך
טרינק זאַפט מיט חשבון פון אַזויפיל בלומען,
אַז מיר אַליין בלויז זאָל עס וויל באַקומען. —
די בין האָט אים געענטפערט גאָר נישט לאַנג געטראַכט:
— דיין לעבן ציט זיך פון באַגין בלויז ביז פאַרנאַכט,
און דיינער וועט נישט זיין דער מאָרגן,
איז וואָס זשע האָסטו היינט צו זאָרגן?
גאָר אַנדערש איז עס מיט די בינען, פריינד,
ס'דערוואַרט אונדז נאָך אַ ווינטער, אונדזער ביזסטער פיינט.
דער מענטש געניסט טאַקע דעם האָניק פון די בינען,
ער האָט הערפאַר זיי אָבער אין דער שווערסטער צייט אין זינען —
ער שפּייזט זיי אין דער ביזסטער שעה,
אום ווינטער, ווען קיין בלומען זענען אויפן פעלד נישטאָ.

דער משל וויל אונדז מיטן האָניק פון זייק חכמה דינען —
געניס אים, לייענער, און זיך מיט אים דערקוויק —
אין קעגנזייטיקן זיך העלפן ליגט דעם מענטשנס גליק.

וואַרשע

די כעלעמער און דער באַרג

אין כעלעם איז אינמיטן מאַרק
געשטאַנען זיך אַ גרינער באַרג.
די כעלמער זענען אים געווען נישט גערן
און אָפט געשמועסט צווישן זיך:
— וואָס שטייט ער דאָ?
— אונדז בלויז אין גאַנג צו שטערן!
— אַז שנעלער זאָלן רייסן זיך די שיך! —
ביז איינמאָל האָט מען אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה,
און נאָך אַ גרויס געשפּאַרעניש און חקירות טיפע
האָט כעלעם אָפּגעמאַכט: אַרויסשטופּן דעם באַרג און וואָן!
באַשלאָסן און געטאָן:
די שענסטע לייט פון שטאָט — אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטעס,
פאַרקאַשערט הויך די אַרבל און — אַ נעם זיך פאַר דער זאַך!
מע שטופּט דעם באַרג. מע סאָפּעט. שוויצט. אָט באַלד געראָט עס —
ס'וועט כעלמער מאַרק זיין גלייך און פלאַך!
מע דרייט זיך אום: ווי ווייט שוין פונעם מאַרק און זיינע בלאָטעס?
— איר זעט?...
— מע זעט שוין מער נישט!...
— אונדזערע קאַפּאָטעס!
— ווי ווייט שוין אָפּגעשטופּט דעם באַרג!...
— אָך־אָך!... —
די פרייד איז גרויס, אַ יום־טוב איז די גרויסע וואָך!
און ס'איז נישט איינגעפאַלן גאָר די שענסטע לייט פון כעלעם,
וואָס הערשל אָסטראָפּאָליער האָט זיי אָפּגעטאָן — אַ בראָך! —
אין סאַמע מיטן זייער שוויצעניש און קאָך
באַהאַלטן די קאַפּאָטעס און געוואָרן נעלם.

וראָצלאַוו. יאַנואַר, 1952.

דער ריז און דאָס שרעטעלע

עס פלעגן קאָמעדיאַנטן קומען אין מיין שטעטל
און ווייזן קונצן אויפן סאַמע מיטן מאַרק;
צווישן זיי — אַ מענטשעלע, אַ שרעטל,
און אויך אַ ריז מיט פּלייצעס, ברייט און שטאַרק.
די קינדער פלעגן שטיין ארום און גאַפן, קוועלן.
נאָר מיר צום שענסטן פון די קונצן איז געפעלן,
ווען ס'פלעגט דאָס שרעטל אויפן קאָפּ פון ריז זיך שטעלן
און מיט די שרעטלדיקע פיסלעך נעמען גיין,
אָן קיינעמס הילף, אַליין
אזוי זיך גדולדיק אויף אים שפּאַצירן
און, ווינקענדיק מיט כיטרע בליקלעך פון אַ פוקס,
צעפּעפּענען דאָס פינטל-מיילעכל און קריטיקירן
דעם ריז, און חוזקן — דער עיקר — פון זיין... וווקס:
— ווי נידעריק ער איז! צו וואָס זאָל גאָר די ערד אים טראָגן?
כפרות הארף מען מיט אזעלכן שלאָגן!
הייב, גולמל, ארויף די אייגעלעך צו מיר
און זאָג אליין — מיט וויפל העכער איך בין דאָס פון דיר! —
צי האָט דער ריז געהערט די רייד? ס'איז שווער צו זאָגן.
ער האָט געשוויגן. מיט אַן אויג קיין פינטל נישט געטאָן.
נאָר פּלוצעם טוט ער, ווי נישט ווילנדיק, אַ בייג זיך אָן,
און עס צעלויפן ביי די קינדער זיך די אויגן:
דאָס שרעטעלע — ווי ס'וואָלט פון אים אַראָפּגעפלויגן
און וואַלגערט זיך שוין לעבן זיינע פיס;
דאָס שרעטעלע — אין שטויב; צום הימל קוקט דער ריז.

וואַרשע. יאַנואַר, 1951.

די שיינע שטאָלצע באָרד

ס'האָט איינמאָל איינער — ווייל ער האָט זיין צייט געשפּאָרט —
באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיך אַ לאַנגע באָרד.
נו, האָט זי פריי און ווילד גענומען שפּראָצן,
נישט פרעגנדיק קיין ראָט ביי קיינעם מער —

וואָס גייט איר אָן אַ גאָלמעסער, אַ שער!
זי האָט איר אייגענעם צעווילדעוועטן רצון.
און ענדלעך האָט זי זיך אַנטפּלעקט — אַ שיינע באָרד,
וואָס יעדער דאַרף אויף אַלץ איר גלייבן אויפן וואָרט;
באַהיטע גאָט, עס זאָל איר עמעץ אויף אַ האָר באַרירן!
זי איז איר טרעגערס באַלעבאָס
און האָט שוין איינמאָל זיך מיט וו אָ ס
פאַר גאָר דער וועלט צו גרייסן און שטאָלצירן!
— מײַן טרעגער האָט אין מיר ביי וואָס די הענט צעפירן —
די הענט, די פינגער, און די נעגל, און אַ קאָם;
אַ ש יי נ ע באָרד — דאָס איז די קרוין פון שענסטן שטאָם! —
האָט זי שוין אויפן קול אַמאָל אַ זאָג געטאָן צום גראָם.
די רייד דערהערט, הײַם באַלעבאָס האָט עס פאַרדראָסן:
— נו, שוין —
זי איז מיר שוין אַ קרוין!
זי אַפּראַזירן! — האָט ער גלייך באַשלאָסן.
געזאָגט, געטאָן. און וויטער וואָס?
אויף מאָרגן קומט זי צריק צו קריכן, ווי אַ שרץ,
דערשלאָגן, נידריק און מיט טיפן דרך־ארץ:
— גוט מאָרגן, הויכגעשעצטער באַלעבאָס!
פאַרטרייב מיך נישט, דיין קנעכט, אינגאַנצן פון דיין פנים,
לאָז איבער אין דיין גנאָד פון מיר כאָטש וואָרצעלעך, סימנים. —
און אָט־אַזוי־אַ קריכט זי טאָג ביי טאָג, די באָרד,
פון איר אַמאָליק גרויסקייט — נישט קיין וואָרט,
און בעטלט אויס פאַר זיך אַ ביסל צייט און אָרט.

אוסטקע, ביים ים. 1951

דער דאָרפסמאַן און דאָס חזירל

מיין פריינד האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ מעשה:
אַ דאָרפסמאַן האָט געהאָדעוועט חזירימלעך אַ פּאָר
און ליב געהאַט זיי, „זיינע קינדערלעך די ווייסע",
ווי ער האָט זיי גערופן, גאָר און גאָר.

נישט נאָר ער האָט זיי קיינמאָל נישט געשלאָגן,
נאָר, ווי די שעפּסן — משה, אויף די הענט געטראָגן.
נאָר אָט האָט איינמאָל זיך געמאַכט —
עס שטייען פאר דער נאָז שוין די חגאות
און, ווי געווײנלעך, האָט דער דאָרפסמאַן נישט קיין מעות:
וואָס טוט מען? — קראַצט ער זיך אין קאָפּ פאַרטראַכט.
און גלעטנדיק אזוי א חזירל פאַרכמורעט-זיסלעך,
ער דרייט פּאַמעלעכן צונויף ביי דעם די פיסלעך...
דאָס חזירל זיך טוט אין שרעק אַ וואָרף
און גרילצט ארוים אַ קוויטשיקע יללה,
וואָס שניידט די אויערן ביים גאַנצן דאָרף.
פון דאָרפסמאַנס קעל זיך רייסט ארוים אַ קללה;
די אויגן — רויט, דאָס פּנים גליט;
ער כאַפּט א שטריקל, מאַכט א שלייפל און פאַרציט;
דאָס חזירל מאַכט קולי-קולות, יאַילעס,
דער דאָרפסמאַן — כאַפּט אַ מעסער און אַ קייל עס.
— דו האָסט דאָך, ווי אַ קינד עס ליב געהאַט! דו האָסט... —
שרייט אוים צו אים מיין פריינד און נעמט די ליפּן בייסן:
ווי האָסטו זיך געקאָנט אויף דעם אזוי צעכעסן?!
— די זאַך איז, — ענטפערט ער אים ערנסט: פּשוט-פּראָסט —
ווייל ס'איז אַ חזירל און האָט זיך בינדן נישט געלאָזט.

וואַרשע, 1951.

דער כאַמעלעאָן און די רויז

אַ כאַמעלעאָן
האָט איינמאָל מיט אַ פּראָטעזשירנדיקן טאָן
גענומען צון אַ רויז אַ פּורפּור-רויטער ריידן:
— עס שטייט דיר אָן, באמת, איינשטיין אין גן-עדן.
דיין פּורפּור — נו, מלכים פּאַסט זיך אין אַזעלכן קליידן.
און דו — דו טוליעסט זיך אין זיך אריין באַשיידן!
און אויב דו טוסט עס מחמת קלוגשאַפט, איז עס אויך נישט שלעכט.
איז, ווי דיין שיינקייט, אויך דיין חכמה עכט:

דו גיסט זיך אַפּ אַ חשבון — ס'פעלן דיר נאָך מעלות
און האָסט נישט וואָס אַריינצופאַלן אין התפּעלות;
דו קאָנסט, למשל, זיך נישט גלייכן... המם, צו מיר,
ווייל דו פאַרמאָגסט בלויז איינאַונאיינציקן קאָליר,
מיט וועלכן, אמת, מעגסט מיט רעכט שטאָלצירן,
און איך — איך האָב זיי אָן אַ שיעור
און כ'טויש זיי לויט מיין ווילן, די קאָלירן. —
און זי? די פּורפּור־רויטע רויז?
זי האָט געשוויגן און פאַרשעמט זיך בלויז.

עס זענען אויף דער וועלט פאַראַנען בריות,
וואָס נישט זיי שעמען זיך, נאָר רימען זיך מיט זייער צביעות.

וואַרשע, סעפּטעמבער, 1949

דער חזיר און דער פויער

אַ דבר־אחר, שמאָרענדיק אין מיסט און ווילדע גראָזן,
דערזען האָט ווי דאָלעבן גראָבט אַ פויער און הער ערד,
און ס'האָט דער חזיר מיט אַ פעט געלעכטער זיך צעלאָזן:
— צו וואָס די מאָדנע ברואה האָט זיך עס דערקלערט!
צו וואָס דאָס אין דער טיף אַריין זיך גראָבן,
ווען אויף דער אויבערפלאַך ליגט שפּייז גענוג,
און ס'איז גאַנץ לייכט זי אויפן אָרט צו האָבן?
איך בעט דיך, דאַרער שוטה, מאַך מיך קלוג —
וואָס זוכסטו דאָרטן? וואָרצלען פון וווילשמעקנדיקע בלומען?
און מ י ר שמעקט אַלץ, וואָס לאָזט זיך לייכט באַקומען.
אַהאַ! דו ביסט פאַרקראָכן שוין אין באָדן ביז די קני.
— איך וועל דיר, — האָט דער פויער אים געענטפערט: זאָגן,
ס'איז ליבערשט מיר צו בלוטיקן אין מי.
אַבי
צו עפּעס רעכטס זיך צו דערשלאָגן.

מײַן משל װײַל דעם מענטשן, װעלכער זוכט דעם אמת, זאָגן:
געניסן פֿון דער פֿלאַכקייט איז דעם חזירס זאַך,
װאָס עפּעס רעכטס איז, ליגט נישט אויף דער פֿלאַך.

װאַרשע, 1949.

אַ פּחדן

אַ פּחדן, װעלנדיק אַ צװייטן פּחדן זאָגן
אַ װאָרט, װאָס זאָל אים שטעקנבלייבן אין געביין,
טוט אָן אַ מאַסקע, הייבט אים אָן צו צװאָגן
מיט אַ פֿאַרענדערט קול, געזייעט דורך די ציין,
(און ציטערט ס׳זאָל אים עמעץ נישט דערקאָנען):
— דו פּחדן! ציטערסט דאָך צו זיין אין שטוב אַליין!

פֿאַרװאָס באַהאַלטסטו, קריטיקער, דיין פּנים,
צו זידלען: „פּחדן!‟ אונטער אַ פּסעװדאָנים?

װאַרשע. מאַי, 1952.

דער טשװאָק און דער האַמער

— װי איז דיר, האַמער, נישט קיין שאַנד
צו שלאָגן מיר דעם קאָפּ אין װאַנט?
דו װילסט מיר אויפֿן שכל רירן?!
— איך האָב נישט, טשװאָק, קיין זאַ באַגער.
איך שלאָג דיין קאָפּ, װייל ער איז לער
און האָט נישט קיין געהירן;
אויב דאַרף ער זיין אַ בלױזער פּוּץ,
איז בעסער, ער זאָל ברענגען נוּץ.

װאַרשע. אַפּריל, 1952.

דער נול, וואָס איז אויף זיך א מבין

אנומלט מיט א נול שפּאַסט איינער,
ער זאָל אים עפּעס געבן.
דער נול זיך שטיל פאַרטראַכט
און ענטפערט: — איך אליין נאַר,
אָן עמעצן דערלעבן,
בין אָרעם, ווי די נאַכט. —
האָט יענער זיך צעלאַכט:
— דו האָסט מיר עפּעס שוין געגעבן,
כ'האָב מערער נישט באַגערט,
און זאָלן מענטשן וויסן — הערט:
א נול, וואָס איז אויף זיך א מבין,
האָט ע פּ ע ס שוין די ווערט.

ווארשע. דעצעמבער, 1951.

דאָס אייזעלע

פאַרוואָס האָט דאָס אייזעלע אויערן לאַנגע באַקומען?
עס האָט זיך צו פיל צו דעם הערן גענומען —
צו הערן אפילו, וואָס אַנדערע ריידן בסוד.
„וואָס מער, טראַכט דאָס אייזעלע קלוג, איך וועל הערן,
אלץ קלוגער און קליגערער וועל איך דאָך ווערן!"
נו, האָט עס געהערט און געהערט, און אַנשטאָט
צו טראַכטן פאַרנומען זיך בלויז מיטן הערן,
און האָט נישט קיין צייט געהאַט קלוגער צו ווערן. —
נו, האָסטו דיר אויערן לאַנגע דערפאַר
און קורץ איז דיין שכל, דו אייזעלע נאַר!

דער פוקס, וואָס ליבט דעם דראָסל*

צווישן חיות איז אין וואַלד אַ רייד געגאַנגען
וועגן פייגל־זינגער, קעלעכלעך, געזאַנגען:
וועלכער פויגל טרעלעליקעט שיין?
וועלכער מיאוס?
וועלכן פויגלס זינגען איז געמיין?
וועלכן פויגלס איז אַ כּעס?
מ׳האָט געטומלט, מיט די לאַפּעס און די נעגל זיך געשפּאַרט.
אויך דער פוקס האָט אַזש געפּינטלט מיט די וויעס
און געליבט דעם דראָסל היים און צאַרט,
אויסגעליבט אין טאָג אַריין אויף אַלע זייטן.
האָבן אַלע זיך פאַרוואונדערט: וואָס זאָל דאָס באַדייטן!
זאָל דאָס קאַרגע פּיקסל ליבן עמעצן אומזיסט —
גלאַט אַזוי געוואָרפן ווערטער אויפן מיסט?!
ווייל עס ווייסן דאָך די חיות, ווי עס ווייסן לייטן,
יענע שיינע מעשה מיט דער קראָ און מיטן קעז...
קליגט ער זיך נישט איצטער אויך — זיין ליב פאַרבייטן,
ווי אַנומלט, אויף אַ גנבהשן און לייכטן פרעס?
און מע זוכט דעם דראָסל ערגעץ אויבן:
וואָס וועט קאָסטן אים דעם פּיקסלס ליבן?
וואָס וועט באַלד געשען?
נאָר דערזען
האָבן זיי גאָר אויף אַ צווייג אַ קראָ אַ זקנה,
און זי האָט געטאָן אַ קראַקע: — עך, נאַראָנים איינע!
ס׳האָט דער פוקס געליבט דעם דראָסל מיטן מיין דערביי,
אַז דעם סאָלאָווייטשיקס זינגען איז נישט איי־איי־איי.

נעמט זשע זיך נישט איבער, פּעטער יאָסל,
(ס׳זאָל אייך שפּעטער נישט, חלילה, זיין לגנאי)
וואָס רב שמערל ליבט אייך, ווי דער פוקס דעם דראָסל —
שבחים פון אַ פאַלשן מענטשן זענען פּסול.

וואַרשע, מערץ, 1952.

---

* אַ זינג־פויגל. אויף פּויליש דראָזד.

די דיכטער און דער מאָנומענט

נאָך חצות. די באָרוועסע לבנה האָט פאַרשפּונען
דאָס גראָז, די ביימער און מצבות מיט איר שיין;
אַ קלאַנג פון שטאָט איז ווייט־ווו אויסגערונען —
אין דער בית־עלמין־שטילקייט נישט אריין.
אין שפּיל פון שאָטן מיט געציטער־שימער צאַרטן
באַוויזן זיך שוין מתים. אויך דער דיכטער דוד שמערץ
טוּיכט אויף פון קבר: ס׳מוז אויף אים שוין וואַרטן
זיין חבר מאיר לעכעמאַניע... ניין נאָך? הערט נאָר, הערטס!
ווי פּלוצעם טוען זיך די אויגן זיינע א צעפאָר אים:
אויף לעכעמאַניעס קבר שטייט אַ מאַרמאָר־מאָנומענט
אַנשטאָט דעם פריערדיקן ברעטל!... אלע קברים
פאַרשאָטנט ער מיט זיך און מיט זיין גאָלד פאַרבלענדט.
דער דיכטער דוד שמערץ קלאַפּט אָן צום חבר: — מייסטער!
טויך אויף! דאָס פאָלק האָט ענדלעך זיך אין דיר דערמאָנט —
געשטעלט דיר א געדענק־שטיין, אז די אויגן ממש רייסט ער!
— דו גרייזט. ער איז נישט פאַרן פאָלקס געמיינעם טייסטער;
איך האָב אין אים אַ מעצענאַטס א חנדל גלייך דערקאָנט;
איך וויל נישט אויפטויכן — איך קאָן אויף אים נישט קוקן;
(ווי פיין עס איז געווען דאָס ברעטל, פונעם פאָלק געשטעלט!)
ער פאַהערט, כ׳זאָל ווי פאַר אַ גאָץ, פאַר אים זיך בוקן —
דער מאַרמאָר־קאַלב, געמאַכט פאַר שוויס־און־בלוטיק געלט.
שוין בלויז זיין שאָטן דריקט דאָך אויף מיין יעדן אבר, —
איז לאָמיך ליבערשט ליגן דאָ פאַרבאָרגן, שטום, —
האָט מאיר לעכעמאַניע היים געפּליסטערט פונעם קבר,
אַזש ס׳האָבן אויפגעשוידערט בלאַט און גראָז ארום.
דער דיכטער דוד שמערץ האָט אומעטיק א ווייל געשוויגן
און פּעסט אַ זאָג געטאָן: — ווי וואָר עס זענען דיינע רייד!
איז, קום! וואָס ווערסטו אין זיין שווערן שאָטן דאָרטן ליגן?
מיר וועלן רוען אין מיין ענגן קבר זאַלבעצווייט. — — —
און ער, דער מאָנומענט, וועט קיינמאָל גאָרנישט שפּירן,
אַז פון דעם קבר איז אַנטלאָפן דאָס געביין:
דער קבר איז דאָך בלויז זיין אייסרייד צו שטאָלצירן
מיט אייגענעם פאַרנעם און גלאַנץ, און גאָלד — מיט זיך אליין.

וואַרשע.

דער וואַכטל און די פּאַווע

עס האָט אַ גרויער וואַכטל אויף אַ פֿייגלשער זאַבאַווע
זיך צוגעשאַרט באַשיידן צון אַ רייך פֿאַרפּוצטער פּאַווע
און, פֿיין פֿאַרנייגנדיק דאָס קעפּל, זי מיט עלעגאַנץ
פֿאַרבעטן העפֿלעך אויף אַ טאַנץ.
— נו, ווי געפֿעלט עס אייך די חוצפּה די געמיינע? —
בלאָזט אָן די פּאַווע אירע פֿעדערן די שיינע:
דו, גרויער פֿויגל אָן פֿאַרנעם און גלאַנץ,
איך האַלט נישט פֿון קיין בחורים קבצנים,
איך וועל אויף זיך געפֿינען פֿיינערע בעלנים! —
און אויסגעדרייט זיך צו דעם וואַכטל מיטן עק,
זי האָט אַ ווענד געטאָן זיך חשיבותדיק און נאָבל
צום קאַלעקוצקן האָן און אויף אַ טאַנץ מיט אים אוועק.
עס האָט דער וואַכטל אָפּגעווישט דעם שנאָבל
און זיך געהאַלטן שוין פֿון איר, דער גאַוהניצע, ווייט:
„מע דאַרף זיי אויסמיידן, די אָנגעבלאָזן-שטאָלצע לייט.
זי האָט זיין האַרץ פֿאַרוווּנדעט — נו, וועט היילן עס די צייט".
זי אומגעריכט: די פּאַווע שטייט אים ביי דער זייט
און רעדט צו אים גאָר פֿריינדלעך און מיט כלומרשטער הכנעה:
—ס'פֿאַרשאַפֿט מיר אייער זיין דאָ פֿיל הנאה.
איר זענט אַן איידלער קאַוואַליר.
דער קאַלעקוצקער האָן, אוי-ווי, איז דאָס אַ צרה!
(פֿאַר אייער פֿיינקייט מעג ער ווערן די כפּרה
דער תרנגול, דער ווייבערניק, דער יצר-הרע)!
ער טאַנצט מיט מ י ר,
און ס'גייען אים די ווייבער זיינע נישט ארויס פֿון זינען.
כ'וואָלט גערן לאָזן זיך פֿון אייך, הער וואַכטל, דינען,
ווען א י ר —
זי טוט הערביי אַ שפּיל קאָקעטיש מיטן ווידל:
פֿאַרבעט מיך נאָכאַמאָל, ווי פֿריער, פֿיין און איידל
צום טאַנץ... נו, נעמט מיך... פֿיר...
— איר זענט באמת היינט, מאַדאַם, לאַסקאַווע —
האָט שפּאָטיש זיך פֿאַרנייגט דער וואַכטל פֿאַר דער פּאַווע
און, אויסגעדרייט צו איר זיך מיטן עק,
אַוועק.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1949.

דער האָז און די טשערעפּאַכע

א האָז,
געטראָפן אויפן וועג א טשערעפּאַכע,
האָט אָפּגעשטעלט זיך און, פאַררייסנדיק די נאָז,
גענומען פון איר שפּאָטיש לאַכן:
— קוקט אָן די שלעפּערין! וואָס זאָגט איר נישט אויף איר,
און וואָס איז דאָס מיט איר דער יחוס, זאָגט, אשטייגער?
כאָטש נעמט און צאָלט איר אויס א רענדל פאַר א ריר,
אזיסט פאַרשלעפּט זי זיך נישט און זי מאַכט זיך פגר!
אָט זאָל זי טאָן א קוק אויף מיר —
איך הער זיך אַלץ נישט אויף צו איילן,
הגם כ'האָב אויסגעמאָסטן וועגן אָן א שיעור
און אויפגעפרעסן שטרעקעס גאַנצע מיילן.
ווייל, זאָגט אליין,
עס איז די וועלט דאָך גרויס אזוי און שיין!
עס טרייבט מיך...
— הער שוין, העזל, אויף צו טרייבן שפּאַסן.
ווייל אויב דו רעדסט דאָס ערנסט, ביסטו דאָך געמיין, —
האָט אָפּגעענטפערט אים די טשערעפּאַכע שטיל־געלאַסן:
עס טרייבט דיך דען דער נייגיר? ס'יאָגט דיך בלויז די שרעק.
און איך — ס'איז אמת, ס'איז אזוי מיר ניחא.
איך גיי פּאַמעלעך מיר מיין וועג,
ווייל כ'בין זיך אין מיין פאַנצער זיכער. —
ביים האָז
איז אַלץ געווען פאַרריסן נאָך די נאָז.
ער האָט געוואָלט נאָך ווייטער חוזק: „נו, שלעפּ זיך גיכער!",
נאָר דאָס איז אים שוין נישט געווען באַשערט,
עס האָט זיין טבע אים פאַראַטן:
ער האָט דערזען א שאָטן...
דעם אייגענעם... לעם זיך אויף דרערד,
און נישט געטראַכט, און נישט געקלערט
געטאָן א ריס זיך פונעם אָרט און אָפּגעצויגן —
א פייל פון בויגן.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1949.

די מויז און דער פּערל

א מויז
אין איינעם גאָר אַ רייכן הויז
האָט איינמאָל פּלוצעם זיך גענומען האַלטן גרויס.
דאָס איז געווען דער מויזן-נאָרע אומפאַרשטענדלעך:
מיט וואָס שטאָלצירט זי דאָס אַזוי,
ווי אונדזער ווירטין, ווען זי ציילט די גינגאָלד-רענדלעך?
צי איז זי נישט, די שטאָלצע מויז, ווי אַלע מיר דאָ, גרוי? —
ביז ענדלעך
אַן אַלטע מויז זיך טוט צו איר אַ קער:
— בלייב שטיין אַ רגע, גרויער-חברהניק, און הער,
וואָס איז מיטן דיין פאַררייסנקייט דער מער?
צי נישטערסטו נישט, גלייך ווי מיר, אין אַלע פּענדלעך? —
און ס'ענטפערט איר די מויז מיט שטאָלצער פרייד:
— עס איז אַנומלט מיר א גרויסע זאַך געלונגען —
איך האָב אַנשטאָט א חלב-טריף א פּערל איינגעשלונגען!
— א פּערל! דאָס איז פּראַכט, נישט אָפּצומשלען מיט קיין רייד! —
האָט שיר די אַלטע מויז זיך נישט צעזונגען:
נאָר... נישט ביי דיר אין אינגעווייד.

וואַרשע, מאַי-יוני, 1951.

סאָקראַטעס אין גיהנום

ס'איז גאָר הער צדיק יענער אויף דער וועלט נישטאָ,
וואָס זאָל דעם גיהנום אויסמיידן אינגאַנצן:
ווער ס'גייט אַהין אויף לאַנג, און ווער בלויז אויף א שעה,
נאָר יעדער מוז אויף זיינע גליענדיקע קוילן טאַנצן.
אַז אויסנאַם וואָלט געווען סאָקראַטעס בלויז אליין
צוליב זיין פּלוניתטע, דער וועלטבארימטער קליפּה,
מאַדאַם קסאַנטיפּע,
וואָס פאַר איר משפּט פלעגט דער שוין-באַיאָרטער חכם שטיין,
ווי א געשמיסן ייִנגל.

זי האָט אים פאַרן לעבן אויסגעליטערט ריין
מיט איר צעגליטן, פייערשפּייענדיקן צינגל
נאָך בעסער פון אַ גיהנום-פלאַם:
און דאָס איז אויך געווען די סיבה, מן-הסתם,
וואָס ער האָט אויסגעטרונקען דרייסט דעם בעכער סם...
בקיצור: ס'האָט דער בעזן-צדק אויפן אָרט פאַרשטאַנען,
אַז פאַר סאָקראַטעסן איז שוין קיין גיהנום נישט פאַראַנען,
און צוגעפּסקנט, אים צו שיקן אין גן-עדן באַלד.
סאָקראַטעס אָבער — ער, דער מאַן פון שטאַרקן ווילן וויסן
איז אומגעריכט אַרויס גאָר מיט אַ גוואַלד
און צו דעם גיהנומס טויער ממש זיך געריסן,
אַז ס'האָבן קוים פאַרהאַלטן אים דעם גיהנומס קנעכט:
— מיר קומט אַ ביסל גיהנום און איך מאָן מיין רעכט! —
דער בעזן-צדק האָט זיך שנעל באַראָטן: — נו, וואָס שאַט עס.
זאָל זיין אַזוי, ווי ס'ווינטשט זיך סאָקראַטעס,
ווי לאַנג ער וועט פאַרלאַנגען, זאָל ער דאָרטן זיין. —
און אויך סאָקראַטעס איז אַהין אַריין
אַ באָרוועסער צו שפּאַנען איבער גליענדיקע קוילן
מיט זיינע אָרנטלעכע טויטע זוילן.
דער פילאָזאָף האָט דורכגעליטן מוטיק-שטיל די פּיין
און אויסגעפאָרשט דערביי די שבעה-מדורי-גיהנום,
צי איז אין זייער חושך דאָ אַ שטראַלכל שיין?
און וועגן דעם געשמועסט, דאָ מיט דעם, און דאָרט מיט יענעם.
אָט ווי אין אַטען פאַר זיין לעבן רעדט ער קלאָר און קלוג.
נאָר איין זאַך זאָגט ער נישט: „איך האָב דעם גיהנום שוין גענוג!”
ביז איינמאָל האָט מען אים אַריינגעפירט באַווייזן
אַ טאָרטור-קעמערל פון אַ מרשעת, וואָס זי אַליין
האָט אויסגעשטאַט עס פּרעכטיק און זי האַלט עס זויבער-ריין.
— אוי-וויי! כ'בין אויך נישט שטאַרקער פון קיין אייזן! —
געבליבן איז סאָקראַטעס טויט-דערשראָקן שטיין:
אַ גיהנום אויסגעפּוצן מיט טעפּיכער, גאַרדינען, בלומען —
געקאָנט האָט דאָס אויף יענער וועלט קסאַנטיפּע בלויז אַליין.
אוי-וויי! זי זאָל, חלילה, באַלד אַהער נישט קומען
און נעמען טריפן זידנדיקן פעך מיר אויפן גומען ,

אייב פשוט עס צו זאָגן, כמיין —
אַ מאָל טאָן מיטן צינגל, ריידן, ריידן... —
און ס'האָט דער פילאָזאָף געטאָן דערביי אַ שמייכל קלוג:
כ'גיי חלשן... דאָס בעסטע ערשט פאַר מיר אין פלוג...
באמת, כ'האָב דעם גיהנום שוין גענוג! — —
און ס'האָט סאָקראַטעס אויפגעכאַפּט זיך אין גן־עדן.

וואַרשע, 1949—1950.

דער הער רעדאַקטאָר און דאָס בייגעלע פּאַפּיר

דער הער רעדאַקטאָר רעדט צו זיך אליין פאַרביטערט:
— גענוג שוין צייט געפּטרט! וויפל איז דער שיעור?
(און צווישן זיינע פינגער ציטערט, ציטערט
אַ נישט אדורכגעלייענט בייגעלע פּאַפּיר).
ס'איז גאַרנישט פון די גראַפאָ... לייט זיך אָפּצושלאָגן!
דו וועסט זיי, ווי די זלידנע פליגן, נישט פאַריאָגן.
שטאָט איינעם, וואָס האָט היינט זיין פּסק ארויסגעטראָגן,
אויף מאָרגן מעלדן זיך צו דיר אַ צענדליק צוויי
און וואַרטן אומגעדולדיק אין דער ריי.
און יעדער פאָדערט, ווער באַשיידן, ווער מיט חוצפּה שטילער:
„נו, נעם און כאַפּ אַ קוק, און... אָנערקען
די פּרוכט פון מיין פרישצאַפּלדיקער פען".
און וואָס פאַרלאַנגט ער דען? וואָס וויל ער?
צי דען פאַרלאַנגט ער ווייס־איך־וואָס?!
און דו ביסט זיכער דאָך — עס וועט נישט קיינער
(עס ציטערט אין זיין האַנט דאָס בייגעלע מיט יעדן אות),
נו, ממש נישט קיין איינער,
פאַרדינען זיך אויף מער, ווי גיין אין קויש! —
נאָר ווי ער וויל אַהין אַ וואַרף טאָן דאָס פּאַפּירל: — רוי־ש־ש־ש! —
עס שעפּטשעט, שעפּטשעט דורך די פינגער זיינע:
דו האָסט מיך נישט דערלייענט ביזן סוף,
און שוין מיך אָפּגעמשפּט?! שוין די שטראָף?!
דו מעגסט פאַר מיר זיך שעמען! — שעפּטשעט עס מיט טענה.

— זיך שעמען? — איז פאַרוווּנדערט דער רעדאַקטאָר:
איך פאַר דיר?!
— יאָ, יאָ. — קומט גלייך דער ענטפער: דו פאַר מיר,
דעם זויבער־ריינעם און פאַרשוואַרצט געוואָרענעם פּאַפּיר.
— דו גראַפאָ... ביסט דאָך אויסגעטינטלט פול מיט פלוידערייען!
ס'איז פשוט גוואַלד צו שרייען! —
דער הער רעדאַקטאָר כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: פאַר וואָסער שולד? —
און ס'ענטפערט אים דאָס בייגעלע פּאַפּיר כהרף־עין:
— פאַר האָבן ווייניקער, ווי איך צו דיר, געדולד...
— וואָס מיינסטו? — שטאַמלט דער רעדאַקטאָר: דו... פאַרשייטער!
— צי ווייניק ליידן מיינע ברידער — ווייס פּאַפּיר —
נאָך היינט צו טאָג פון דיר אליין, פון דיר?!...
איז נעם און לייען ווייטער!

וואַרשע. מערץ—אַפּריל, 1950.

דער פאַרהיימישטער טכויר

הערט אויס אַן אויסטערלישע מעשה, הערט און שטוינט,
איך קאָן אייך שווערן, אַז סע לוינט:
מע האָט אַנומלטן אַ טכויר געפאַנגען
און אים פאַרהיימישן גענומען, מאַכן פאַר אַ לייט.
און שטעלט אייך פאָר, די לער איז גוט געגאַנגען —
פון בלוט פאַרגיסן איז דער טכויר שוין ווייט, גאָר ווייט!
עס ציט אים שוין ניט מער קיין פויגלשער גרגרת,
בקיצור: ער איז ריין פון בלוט און פון עבירות.
און עסן? טרינקען? וואָס אַ גוטע האַנט דערלאַנגט אים: — נאַ!
דאָס נעמט ער און פאַרצערט, און ווישט די ליפּן אָפּ שטיל־שאַ.
נאָר איין חסרון איז פאַרבליבן אים: דער ריח־רע.
און ווו ער קומט צעווישן מענטשן לאָזט ער פון זיך הערן...
מע מיידט אים אויס, נאָר ער איז שוין אַזאַ,
וואָס קאָן ניט לעבן אָן געזעלשאַפט; טוט ער זיך ניט שטערן
און, כאָטש מע קוקט אויף אים פון אַלע זייטן קרום,
ווייל, כ'בעט אייך, וואָסער מענטש איז דאָס אַ בעלן

זיך אַנצושמעקן און חלשות פאַלן —
ער טוט זיך זיינס: ער דעמפּט זיין שמעקעכץ אומעטום.
און זעען מע נעמט אים מוסר זאָגן: — סטייטש? און היתכן? —
אויך דעמלט ווערט ער נישט ביי זיך געפאַלן, נישט געבראָכן,
פאַרקערט, ער נעמט מיט אלע אברים זיך קאָכן,
עס שוימען זיינע ליפּן, און עס קריצן זיינע ציין,
און גיט מיט ווערטער הייסע צו פאַרשטיין:
— וואָס אַרן מיך די רייד? אַבי איך וויים אַליין,
אַז דאָס געוויסן מיינס איז ריין!

עס זענען דאָ אויך לייט אַזעלכע מיט... אַ ריין געוויסן —
נאָר פריינדלעך לאָזט זיי אונדזער טכוירל גריסן.

וואַרשע. מערץ—אַפּריל, 1951.

עזאָפּ און דער אייזל

מע זאָגט נאָך, אַז דער אייזל איז אַ נאַר!
אַנומלטן געקומען איז דער אייזל מאָנען האָנאָראַר
ביי עזאָפּן דעם משל-דיכטער, מיט דער טענה:
— דו האָסט געשאַפן ווערקלעך ווירקלעך זייער פיינע,
און ס׳האָט די וועלט דיר אָפּגעצאָלט מיט רום;
גאַנץ ריכטיק; אָבער ווערמען האָסטו צו פאַרדאַנקען,
און ווער האָט דיך אַרויפגעפירט אויף די געדאַנקען,
אויב נישט דער אייזל — איך! — דער אייזל-דום?
ווען מיין כאַראַקטער וואָלט נישט זיין פאַר דיר אַ מוסטער,
וואָלסטו פאַרבליבן פאַר דער וועלט אַן אומבאַוווסטער,
און פאַר דער אייביקייט דער נאָמען עזאָפּ וואָלט געווען
אַ פּוסטער... —
האָט עזאָפּ זיך צעשמייכלט: — דברסט, אייזל, גאַרנישט קרום!
נאָר הער, איך זע דאָך, אַז עס גייט דיר אין דעם רום,
פאַרזיכער איך דיר — האָסט זיך נישט אויף וואָס צו קלאָגן:
דיין נאָמען וועלן אַלע בעל-משלים אויף די ליפּן טראָגן,
דו וועסט ביי זיי
דער צווייטער נאָכן פוקס זיין אין דער ריי;

עס וועלן קינד און קייט פארשטיין, וואס א ײ ז ל מיינט צו זאָגן,
און עזאָפּ וועט זיך אפשר צו אזעלכעס נישט דערשלאָגן...
— איך מיין נישט, — שרייט דער אייזל אוים: הײַם רום, פאַרשטיי,
איך מיין — דאָס ביסל היי.

יאָ, יאָ. אין לעבן טרעפן אויסטערלישע טראָפן:
אַ דיכטערס ווייב געפּאָדערט האָט אַ קלייד פון מאָן,
ווייל... וועגן איר האָט ער זיין לעצט געדיכט געשאָפן;
און ער, דער דיכטער? האָט געשמייכלט קריטיש דאָן:
זי מעג מיט עזאָפּס אייזל גיין אין שפּאָן.

אוסטקע, ביים ים. אויגוסט, 1951

דער עפּלבוים, די דעמבעס און דער ווינט

אין ערגעץ אין אַ גרויסן וואלד מיט גרייזע מאָכן,
וו רוי און ווילד איז די נאַטור,
וווהין עס איז דער מענטש נאָך נישט פאַרקראָכן,
און בלויז דער ווילדער חזיר לאָזט אין מאָך אַ שפּור,
וו אויך קיין פייגל פרוכטן-עסער זענען נישט פאַראַנען —
איז צווישן דעמבעס אָן אַ שיעור אָן עפּלבוים געשטאַנען,
אָן אויפגעבלאָזענער בעל-גאווה — ס'האָט זיך אים געדוכט,
אַז ער גייט ברענגען אויף דער וועלט די שענסטע פרוכט.
ער פלעגט זיך לייכטן ווייס און ראָז מיט זיינע צווייטן,
באַרימען זיך אָן אויפהער, אָן אַ סוף,
און ס'האָט אים קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין שטאָף
צו פּלוידערן, צו שטן און צו שיטן:
— אַ וועלט מיט דעמבעס ארום מיר, און איך — אין סאמע מיטן!
מיט פרייד עס רוישן אין מיין איטעווייניק די געבליטן
און צייטיקן דעם ווייניק-טערפּקען זאפט,
וואָס איז פון ערד-נאַפּל אין מיר אריינגערונען.
איך זע באַצייטנס דעם קאָליר, די גאָלדיקייט, די קראַפט
פון מיינע עפּל — אויף אַ גרינעם הימל קליינע זונען!
ס'וועט שטיין פאר זיי די גאַנצע וועלט פאַרגאַפט. —

אזוי האָט ער, דער עפּלבוים, געפּלוידערט מיט די בלעטער,
נישט אָפּגערוט זיך, נישט געלאָזן גאָרנישט נישט אויף שפּעטער.
ביז איינמאָל האָט א יונגער דעמב נישט אויסגעהאַלטן מער
און מיט פאַרדראָס געטאָן זיך צו דעם עפּלבוים א קער:
— נו, גוט. זאָל זיין אזוי. נאָר כ'וואָלט א בעלן זיין צו וויסן
פאַר וועמען וואַקסן זיי, די עפּל דיינע? ווער?
נו, זאָג מיר, ווער וועט עס פון זיי געניסן?
(פון מענטשן האָט דער וואַלד, ווי שוין געזאָגט, נאָך נישט געוווסט),
די וואַקסט, באַרימער פוסטער, און דו בליסט אויף פוסט!
איז וואָס זשע ביסטו נאָך אזוי פאַרריסן!?
— איך וואַקס און בלי פאַר זיך אליין —
גענוג פאַר מיר וואָס מיינע פרוכטן זענען שיין
(איך זע זיי שוין פאַר מיינע אויגן שטיין).
וואָס גייען אָן מיר פרעמדע ציין
און נאָך געדערעם,
למשל, פון חזירים,
וואָס פרעסן אָן זיך, דעמב, מיט דיינע נים? —
אים טוט דער עפּלבוים מיט שטאָלץ און שפּאָט א בים. —
נאָר דאָ האָט זיך א האַרבער ווינט געלאָזן הערן
און באַלד געכומען זיך דעם צווייט פון עפּלבוים פאַרציערן,
פאַרצערט און פליקט
און אין די נעסטן זייערע די פרוכט הערשטיקט:
— דיין פרוכט מעג שיינען, ווי די זון און ווי די שטערן,
קיים קאָן זי קיינעם נישט דערנערן,
קיין חזיר נישט באַדאַי —
איז וואָס צו טראָגן זי כדאי?
אַליין איך שיינקייט צו געניסן? דאָס איז חזיריי!"

אין וואַלד. גלאָוונאַ, 1949.

צוויי רויזן

דאָס איז א שיינע אויסטערלישע מעשה
פון רויזן צוויי, א רויטע און א ווייסע.

זייביידע — יונגע, שלאַנקע, שיין און צאַרט;
עס האָט אין זיי די זון, נו, ממש אַנגעקוואָלן;
נאָר יעדע איז געווען אין זיך פאַרנאַרט
און מערער זיך אַליין געפאַלן;
ווען ס׳וואָלט אַרום דאָ עמעץ זיין,
מע זאָל זיין מיינונג קענען פרעגן!
נאָר מער ווי טוי, און גרינס און שיין
איז דאָ נישט צוגעגרייט פונזייערטוועגן.
און ס׳האָבן וועגן דעם די רויזן טאָג און נאַכט
געאַמפּערט זיך, געפירט אַ ווערטערדיקע שלאַכט.
— פאַרשטייי! — שרייט אויס די ווייסע צו דער רויטער איינמאָל
און גיט איר בלאַנק און בלענדיק צו פאַרשטיין:
ווי קאָנסטו זאָגן גאָר: „כ׳בין שענער״? קיינמאָל!
דו האָסט דאָך קיינמאָל נישט געזען נאָך זיך אַליין!
— און דו, חכמה, האָסט אַריינגעקוקט ווען אין אַ שפּיגל? —
די רויטע צינדט זיך אָן: איז וויסטו וואָס, בכן?
מיר לאָזן זיך צופּוס (אַ שאָד, מיר האָבן נישט קיין פליגל!)
צו יענער ווייטער אָזערע, פון וואַנען ס׳גרייכט אַהער
דער גוטער פייכטער ווינט, אַ לויטער־ריינער;
מיר וועלן זיך אַ שפּיגל טאָן אין איר, און ווער
ס׳איז שענער, וועט שוין וויסן יעדער איינער. —
איז אָפּגעמאַכט. זיי לאָזן זיך אין ווייטן וועג.
עס ברענט די זון, און ס׳פאַלן נישט קיין טויען,
זיי קוקן אויס אין דורשט אַ כמאַרע אין די בלויען;
אוי, ווען וועט מען שוין קומען צו דער אָזערעס אַ ברעג!
ווי דאָ דערזעען זיי אַ פעלדז באַדעקט מיט מאָכן —
עס ריזלט שטיל אַ שטראָמל פון זיין הויכן שפּיץ!
זיי זענען, אויסגעמאַטערטע פון דאָרשט און היץ,
צון אים שוין מיט די לעצטע כוחות קוים דערקראָכן
און בעטן זיך: — טו אויך אויף אונדז אַ שפּריץ
דיין קוויקנדיקע פייכטקייט; אוי, דערמינטער פאַרן טויער
פון אונטערגאַנג צווײ וואַנדערער, אויף טויט פאַרשמאַכטע!
— דאָס זאָל אייך עפּעס קאָסטן, — ענטפערט זיי דער פעלדז דער גרויער:
איר דאַרפט זיך עפענען פאַר מיר אין אייער גאָרער פּראַכט,

הגם די אָנשטרענגונג רויבט צו א בלעטל פון דער טראַכט;
ווי נאָר עס וועט מיין אויג מיט אייער שיינקייט זיך אָנטציקן,
וועט גלייך מיין שטראָמעלע אויף אייך אַ שפּריץ טאָן און דערקוויקן.
— כ׳בין מסכּים, — זאָגט די רויטע רויז מיט חן:
איך טו עס גערן;
געניס מיין שיינקייט, הויכגעשטעלטער שטיין,
כאָטש מיט אַ בלעטל וועט מיין טראַכט געמינערט ווערן!
— ניין, ניין!
צעצאַפּלט זיך די ווייסע: כ׳וויל דערפון נישט הערן!
איך וועל זיך אָן דיין פייכטקייט מוזן, פעלדז, באַגיין. —
אוןביידע רויזן לאָזן ווייטער זיך אין וועג דעם שווערן.
די ווייסע שלייכט זיך קוים, די רויטע גייט פאַרוים.
און ווידער מאַטערט זיי די זון, די דורשט איז פיינלעך גרויס.
און ווידער טרעפן זיי אָן פעלדזן, און... די זעלבע מעשה
זיך חזרט איבער: איינגעעקשנט איז די רויז די ווייסע:
וואָס אירס, איז אירם דורכוים!
און גערן טיילט זיך מיט איר האָב די רויטע רויז.
ביז ענדלעך זיינען זיי, נאָך לאַנגן וואַנדערן, געקומען.
זיי שטייען פאַר דעם שפּיגל פון דער אָזערע און — שטומען:
די רויז די רויטע — גרין און פריש, כאָטש נאַקעט־הויל,
די ווייסע אין איר בלעטער־קלייד — פאַרגרויט און פויל.
דעם זין פון לעבן האָט די ווייסע רויז שוין שפּעט באַנומען:
ווער ס׳לעבט פאַר זיך אליין — דעם וועט עס נישט באַקומען.

וואַרשע, 1951.

דער קראַנקער באַרנבוים

אַ באַרנבוים, פאַראיינזאַמט אויף אַ לאַנקע־זוים, אין ווינט
האָט זיך גענומען קלאָגן:
— ווי שווער איך האָב זיי אויסגעטראָגן,
און טייער איז דאָך יעדעס קינד!
ווען ס׳נעמען אויפן הימל וואָלקנס ציען,
מיך שוידערט דורך: געפאַר! געפאַר!

אַ ווינט וועט קומען באַלד צו פליען
און פליקן פון מיין האַרצן באַר נאָך באַר.
און שיינט די זון — אַן אַנדער גזר:
די פייגל זינגען נישט אויף מיינע צווייגן,
זיי פּיקן אין די באַרן און זיי שווייגן.
— כ׳פאַרשטיי און פיל דיין צער, —
הערט אויף אַ פויגל אויף אַ רגע פּיקן:
עס איז אים שווער אין האַרצן צו דערשטיקן.
נאָר פאָרט וואָלט גוט זיין, דו זאָלסט ווישן און פאַרשטיין:
די באַרן דיינע טאַטשען ווערעם,
און ס׳זיצט דיין פיינט אין דיר אַליין —
דאָס פוילעניש אין דיינע וואָרצלען און געדערעם.
— אויך איך, — צערווישט זיך דאָ דער ווינט:
האָב נישט צו דיינע שוואַכע באַרן זיך געלאָזן.
כ׳בין אויסגעלופטערט-ריין פון יעדער זינד —
צי זאָל איך צוליב זיי דען אויפהערן צו בלאָזן? —
„אַ קינד אַראָפּגעפאַלן!” — האָט דער בוים דערהערט,
און ביזן דינסטן וואָרצל זיינעם אין דער ערד
זיך שטיל פאַרקלערט.

שרודבאָרווו. מאַי, 1952.

דער סאָלאָוויי און די גענדז

אַנומלט האָט הער פוקס באַשלאָסן איינצולאַדן
דעם סאָלאָוויי, פאַר גענדז צו געבן אַ קאָנצערט.
אַז ס׳איז דעם סאָלאָווייס געזאַנג אַ מעדן*,
ווייסט יעדער, ווער עס האָט אים נאָר געהערט.
„עס זענען אָבער גענדז גאָר ווייניק מוזיקאַליש,
האָט שטאַרק זיך דער באַהיטער פוקס פאַרקלערט:
צי איז מיין אונטערנעמונג נישט אַ ביסל ריזיקאַליש?
ווער קאָן עס מיר פאַרזיכערן און זאָגן אויפגעווים? —

* אַ מעדן (אין מערצאָל — מעדנים) — אַ מאכל, אַ באַטעמטע זאַך.

„זיי וועלן אײַנשפּאַנען, מטריח זײַן אַהער די פּיסק,
די פליגל און דעם גענדזערישן, ייחוסדיקן האַנער?”.
און ס'האָט דער פּוקס געטאָן צו ווײַזן זיי, די גענדז,
אַז נאָכן סאָלאָוויי וועט זינגען מײַסטער גאַנער,
דער חזן דער באַרימטער, דאָס און יענץ,
און ס'וועלן זײַן צום סוף אויך — טענץ!
„נו, איצטער וועלן זיך די דאַמען שוין נישט פוילן...!”
ער האָט עס אויך נישט פאַרן סאָלאָוויי פאַרהוילן:
— נו, וואָס? וואָס קאָן מען, ליבער, מאַכן? ס'איז אַזוי באַשערט. —
און ווײַל דער סאָלאָוויי האָט שטאַרק, גאָר שטאַרק באַגערט
אַרויסצוטרעטן פאַר די גענדז מיט זײַן קאָנצערט,
איז אים דאָס לײַכט געווען בײַ זיך צו פועלן.
און ווען די זון האָט אָנגעהויבן, ערב איר פאַרגאַנג,
איר העלע בלאַנדע שײַן צו בײַטן,
האָט צו דער אָזערע געלאָזן זיך פון אַלע זײַטן,
צעפּוּס און אונטערפליענדיק, אַ גענדזענער געדראַנג
מיט אַ געאייל און גאַגעריי, מיט ראַש און פּאַלעש*
(זיי זענען, זעט זיך אויס, שוין דווקא מוזיקאַליש!).
זיי זעצן זיך אין שורות אויף דער אָזערע בײַנאַנד
און קוקן אויפן קוסט, וואָס שטייט דאָ בײַ איר ראַנד
און שפּיגלט זיך און איר מיט גרין-געדיכטע צווײַגן;
און אָט — דעם סאָלאָווייטשיק אויף אַ צווײַגל זעט מען שטײַן —
אַ רגע גליווערט אַלץ אין שווײַגן:
די לאַנקע, פעלד און וואַלד, די אָזערע און זיי אַליין,
די גענדז. דער סאָלאָוויי הייבט אָן צו שפּילן — —
מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט זיך אײַן די וועלט
און זאַפּט אײַן זיך אַרײַן דעם סאָלאָוויים געפילן:
זי האָט זיך, דאַכט זיך, אין אַ סאָלאָוויי פאַרשטעלט
און זינגט אַליין, פאַרגייט זיך, זינגט און קוועלט — —
נאָר ס'איז קיין פינף מינוט אַפילו נישט אַריבער,
ווי אויף דער אָזערע גייט אויף אַ גאַגעריי...
גלײַך עמעץ וואָלט געווען פאַרביי,
און ס'נעמען זיך נשמות גוטע איבער...

---

* פּאַלעש — הוציקער טומל.

— דעם גאַנער גיט אַהער! דעם גאַנער און די טענץ! —
צעשרייט זיך פאַראַמאַל די מחנה גענדז.
פּינווייטנס האָט דער פוקס דעם קאָפּ פאַרלאָרן,
און אינעם קוסט דער סאַלאַווײ איז שטום געוואָרן.

קאַטאָוויץ — וואַרשע, 1952.

די טשערעפּאַכעס און דער טאַנק

צום זאַמד- און וואַסער-היימלאַנד פון די טשערעפּאַכעס,
בעת זיי ליגן אויף דער זון און קלייבן פון איר נחת,
דערגרייכט אַ שטים: — ס'האָט אייער ברודער, מיסטער טאַנק,
דירכוים באַוואָפנט און פאַרפּאַנצערט, שוין פון לאַנג
פאַרווירקלעכט אייער חלום —
געבראַכט דעם אייביקן געגאַרטן שלום
פאַר גאָר דער וועלט!
און פאַר אַ ברודערס האַרץ אַ ברודערס האַרץ שוין וואָך איז.
צו וואָס זשע טראָגט איר אַלץ אויף זיך נאָך, ליבע טשערעפּאַכעס,
דאָס שווערע פּאַנצערנע געצעלט?
נישטאָ קיין פּחד מער. די וועלט איז פריי און אָפן. —
און ווי געקומען, איז די בשורה-שטים אַנטלאָפן.
אין זאַמד- און וואַסער-לאַנד איז אויפגעגאַנגען אַ געזאַנג:
— אַ לויב דעם פרידן-ברענגער, אונדזער ברודער, מיסטער טאַנק,
וואָס האָט די שטאַרקע אויסגעגליכן מיט די שוואַכע! —
נאָר דאָ נעמט צווייפלען אַ געזעצטע טשערעפּאַכע:
— צי האָט צומאָל די בשורה נישט געבראַכט די פאַלשע שלאַנג?
און ס'נעמט זיך ציען פויל-פּאַמעלעך
דער טשערעפּאַכענער געדאַנק
ווי זייער שלעפּעריקער גאַנג.
אוודאי איז מען פון דער בשורה אַלץ נאָך פריילעך,
איעדע זאַך מוז וערן אָבער טריט ביי טריט באַטראַכט.
איז האָט מען זיך געיישובט גאַנצע וואָכן טאָג ווי נאַכט.
עס זאָגט איר מיינונג איינע, און אַ צווייטע, און אַ דריטע,
ס'גייט אָן אַ וואָרט-געראַנגל, אַ געדאַנקען-שלאַכט,

ביז אַלע האָבן זיך פאַראייניקט צו דער זעלבער שיטה —
אַרויספראַווען אין וועג די טשערעפּאַכע די גענימע,
זי זאָל נישט דורכלאָזן קיין שליאַך,
קיין וועג און וועגל,
קיין ליאַדע שטעגל,
ביז אויסגעפאָרשט געווי וועט זיין די זאַך.
און זי זאָל קומען מיט אַן ענטפער מיט אַ קלאָרן. — — —
די טשערעפּאַכע האָט געשלעפּט זיך, נעבעך, לאַנגע יאָרן,
דער ציל פון דער נסיעה איז אין איר זכרון
שיר־שיר פאַרשטויבט געוואָרן.
ביז ענדלעך האָט עס איר געגליקט —
זי האָט אים ווי אַ וואָרעווירקלעכקייט, דעם טאַנק, דערבליקט.
ער הויערט אויף דער זון; ווי פון איר הייסער שיין באַזיגט,
אין טשערעפּאַכענער געפּאַנצערטקייט פון שטאָל — באַשיידן
און שווייגט מיט פרידלעכקייט און שלווה פון אַ גוטן זיידן.
זי פויזעט צו, די טשערעפּאַכע, און זי פאַלט אים צו אַ פוס:
— אַך! יאָרן לאַנגע האָט מיין וועג צו דיר זיך, טאַנק, געצויגן,
פון היימלאַנד, פון די שוועסטער ברענג איך דיר אַ גרוס —
זיי קוקן אויס אויף דיר מיט טויזנט האַרץ־און־אויגן!
איז אמת טאַקע — האָסט געבראַכט דעם שלום אויף דער וועלט?
דו גרויסער העלד,
דער גרעסטער,
דאָ ליגט צו דיינע פיס הכנעהדיק און קליין
אַן אויסגעבענקטע שוועסטער
און דורשט צו הערן פון דיין מויל אַליין:
„ס'וועט אייביק פרידן זיין! דער פרידן דער באַגערטער!“ —
געוואָרן איז דער טאַנק געצירט פון אירע ווערטער
און פון זיין אָרט געטאָן זיך מיט די שווערע פיס אַ ריר,
און, זי צעמורשטנדיק, אַריבער איבער איר.
און דאָרטן זיצן אַלץ די טשערעפּאַכעס און זיי וואַרטן,
זי זאָל די בשורה ברענגען וועגן שלום דיעם געגאַרטן;
זיי קאָנען בשום־אופן נישט פאַרשטיין,
פאַרוואָס עס קומט די שוועסטער נישט צו גיין.

פֿאַראַן אויך מענטשן, ענלעכע צו מײַנע טשערעפּאַכעס,
מיט גוטע הערצער, נאָר מיט טשערעפּאַכענעם געדאַנק —
זיי שעפּן פֿונעם חלום וועגן פֿרידן הויפֿנס נחת ,
בעת עס שטאַרצט זיי פֿאַר דער נאָז דער קריגערישער טאַנק.
וואַרשע, 1949.

דעם וועכטער זאַלמעסאַניעס וואַכזאַמקייט

איך בין אַ מאַן שוין אין די יאָרן
און קלאַפּ אָן אָפּט אין טירל פֿון זכרון:
„טויכט אויף, געשטאַלטן, דורכן נעפּל פֿון דער ווייט,
געשעענישן — דורכן שטויב פֿון שכחה אין דער צייט,
און לערנט מיר דאָס לעבן און די מענטשן צו דערקענען!”.
אָט לעפֿנט זיך אָפּ דאָס טירל, לאָזט מיך קוקן דורך אַ שפּאַלט,
און פֿאַר מײַן בליק גייט אויף געשפּענסטיק אַ געשטאַלט,
וואָס בלויז די אויגן זײַנע, רויט־געצונדן, ברענען.
כ׳דערקען: ס׳איז ער, דער וועכטער זאַלמעסאַניע, וועלכער וואַכט
און היט די קליטן פֿון מײַן שטעטעלע אַ גאַנצע נאַכט.
טיף האַרבסט; עס זינקט דער מאַרק אין שלאָף פֿאַרשמאַכט,
דער רעגן האָט אין גאַס אַ לעצטן שטראַל שוין אויסגעלאָשן,
די שינדל־דעכער, ווי מיט בײַטשן, אויסגעדראָשן;
אין חושך פּײַפֿן ווינטן, לויפֿן אָן, און בלײַבן שטיין,
און אײַלן פּלוצעם ווײַטער, און צערינען מיט געוויין;
עס קלאַפּן צוגעמאַכטע, טויבע לאָדנס מיט די ציין;
און ער, דער וועכטער זאַלמעסאַניע, שטייט דאָ אײַנגעבויגן,
געהילט אין חושך, ווי אין שוואַרץ און נאָס געוואַנט,
צו אַנגעלענטער מיטן קאָפּ און אַקסל אויף אַ וואַנט,
און אויף אַ סענקעוואַטע באָרד־שטעקן רוט זײַן האַנט;
עס קוקט זיך זאַלמעסאַניע אויס די פֿיבערדיקע אויגן;
זײַן רעכטער אויער גליווערט אויף אַ מינדסטן שאָרך.
שטיל, שאַ. נאָר שאַ־נאָר! האָרך־נאָר, האָרך!
אַ וואַסער שדל האָט זיך עס געקאָנט פֿאַרגלוסטן
צו זויגן בײַ דער מוטער־נאַכט די ברוסטן?
יאָ, יאָ. עס נאַרט נישט זאַלמעסאַניען דאָס געהער;

ס'געפעלט נישט זאַלמעסאַניען די געשיכטע!
אַ וואָגן זייגט אַלץ נעענטער די בלאָטע די געדיכטע —
גנבים? זיכער! המם... אַ פרעג טאָן: ווער דאָרט? ווער?
נו, ניין! עס ברענט? דער מאַרק איז דען, חלילה, אָן אַ וועכטער?
זיי פאָרן — זאָלן זיי זיך פאָרן! אַ געלעכטער!
בי־בי! אַוודאי קאָן איך גלייך אַ הילך טאָן: סטאָפ!
און ס'וועלן זיך די נאַכט־פייגל צעשפרייטן,
נאָר זאַלמעסאַניע האָט געהירן נאָך אין קאָפ:
מ'ע דאַרף די באַנדע פאַקן
און איבער קעפ און פלייצעס מיטן באַרן־שטעקן האַקן,
בי־בי! טיפ־טאָפ!
אָט זענען זיי שוין צוגעפאָרן צו די קלייטן.
זיי זעגן ביי דער עקסטער קלייט די שלעסער.
זיי שטויסן זיך נישט אָן, אַז זאַלמעסאַניע שטייט און וואַכט
און נעמט פון זיי קיין אויג נישט צו, און לאַכט — —
בי־בי! עס וועט אייך זיין, גנבים, היינט די לעצטע נאַכט!
וואָס טיפער איר פאַרקריכט אין עסק — בעסער!
זיי טראָגן שוין אַרויס די סחורות פון דער קלייט.
זיי טראָגן, טראָגן. שפירן נישט, אַז זאַלמעסאַניע שטייט,
און ס'איז זיין בליק, ווי נאָכן אויסשלייפן אַ מעסער.
בי־בי! זיי שפרינגען אויפן וואָגן, זענען גרייט.
— גנבים! רויבער! שאַרלאַטאַנעס! שטייט!
אַ רוח זאָל אַריין אין אייער טאַטן! —
טוט זאַלמעסאַניע, ווי אַ לייב פאַרוווּנדעט, אַ געשריי:
איר וועט מיט זאַלמעסאַניען האָבן באַלד אַ משא־מתן! —
און זאַלמעסאַניע לאָזט זיך מיטן שטעקן גלייך אויף זיי.
נאָר יענע האָבן — וויאָ! — אַ שמיץ געטאָן די פערד,
און — ווי עס וואַלט דעם וואָגן איינגעשלונגען גלייך די ערד.
און זאַלמעסאַניע מיטן באַרן־שטעקן — אין דער בלאָטע,
די הענט צעשפרייט, צונויפגענומען די קאַפּאָטע,
און מורמלט דורך דעם ווינט און רעגן: — זעט נאָר, זעט,
געפאַקט די פייגל, נאָר... אַ האָרעלע צו שפּעט;
נישטאָ קיין מזל, זאַלמעסאַניע!

פאַראַנען לייט, וואָס וואַכן גאָרנישט פויל,
זיי לאָזן נישט אַרויס די וואַכזאַמקייט פון מויל

און, ווי באַזעסן פון א מאַניע,
זיי וואַרנען מיט חתמדה: — שאַט-נאַר, שאַט! —
און וואָס באַקומט זיך, פרעגט, אין רעזולטאַט?
דאָס זעלבע, וואָס ביי אונדזער וועכטער זאַלמעסאַניע.

דעם גבירס צוזאַג

„דער גביר בלאָזט זיך אַן,
און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלן".
פאָלקס-ווערטל.

אַזוינס קאָן טרעפן — וועט איר זאָגן — בלויז אין ביכער!
איר וועט עס מיר נישט גלייבן אויף קיין האָר.
נאָר איך דערצייל עס אייך, און איך פאַרזיכער,
אַז יעדעס וואָרט איז וואָר.
עס האָט אַ גביר אַנומלט זיך דאָס האַרץ צעבראָכן
און הייליק-פייערלעך פאַרשפּראָכן
זיין ברודער, אויפצובויען אים אַ הויז;
און יענער איז געווען אַן אָרעמאַן — סע לאָזט זיך אויס!
דאָ זעט איר, ראשית, אַז נישט יעדער גביר געמיין איז;
ער האָט זיין שכר באַקומען תיכף פאַר זיין ערלעך וואָרט —
עס האָט זיך זיין קרעדיט געהויבן אויפן אָרט,
און אויפן מאַרק זיין גוטער נאָמען לויטער-ריין איז.
— און ווייטער וואָס? — איר פרעגט טשעקאַווע: נו?! —
נו, איילט זיך נישט. פּאַמעלעך קומט דער והשנית,
נאָר האָט געדולד אַ ביסעלע דערצו.
אויך אים דעם אָרעמאַן, איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן.
ער לעבט אויף וואַסער און אויף ברויט פאַרדאַרטן,
ער שלאָפט אינדרויסן אויף דעם ברוק דעם האַרטן
און חלומט וועגן הויז אין שלאָף און אויף דער וואָר.
און... ס'איז אַוועק אַ וואָך, אַ חודש און אַ יאָר —
נישטאָ אויף וואָס צו קוקן!
ער שלאָגט ביים רייכן ברודער ווידער אָפּ די טיר
און בעט ביי אים, און בייגט פאַר אים דעם רוקן,
און... ווידער איז אַוועק אַ יאָר און צוויי, און דריי און פיר.

— כ'וועל אויפבויען, — כסדר ענטפערט אים דער גביר:
עס גרייטן צו דעם פּלאַן שוין גרויסע אינזשעניערן;
וואָס נעצטו מיר די טעפּיכער מיט דיינע טרערן?!
אויב טאָן אַ גוטע זאַך — איז בין איך גערן,
עס זאָלן מיר דערויף מקנא זיין סיי גאָט, סיי לייט.
וואַרט נאָך אַ ביסל, וואַרט. —
און ווייטער קריכט די צייט.
אַ צענדליק יאָרן שלעפּט זיך נאָך אַ צענדליק יאָרן.
ביז ענדלעך האָט מען זיך אַ נעם געטאָן, מע בויט דאָס הויז!
עס וואַקסט. מע ציט אַרויף אַ גאָרן אויף אַ גאָרן.
ס'איז דען אַ הויז? —
אַ פּאַלאַץ, אַז סע לאָזט זיך אויס!
דער אָרעמאַן איז פון די ליידן שוין געגאַן געבויגן,
(די זקנה האָט געיאָטערט זיינע אויגן),
נאָר יעדן טאָג געקומען טאָן אַ קוק אויף זיין פּאַרמעג,
און אויסגעטרעטן מיט די שוואַכע פיס אַהין אַ שטעג.
און ווידער האָבן זיך געצויגן,
ווי גרויע שנירן, זיינע טעג;
און ס'פלעגן אים די נעכט באַוואַכן אויפן ברוק דעם האַרטן.
ער טענהט צו דעם רייכן ברודער: — לאָז מיך שוין אַריין אין שטוב,
איך זאָל פון איר געניסן כאָטש אַ ווײַלע פאַר דעם גרוב...
— געדולד, געדולד, — אים ענטפערט ער: דו מוזט נאָך וואַרטן.
אין הויז איז נאָך דאָס מעבל נישט, ווי ס'קער צו זיין, צעשטעלט.
איך האָב דיר צוגעזאָגט אַ הויז — מיין וואָרט איז מויער!
איך וועל פאַר דיר צעעפענען אינגיכן טיר־און־טויער!
און זאָל מיין האַרץ אַ קלונג טאָן איבער גאַר דער וועלט! —
נאָר ס'איז דער אָרעמאַן שוין נישט געווען געדולדיק:
ער איז געגאַנגען קלאַפּן אין דעם קברים טיר.
און אין דעם נייעם הויז האָט זיך באַזעצט דער גביר.
נו, וואָס־זשע איז דער גביר דאָ שולדיק?
צום ברודער האָט געהערט טאַקע דאָס הויז
נאָך איידער ס'האָט די ערד אים צוגענומען
(זי זאָל אים גרינג זיין און אים וויל באַקומען!)
און ער, דער גביר — האָט עס געירשנט בלויז.
ווי מיינט איר? ס'איז דאָך על־פּי־דין דורכויס.

דער עושר און די ווערעם

„וואָס מער קבצן — מער הוליאַקע,
וואָס מער עושר — מער סאַבאַקע“

פון א פאָלקסליד

עס ווייסט נישט קיינער — ווען געזעגנט ער זיך מיט דער וועלט,
אפילו נישט דער עושר, וואָס איז קלוג... צוליב זיין געלט.
אנומלט טראַכט אַן עושר: איך בין צופיל שוין פאַרגאַסן
מיט שמאַלצן — גאָר שלא בדרך הנאָמור!
ווי ווערט מען פון זיי פטור? און ער האָט באַשלאָסן —
עס זאָל אפילו מיידע קאָסטן מיר די קור,
און וויפל ס'זאָל נישט זיין איר פרייז געזאָלצן,
איך מוז אויף אייביק פטור ווערן פון די שמאַלצן;
נישט בלייבן זאָל פון זיי קיין שפּור!
זיי גיסן איבער זיך אין מיינע אברים, זיך גיסן
און מאַכן שווער, און שטערן מיך פון לעבן צו געניסן. —
און ס'האָבן אים די ערצטע, גאָר די בעסטע פון דעם פאַך,
א באַט געטאָן... און מ'איז אדורכגעקומען — כך־וכך...
און גלייך גענומען זיך, ווי זאָגט דער פּסוק, צו דער זאַך.
נו, קודם רייניקט מען פון כל־דאָס ביז א מה־שהו דעם מאָגן
מיט קריימעכצער, וואָס זייער עובדה איז צו יאָגן, יאָגן.
און ליגט דער פּאַציענט שוין נאָכן לופּעניש דערשלאָגן
און ס'פעלט אים צו חלשות נישט קיין סך! —
דאַן נעמט מען אים דערגערן בלויז מיט מובערלעך, ווי שטיינער,
(א גבר איז דער, וואָס איז זיי גובר מיט די ציינער!).
און טרינקען גיט מען אים בלויז וועדמילך פון צייט צו צייט.
מע וועלגערט אים מיט קאַמשעלקעס מיט אייזערנע די גלידער,
און נאָכאַמאָל, און ווידער,
ביז וואַן ער פאַלט אַנידער
צום טויט א מידער.
דאַן גיט מען אים א מוכערל צו קייען, און ער קייט
און פרישט זיך אָפּ די כוחות, און ער ווערט באַנייט.
דאַן זעצט מען אויף אים אויף א קאַרוועלע־פערדל: — רייט!
דאָס פערדל שפרינגט גאַלאָפּ און העצקעט, וואַרפט אים אונטער.
די ערצטע שביכלען מילד און פאָכען מיט די בייטשן: — מונטער!

מיט דיזן פערדכען קענען זי פאַרפאָרן ווייט! —
און ס'פערדל טראָגט אים — יעך! — אַרויף, אַראָנטער,
ביז וואַנען עס צעטראָגט אים דאָס געביין.
ער קאָן שוין אויף די דאַרע פיס נישט שטיין.
ביז ענדלעך זעט ער איין בעשיימפּערלעך אַליין:
הוּרא! — חי קור איז זיי און אים געראָטן —
נישטאָ אויף אים קיין זכר פון קיין פעטס, ער איז א שאָטן
פון ביין און הויט.
ער קאָן שוין פון דעם לעבן פון דעם זיסן
בערנייעם אָנהייבן געניסן! —
נאָר ווי נעבעך צו אים! געקומען איז גראָד איצט דער טויט,
געקומען
און זיין נשמה פון דעם אויסגעצערטן גוף פאַרנומען.
עס האָבן נישט אומזיסט געוואָיעט כלבים ביז פאַרטאָג
און אָנגעפילט די נאַכט מיט ברידערלעכער קלאָג.
— דער עושר איז געשטאָרבן, קראַ! קראַ! — האָבן
גאַנצפרי פון שווייגענרוקנס אויסגעקראַקעט ראָבן.
און די קדישא-חברה האָט געטאָן אים גלייך זיין רעכט
און אים באַגראָבן.
נאָר, הערט, עס קאָן אַמאָל נאָך ערגער זיין פון שלעכט —
איר מעגט מיט קאָפּ די וונדער-מעשה הערן:
די טויטע אין די קברים זייגען איינס נאָר גערן —
נו, מילא, זאָלן שוין די ווערעם אונדזער לייב פאַרצערן,
נאָר זאָל די רו פון דעם געביין אונדז קיינער מער נישט שטערן! —
נאָר אונדזער עושר איז עס נעבעך נישט געווען באַשערט
זיך אויסצורוען אין דער קילער ערד.
די שלושים בלויז איז ער געלעגן רואיק אויסגעצויגן
אין קבר, ביז מע האָט צוקאָפּנס אים געשטעלט דעם שטיין.
דער מאַרמאָר און דאָס גאָלד האָט אויפגעריסן ברייט די אויגן
פון דורכגייער און זיי פאַרהאַלטן דאָ אינמיטן גיין:
„פּה נטמן
אַזוינער און אַזעלכער... אַן עושר, אַ מאַגנאַט...
וואָס נאָר אַ מענטש זיך ווינטשט, האָט ער געהאַט...
און... ווי באַגראָבט מען גאָר אַזעלכן! ווי פאַרשיט מען!"
דערהערט דאָס, ווערט דאָרט ביי די ווערעם א געדריי
און א געדודער: ווי און ויי!

ער האָט זיי אָפּגענאַרט! באַעוולהט! זיי —
זיי האָבן אַ חזקה פֿון די עלטסטע צייטן,
פֿון זינט עס האָבן זיך געיאָוועט רייכע לייט ביי לייטן,
די לייט וואָס נאָגן ברידער־בלוט, ווי פֿליי, —
אַז יעדער עושר, יעדער פעטער כלב,
זאָל זיי מהנה זיין אין קבר מיט זיין חלב.
און דאָ אַט ד ע ר —
וואָס איז עס פֿאַר אַן איינער?
עס זאָל אַרויסשמיצן דער קבר זיינע ביינער! —
די טענה פֿון די ווערעם האָט דערגרייכט צו קאָם געהער
פֿון בורא־עולם
און איז געפֿעלן וויל אים,
און ס'האָט דורך אַלע זיבן הימלען אויפגעשאַלט זיין קול:
— עס זאָל
אַרויסשמיצן דער קבר
איעדעם ביינדל פֿון דעם עושרס מינדסטן אבר,
און טאָקע שוין און באַלד!
— געוואַלד! געוואַלד!
און וווּ איז רחמים, — שרייט דער עושר: פּרוּג איך דיך בחרם?!
— פֿאַר דיר און דיינסגלייכן, — דער בורא ענטפֿערט אים: דו שפּין,
איז דאָ בלויז דין.
דעם רחמים האָב איך פֿאַר די ווערעם. —
נאָר נאָך עד־היום שטייט דער שטאָלצער, צביעותדיקער שטיין —
די גאָלדענע מצבה, אויפֿן קבר אָן געביין.

וואַרשע, 1950.

פּרץ און דער אייזל פֿון זיין פֿאַבל*

„...עפּעס ציטערט נאָך אין אים
פֿאַר אייזל־מוסר און אייזל־פּוס...“

פֿון י. ל. פּרצעס א פֿאַבל.

ס'האָט פּרץ (נישט צום ערשטן מאָל)
גענומען זיך א משל פֿון אַן אייזל שרייבן:
— פֿאַראַן דאָך אייזלדיקע מענטשן אָן א צאָל —

* פֿאַבל — משל.

איז וויל גער זיך צו זיי אויף אים דערקלייבן.
נאָר היינט האָט זיך דער אייזל איינגעשפּאַרט, אַז: — ניין!
כ'וויל מער שוין, פּרץ, אין דיין שפּאַן נישט גיין;
איך קאָן שוין מער נישט און איך וויל נישט שווייגן;
דו ווילסט דעם מענטשן מיט אַ פאַבל איבערצייגן,
ער זאָל קיין שוטה, פינצטערלינג און קנעכט נישט זיין?
איז מהיכא-תיתא, זייער גוט און פיין;
דו מעגסט אפילו מיט דיין פאַבל-דיכטונג שטייגן
אויף דעם פּאַרנאַס* און זיך דערווערבן רייכקייט, רום, —
נאָך אַלץ זיך אויפן אייזלס חשבון איינצושאַפן?
צי איז דאָס גלייך אַזוי-אַ? ניין, ס'איז קרום! —
ס'האָט פּרץ אויסגעהערט די טענות און גענומען גאַפן:
ער רעדט דאָך גאָרנישט ווי קיין אייזל! הערט נאָר, הערט,
אין לעבן טרעפן זיך אַזעלכע וווּנדערלעכע טראַפן —
ס'רעדט אַן אייזל ווי אַ מענטש! און מיר איז דאָס באַשערט
צו זיין דערפון אַ לעבעדיקער עדות;
דאָס לעבן שטעלט פאַר דיר אַ רעטעניש — באַשייד עס!
און ס'איז זיין האַנט געבליבן הענגען מיט דער פען:
לעת-עתה איז דאָס העכסטע, וואָס איך קען —
זיך אָפּהאַלטן, און זאָל דערווייל דער אייזל שווייגן!
נאָר ס'האָט דער אייזל נאָך מיט מערער ברען
די שטימע אויפגעהויבן, אים צו איבערצייגן,
און זיך גענומען זידלען אויף אַ קול אים:
— דו ביסט... דו ביסט אַן אייזל, נישט קיין בעל-משלים!
באַלד גיב איך מיט דער קאָפּיטע אין קאָפּ דיר און צעמאָל אים! —
האָט פּרץ אַ באַוועג געטאָן די פען און פרייליך זיך צעלאַכט:
נו, כ'קאָן שוין אָנהייבן דעם פאַבל, וואָס איך האָב פאַרטראַכט —
„אַן אייזל, וועלכער רעדט אויף שבעים שפּראַכן".
און ס'וועט זיך אויסוויקלען דער נמשל זייער וווּיל:
ווען ס'הייבט אַזאַ מין אייזל אַן צו רעדן גלייכע זאַכן,
אויך דעמלט זאָלסטו תיכף אים דאָס מויל פאַרמאַכן.

---

* פּאַרנאַס — אַ באַרג אין גריכנלאַנד, וווּ ס'האָבן געוווינט, לויט דער גריכישער מסורה, די געטער און די מוזעס.

האָסט, פּרץ, זיך געקאָנט פאַרגינען לאַכן:
דער פּאַבל־אייזל וואַרפֿט נישט אָן קיין גרויל;
וואָס וואָלסטו אָבער טאָן, ווען ס׳וואָלט זיך מאַכן —
א נמשל־אייזל עפּנט אויף אויף דיר א מויל?
אוי, מיך, דיין תּלמיד, האָט אַזוינס געטראָפֿן —
זאָל גאָט מיין ערגסטן שונא שוין דערמיט נישט שטראָפֿן!

מלך שלמה, מלכּה שבֿאָ און די בין

— דו ביסט אַ טיפער בראונעם, מלך שלמה, אָן אַ דגאָ,
און ס׳האָט די חכמה אויסגעוויילט אים פאַר איר וווינונג! —
די מלכּה שבֿאָ
ריפט אוים מיט שטוינונג:
האָסט אַלע מיינע נעצן אויפגעשפּונען קלוג,
קיין איינע האָט דיך נישט געפאַנגען.
און איצט — די לעצטע, און ס׳וועט זיין גענוג. —
זי טוט אַ שעפּטשע צון אַ דינערין: „אַריינדערלאַנגען!...״
און שניידט דעם מלכס שטערן מיטן דימענט פון איר בליק,
און זעט: אַ שטערן דורך זיין שטערן לייכט זיך.
די דינערין לויפט שנעל אַרוים, באַווייזט זיך באַלד צוריק,
די הענט אַרויפגעהויבן, קוים זי שלייכט זיך;
זי שטעלט זיך ווייט אַקעגן מלכס טראָן;
אויף איר׳ע האַנטפלאַכן — אַ טאַץ מיט אַ וואַזאָן,
אין דעם וואַזאָן — צוויי בליענדיקע רויזן רויטע.
— דו זעסט די רויזן, גרויסער חכם, — שמייכלט מלכּה שבֿאָ:
זיי זענען ביידע אוים ווי לעבעדיק, איאָ?
נאָר איינע איז פון שטיין, א טויטע...
— דאָס זעט מען נישט, — דער מלך ענטפערט ערנסט פונעם טראָן:
נאָר איך... איך שטוים זיך אָן:
א קינסטלער, פון דער לעבעדיקער רויז באַגייסטערט,
האָט גליין ווי אייער גאָט, די זון,
א צווייטע פונקט אַזוי געמייסטערט
פון שטיין מיט פאַרבן, און...
און איך דאַרף טרעפן, וועלכע פון די רויזן רויטע

איז לעבעדיק, און וועלכע איז די טויטע, —
נישט אמת, מלכה שבֿא?
— אָ, קלוגער מלך! יאָ...
דיין אָטעם און דיין פינגער זאָל זיי נישט באַרירן,
דו זאָלסט די לעבעדיקע רויז
מיט חכמה בלויז
דערשפּירן. —
דער מלך האָט אַ רגע זיך פאַרטראַכט
און שטיל געטאָן אַ מורמל צו אַ דינער:
„זאָל קומען מיט אַ הונגעריקער בין דער בינער".
דער בינער איז געקומען און אַ בין געבראַכט.
זי ליגט אַ הונגעריקע אויף זיין האַנט, פאַרשמאַכט.
און אַלע האַלטן איין דעם אָטעם... ס'נעמט די בין זיך וועקן,
זיך אויפשטעלן, די פליגעלעך פּאַמעלעך שטרעקן.
און זומען שטילינקע: דזזזין, דזזזין...
— זיי דו דער שטראַל היינט פון דער חכמה, קליינע בין! —
רופט אויס דער מלך: זאָלסט אַנטפּלעקן
די וואָר, וואָס מלכה שבֿא פאַרהילט אין סוד. —
און ס'טוט די בין אַ פלאַטער, שוועבט און קרייזט אַ ראָד, —
עס קרייזן נאָך איר פאַרשנדיק טשעקאַווע אויגן —
אַלץ נענטער צו די רויזן, נענטער אַהין,
ווי ס'וואָלט זי אַ מאַגנעט געצויגן:
— דזזזין, דזזזין...
און מיטאַמאָל — זי שטעלט זיך אויף אַ רויז און ווערט אַנטשוויגן.
— וואָס שלמה ווייסט נישט, — זאָגט דער מלך: זאָגט די בין אייך
אויס:
„איך נאָג די לעבעדיקע רויז"...
— ווי קלוג און ווי באַשיידן! — רופט די מלכה אויס:
ביסט גרויס!
עס וועט דיך קיינער אין דער וועלט נישט איבערקליגן.

וואַרשע. אויגוסט, 1952.

פוילישע משלים-דיכטונג

פון איגנאַצי קראַשיצקיס משלים

דער טינטער און די פעדער

עס האָבן זיך צעקריגט דער טינטער מיט דער פעדער:
— דעם פרישן בוך האָב איך געשריבן! — האָט געטענהט יעדער.
אויף דעם איז אָנגעקומען דער מחבר און צעלאַכט זיך...
אַזעלכע טינטערס, פעדערס זענען דאָ אַ סך, מיר דאַכט זיך.

דער מענטש און דאָס מלבוש

איינער נעמט אַ רוט דאָס מלבוש אויסצושטויבן.
כ'מלבוש, זעענדיק דעם בראָך, האָט שרייען אָנגעהויבן:
— אָפּצודאַנקען האָסטו עס אַזאַ זכרון?
מענטש! גייסט שלאָגן דעם, וואָס פוצט דיך לאַנגע יאָרן?! —
זאָגט דער מענטש: — נישט שלאָגן, בלויז דיך אויסצושטויבן
מיין איך.
האָסט פאַרשטויבט זיך נעבעך, וויל דיך מאַכן ריין איך.
זייַזשע מוחל, כאָטש דער אופן איז נישט איינגענומען:
בלייבסט דאָך שמוציק, אויב נישט שלאָגן; זאָל דיר ווייל באַקומען!

צוויי טשערעפּאַכעס

עס האָבן טשערעפּאַכעס צוויי פאַרמאָסטן זיך אין לויפן,
די כוחות אין געוועט געפּטרט אויפן בעסטן אופן.
זיי זענען נאָך קיין האַלבן וועג נישט דורכגעלאָפן,

און — שוין אַוועק די צושויער, די ריכטער שלאָפֿן.
— נו, מאַכט שוין בעסער שלום, — זאָגט צו זיי אַ שוואַלב פֿון ווייטן:
און איידער לויפֿן, לערנט קודם, ווי מע גייט ביי לייטן.

דאָס עכבּרל און די מאַמע

עס האָט אַן עכבּרל געליבט די קאַץ און גוט געפֿילט זיך:
— די קאַץ איז איידל, מאַמע, מיט אַ מוז ווי פֿיין זי שפּילט זיך!
— ס'איז פֿאַלשע פֿרומקייט, — האָט די מאַמע זיך גענומען כּעסן:
ס'איז ד ע ר דער גרעסטער אַכזר, ווער עס צערטלט בעתן בייסן.

צוויי פֿייגעלעך

— וואָס וויינסטו? — זאָגט אַ זיסיק צו דער מאַמען: ווייל געפֿאַנגען?
ווי ס'וואָלט נישט בעסער, ווי אין פֿעלד, אין שטייגל אונדז
געגאַנגען!
— ביסט דאָ געבוירן — קאָן איך, קינד, קיין מוסר דיר נישט זאָגן.
נאָר איך, וואָס האָב געקאָנט די פֿרייהייט, ווי זאָל איך נישט קלאָגן!

די פֿליג און דער קאָמאַר

אויב פֿליען, לאָמיר נישט צו הויך און נישט צו נידריק: טאָמער...
דערזען אַ פֿליג זיך טרינקענדיק, באַדויערט זי אַ קאָמאַר,
פֿאַרוואָס זי האָט נישט, נעבעך, פֿליען אין דער הייך געקענט.
און ווי ער האָט — אַ טרעף אין פֿלעמל פֿון אַ ליכט. פֿאַרברענט.

די מויז און די טשערעפּאַכע

אַ מויז באַדויערט האָט אַ טשערעפּאַכע: נעבעך, נעבעך,
ווי אומבאַקוועם זי וווינט אין אירע שאָלעכצן.
—דאָך לעב איך
צופרידן. — ענטפערט יענע: האָב זיך דו אַ פּאַלאַץ, מויז.
ס'איז אַן קאָמפּאָרט און ענגלעך, אָבער פאָרט אַן אייגן הויז.

דער בושל, די פיש און דער ראַק

שוין אַ ביסל בלינד און לאַם געוואָרן,
ווי עס שיקט זיך אויף די אַלטע יאָרן,
און נישט קאָנענדיק קיין פיש מער פאַנגען,
איז דער בושל מיט אַזאַ מין כיטרע וועג געגאַנגען:
צוגעקומען צו די פיש און איינגערוימט אַנטשיידן:
— היט זיך! ס'גייען אויף אייך ליידן. —
זענען גערן גלייך די פיש זיך צו דערוויסן,
וואָסער שרעק זאָל שטערן זיי די רו געניסן.
— נעכטן, פאַרן אויפגאַנג פון די שטערן,
איז מיר אויסגעקומען פון די פישער הערן:
„שוין־זשע איז עס נייטיק זיך אַזויפיל מיען —
כאַפּן אויף אַ ווענטקע, אָדער נעצן ציען?
בעסער ס'וואַסער פונעם סטאַוו אַרויסבאַקומען
און מיט הוילע הענט — די פיש פאַרנומען!
ס'וועט זיי באַלד אַרומכאַפּן אַ שרעק מסוכן,
ווי דער סטאַוו וועט ווערן טרוקן”.
ברעכן אוים די פיש מיט אַ געוויין, און ווידער
רעדט דער בושל: — איך באַדויער אייער אומקום, ברידער,
נאָר מע קאָן די צרה נאָך פאַרלויפן. איך וואָלט ראַטן,
אַז מע זאָל אייך ערגעץ אַנדערש־ווו באַשטאַטן.
ס'איז אַ צווייטער סטאַוו נישט ווייט פאַראַנען,
זאָלט איר באַלד אַהין אַריבערקלייבן זיך פונדאַנען:
כאָטש עס וועט דער ערשטער טרוקן בלייבן,
וועט מען פונעם צווייטן אייך נישט טרייבן.

— טראָג־זשע אונדז אַריבער, — בעטן זיך די פֿיש דערשיטערט.
און דער בושל האָט מכלומרשט אַזש אַזוי געציטערט,
און געלאָזט זיך פֿאַר דער זאַך געווינען —
זיך געשטעלט זיי דינען.
זיי גענומען מיט אַן אַנשטעל טראָגן מיטן שנאָבל,
און זיי איינעם נאָכן צווייטן אויפֿגעפֿרעסן נאָבל.
ערשט האָט אים פֿאַרגלוסט זיך אויך פֿאַרזוכן ראַקעס.
איינער, זעענדיק — דער בושל טראָגט אים צו די קשאַקעס,
און זיך אָנגעשטויסן: אַט־אָ נעמט ער און פֿאַרציקט אים —
טוט אַ כאַפּ אים פֿאַרן גאָרגל און דערשטיקט אים.
ס׳פֿאַלט דער בושל טויט. אַזוי, רעב פֿעטער,
אַפֿט געשעט עס מיט באַרעטער.

פון אַדאַם מיצקעוויטשעס משלים

לייט אין פרייען פעלד...

עס האָבן לייט געבויט אַ הויז אין פעלד אין פרייען —
פונוויטן קריגן סאָוועס זיך מיט פרעש און שרייען.
אַ סאָווע זאָגט: — דאָס בויט מען דאָרט פאַר מיר די דירות.
אַ פראָש צעגענעצט זיך: — פאַר מיר! מע בויט פאַר מיר עס!
די מענטשן זאָגן: — ס'פּלעגן זיך אין חורבות האַלטן
די סאָוועס, און די פרעש — אין פּוילע ווענט און שפּאַלטן;
און מיר — אַ ריינעם דיל און נייעם דאַך מיר בויען,
איז ווער וועט סאָוועס, פרעש אַן אָרט דאָ אָנגעטרויען!

דער גלאָק און די גלעקלעך

די גלעקלעך אויפן טורעם נעמען איינמאָל שפּאָטן
פון גלאָק, וואָס הויערט אויפן זאַמד אין קאַשטיאַלס שאָטן:
— מיר קאָנען, ברודער, זינגען, כאָטש מיר זענען קליינוואַרג;
און וואָס אַז דו ביסט גרויס, אויב שטום און טויב, ווי
שטיינוואַרג! —
זאָגט אומעטיק דער גלאָק: — איר, גלעקלעך, דאַרפט גאָר לויבן
דעם פּלעבאַן, וואָס האָט מיך געזעצט דאָ אויף די שטויבן.

פריינד

קיין וואָרע פריינדשאַפט איז אין לעבן היינט שוין נישט פאַראַנען.
אַ לעצטער ביישפּיל איז באַקאַנט מיר פון דעם קרייז אַשמיאַנע.
ס׳האָט ליעשעק זיך מיט מיעשעקן באַפריינדעט; דאָרט ווו איינער,
איז אויך דער צווייטער; מיינס איז דיינס; און — מיר זאָל
זיין פאַר דיינע ביינער!

אַ גיסעלע געפונען — האָט מען וועגן זיי דערציילט זיך —
איז מיט זיין יאָדער גלייך אויף גלייך געטיילט זיך.
בקיצור, פריינד אַזעלכע, קאָן מען זאָגן,
ווי ס׳וואָלט אין זיי דאָס זעלבע האַרץ געשלאָגן,
און איין נשמה וואָלטן זיי פאַרמאָגן.
נאָר איינמאָל, ווען זיי גייען אין אַ וואַלד שפּאַצירן
און וועגן זייער פריינדשאַפט רירנדיק אַ שמועס פירן,
וואָס מישט זיך מיט די קולות פון זאַזוליעס און וואָראָנעס,
טוט פלוצעם הינטער זיי אַ ברום אַ חיה מיט סכנות.
מיין ליעשעק — אויף אַ דעמב און ווי אַ פּיקהאָלץ שפּרינגט ער.
און מיעשעקן, וואָס קאָן נישט די מלאכה, וואָס בלייבט איבער
צו טאָן? ער שטרעקט די הענט און בעט זיך: „ליבער!“,
נאָר ס׳איז זיין ליבער אויפן שפּיץ שוין, דורך די בלעטער ווינקט ער.
ס׳באַוויזט נישט מיעשעק צו פאַרמרוזשען פעסט די אויגן,
און ווערן בלאַס, און אויפן פּנים פאַלן אויסגעצויגן,
ווי ס׳נעמט דער בער באַטאַפּן אים: אַ טויטער פלאַקן;
באַשמעקט ער אים און, לויט זיין אַראָמאַט דעם שלעכטן
פון לייט, וואָס האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן,
באַשליסט ער — ס׳איז אַ בר־מנן שוין נישט פון נעכטן.
ער ברומט און גייט אַוועק מיט עקל צו זיין וואַלד־געלייגער —
אַ בער אַ ליטוויק איז נישט טועם פון קיין אַלטן פּגר.
ערשט איצט האָט מיעשעק אויפגעלעבט. — „ביסט שוין געווען
אַ טויטער, —
אים זאָגט זיין פריינד: אַ נס — ער האָט דיך נישט צעדראַפּעט.
וואָס האָט ער לאַנג אַזוי עס איבער דיר געסאַפּעט,
ווי אויפן אויער אַ געהיימניש דיר פאַרטרויט ער?“.
און מיעשעק ענטפערט: „יאָ, אַ ווערטל פון אַ בערן־נאַרע —
אַ וואָרן פריינד דערקענט מען נאָר בעת אַ צרה“...

פון אַלעקסאַנדער פרעדראָס משלים

דער פויער און דער ביק

— איך קאָן שוין פונעם שכנס ביק נישט איבערטראָגן, —
אַ יונגער פויער נעמט זיך פאַר אַן אַלטן קלאָגן:
באַפאַלט צו יעדער צייט און אויך ביי יעדן וועטער
די פעלדער מיינע, און די לאָנקעס רק צעטרעט ער.
און וויפל כ'זאָל נישט שלאָגן, טרייבן אים פונדאַנען,
אַלץ מינער, מינער ווערט אויף מיינע לאַנקן
די קאָנישינע —
איינציקן וועט מיין באָרן ווערן אַ רואינע. —
דערויף דער אַלטער לייגט די דלאָניע איבן יונגנס פּלייצע:
— מיר וועלן, זון, געפינען קעגן דעם אַן עצה;
די זאָלסט אים דורכאַנאַנד נישט יאָגן, אים נישט שטערן,
און זאָל ער פרעסן, וויפל ס'וועט זיין האַרץ באַגערן. —
און ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי געשעט עס.
דער ביק שטייט דרייסט און פעלד, צעטרעט עס,
צעגראָבט עס, פרעסט די קאָנישינע, רייסט און פליקט אַרויס עס,
און ס'וואַקסט זיין בויך און קיילעכיקט זיך אויסעט.
דער פויער ווינקט, נאָר דורך די טרערן וואַרט ער
אויף דער נקמה דער נישט ווייטער און געגאַרטער...
און ווירקלעך לאָזט זי לאַנג אויף זיך נישט וואַרטן,
ווייל מיט אַ בויך, פון קאָנישינע אַ צעשפּאַרטן,
ווי ס'וואָלט דער טייוול מיט אַ בלאָזזאַק פון אַ שמידער
אים אויפגעבלאָזן, טוט דער ביק אַ פאַל אַנידער,
אַ ריזע און אַ קרעכץ, אַ לעצטן ציטער,
און, ווי אַ באָמבע אַ געפּלאַצטע, זיך צעשיסט ער. —

דעם רויבער זאָל דערום אַ ציטערניש באַפאַלן,
דעם אונטערדריקטן זאָל די האָפנונג שטראַלן,
ווייל גופא פון דעם שלאַכטס, וואָס האָט די מאָס פאַרלוירן,
ווערט פרייהייט און נקמה גלייכצייטיק געבוירן.

וואַרשע. סעפּט., 1952.

מע וואָלט דאַרפן

ס׳דערציילט אַ מעשה פון פאַרצייטן:
פיר רייזנדער פאַרבלאָנדזשען אין אַ וואַלד אַ ווייטן.
די נאַכט איז פינצטער, און דער פראָסט איז אייזיק —
עס נעמט אַזש אָפּ דעם חשק צו דער רייזע.
צעלייגן זיי אַ פייער און זיי זאָגן —
מיר וועלן וואַרטן ביז ס׳וועט נעמען טאָגן.
— ס׳וואָלט גוט זיין צולייגן נאָך צווייגלעך, מיין איך, —
הויבט אָן זיך דורך אַ גענעצן איינער.
— ס׳וואָלט ווויל זיין, — זאָגט דער צווייטער:
דעם שייטער מערער צו צעשפּרייטן, —
ער ציט זיך אויס ווי לאַנג ער איז: אַז פרייער
זאָל יעדער זיצן לעבן פייער.
— ס׳וואָלט נייטיק זיין, — דער דריטער וואָרטשעט שטיל זיין דעה:
פאַרשטעלן זיך מיט עפּעס קעגן דער זאַווייע. —
דער פערטער מיט אַ ברום, אַן אַנגעלענטער אויפן אָרעם:
— מע וואָלט געדאַרפט נישט שלאָפן, וואָרום... —
אַזוי לאָזט יעדער הערן
זיין עצה און, אין קלערן,
ווי עצהט מען נאָך קלוגערער, געטרייער,
ער ווערט אַנטשלאָפן קעגן פייער.
נאָר וואָס? ווען ס׳ווערט דער לעצטער פונק אין אַש פאַרלוירן,
די רייזנדער די נישט געהיטע ליגן שוין געפרוירן.

אויב קומט מען אָפּ — אָן מעשים — בלויז מיט עצות, דעות,
איז ווי צום עצה־געבער און צום ענין ווי איז.

שרודבאָראָוו. מאַי, 1952.

פון סטאַניסלאַוו יאַבאָנסקיס משלים

צוויי אַקערס

ס׳האָט אויפֿן הויף געגרוט אַן אַקער לאַנגע וואָכן,
ווי דאָ קומט אַן אַ צווייטער אַקער פֿונעם פֿעלד.
— דערקלער מיר, — זאָגט דער ערשטער: ליבער שכן,
פֿאַרוואָס בין איך פֿאַרזשאַווערט, דו — צעגלאַנצט, צעהעלט?
צי דען איז דיין מעטאַל פֿון מיינעם בעסער, שענער?
— ווייל כ׳קום ערשט פֿון דער אַרבעט, — ענטפֿערט שטאָלץ אים
יענער.

וואַרשע, יולי, 1952.

די קראָ מיטן גלעקל

אַז קראָען גנבענען, דאָס איז אַ סוד
פֿאַר ברויט;
דאָך וועט איר פֿון מיין משל עפּעס נייעס געפֿינען.
אַ קראָ האָט זיך געפֿונען אין אַ הויף אין אַ געוויסן,
און ווייל מע האָט זי פֿון געבוירן גלייך געבראַכט אַהער,
האָט זי קיין שטייגל נישט פֿאַרזוכט און נישט געזען געפֿענגענע:
די יונגע קראָ איז פֿריי אַרומגעגאַנגען
שטוב־איין, שטוב־אויס און מיטן שטער.
כּאַשר ס׳האָבן פֿייגל ליב מיט ווייבער זיך צו ווילן,
זי פֿלעגט זיך תּמיד צו די מיידלעך איילן,

גוטמאָרגן זאָגן זיי איעדן אינדערפֿרי;
פֿליגט אויך זיך ווייזן פֿאַרן פּריצס אויגן
און טײַלמאָל צו די קינדער טאָן אַ פֿלי;
נישט איינמאָל איז זי אויף דער גאַס אַרויסגעפֿלויגן,
געלאָפֿן אויפֿן גאָרטן כאַפּן דאָרט אַ פּיק
און אומגעקערט זיך צריק.
ס׳איז פֿול מיט איר דער הויף, און רק זי איז פֿאַרהאַוועט
און לעצעוועט, און שטיפֿערישע שטיקלעך פּראָוועט.
אַנומלט האָט אַ נאָדל ביי די מיידלעך זיך געפֿעלט,
נאָר וואָס איז דאָרט אַ נאָדעלע געשאַצט אין געלט,
עס שטייט נישט אויף קיין נאָדעלע די וועלט, —
און ס׳איז אַרויס דער שאָדן פֿונעם זינען.
אינגיכן ווערט פֿאַרכאַפּט אינמיטנדרינען
ביים דינסטמיידל אַ פֿינגערהוט, כאַטש שריי, כאַטש שעלט!
דערנאָך פֿאַרלוירן גייט אַ רינגל מיט אַ טייער שטיינדל
און אַ בריליאַנטן אויערינגל — אַ חנדל!
אַ טומל, אַ געשריי, אַ גיהנום און — נישט דאָרט, נישט דאָ!
השערות, חשדים, נאָר — דער גנב איז נישטאָ,
און ס׳קומט נישט קיינעם אויפֿן זינען אין דער ביזער שעה,
אַז ס׳איז די אַרבעט פֿון דער יונגער קראָ.
נאָר איינמאָל איז די פּריילן צון אַ טישל צוגעגאַנגען,
אַראָפּגעכאַפּט אַ גלעקעלע, און דורכן פֿענצטער — טרוף!
עס קלינגט... לויפֿט אָן אַ דינער אויפֿן זילבערדיקן רוף,
און ער דערזעט די גנבטע, פֿאַרטאָמן דורך די קלאַנגען.
„אַזוי, מיין פֿויגל, שעפּטשעט ער, דאָס פּראָוועסטו די שטיק?"
ער גייט שוין נישט צוריק
און שלייכט איר נאָך פּאַמעלעך-שטיל־געגאַנגען.
ער זעט: די קראָ זיך לאָזט אַראָפּ אויף דרערד צום ציל,
זוכט אויף דאָס ערטל, וווּ איר אוצר איז באַהאַלטן,
ליגט צו דיקם נייעם רויב צום אַלטן,
באַטראַכט די בלישטשענדיקע זאַכן מיט געפֿיל,
און זי באַהאַלט זיך אייפֿערזיכטיק פֿאַר אַ מענטשנס ראיה.
און ווען זי וויל שוין נעמען פֿליען — כאַפּ:
— מיין ליבע בריאה.

סוף גנב לתליה!

וואַרשע, אויגוסט, 1952.

פון בענעדיקט הערצס משלים

דער לאָרד און דער קאַנאַרעק

ס'האָט דער קאַנאַרעק אינעם שטייגל נישט געטרויערט,
אויף זיין מערכה זיך פאַר קיינעם נישט פאַרקלאָגט;
דערויף האָט אים דער לאָרד פון האַרץ באַדויערט.
— וואָס שפּרינגסטו, זינגסטו, ווען דער אומעט נאָגט?
וואָלסט ליבערשט זיך געפּרווט די דראָטן ברעכן.
— וואָס רעדסטו? ס'פעלט מיר גאָרנישט איין!
— פאַרוואָס?
— ווייל ס'לעבט זיך מיר אין שטייגל פיין.
כ'האָב תמיד אַלץ. באַרעכן —
ס'איז וואַסער דאָ און צוקער, און ס'פּאַסירט —
איך ווער מיט אַ כאַלאַטקע אויך טראַקטירט.
און ווי מע שוינט מיך!... פאַר דער זון גאַרדינען שיצן,
איך בין פאַר שניי־שטורעם באַוואָרנט און פאַר קעלט...
איז וואָס זשע פאַר אַ צרה זעסטו אין מיין זיצן?
—דעריין, וואָס אָט דאָס זיצן דיר געפעלט.

וואַרשע. יאַנואַר, 1952.

די טשערעפּאַכע און די לאָרד

אַנומלט אין אַ הייסן מאַי־טאָג גייט אַ טשערעפּאַכע
אַרויס פון וואַסער, שטייף דאָס קעפּעלע ציט אויס
און, אָפּגעטעמט מיט דער ריינער לופט — אַ נחת! —
זי דאַנקט די זון. וואָס גיסט אַ מילדע וואַרעמקייט פון שוים.

גאָר שלעפעריק — פאַרחלומט הייבט זי אָן צו דרימלען.
ווי פלוצעם וועקט אַ לאַרך די זיסע שטילקייט פון די הימלען
און איר דעם דרימל שטערט.
די טשערעפּאַכע שטעלט אָן אויער אָן און הערט.
דאָס פייגעלע דערציילט מיט דריבנע טרעלן:
...אַ וואַלקנדל אַ ווייס, אין פורפור־שיין געהילט,
באַגינען אין די עטער־וועלן
ביים הימל־ראַנד זיך שפּילט...
אין כוואַליעס טונקעלע פון גרויסן וואַסער — מונטער
לאָזט יעדן אָוונט אויבצולעשן זיך די זון אַרונטער...
זי ווייט, ווי ווייט עס גרייכט פון יענעם הויכן באַרג דעם גרייז
דער גלאַנץ דער אייביקער פון נישט צעשמאָלצן אייז... —
צעגענעצט זיך דער צוהערער: — איז דאָס אַ שטות שוין איינמאָל!
אַזעלכעס האָבן טשערעפּאַכעס נישט געזען נאָך קיינמאָל!

פּאַראַני, יולי, 1952.

פּאַרטראַכטקייט

אַ מייזל הערט נישט אויף אין שטאַל אַרומצושמייען,
באַהיט און שטיל, און ס׳לאָזט דעם נישט צו רו
דער רעיון:
וואָס איז עס פאַר אַ מער מיט אונדזער קו,
אַז רק זי איז פאַרטראַכט אינמיטן קייען?
זי דענקט דאָך אויף געווים און פאַנטאַזירט,
ווייל כאָטש זי רודערט מיט די קינען,
איר פּנים ערנסט איז און קאָנצענטרירט...
און איר נשמה, הייסט עס, מוז זיך עפּעס וואָס געפינען.
ווי זע איך אויס אַקעגן אַ מאַדאַם אַזאַ,
אַן אומגעראָטן שטיפערל, ווי איך, אומשטיינבצוזאָגן?
זי מוז אוודאי אָפּט אויף מיר אַ כעס טראָגן.
דאָס זעט מען, ווען זי טוט אַ שאַר
גאָר ערנסט מיטן וויידל.
כ׳פאַרדין זיך עס: איך רעג זי אויף נישט אייבל.

שוין צייט צו ווערן אנדערש; נו, איך ווייס שוין וואס צו טון:
איך וועל זיך זעצן ליבן זשלויב באשיידן און —
מיט ווערטער העפלעכע צון איר זיך ווענדן
נאך ראט-און-עצה, ווי צו ווערן גוט.
און ס'מייזל נעמט זיך אן מיט מוט,
גורט אן די לענדן,
פארנייגט דאס קעפל פייניטשקע און טוט א פרעג:
— וואס טראכסטו, קו? אויב פרעגן דיר איך מעג:
אז וויכטיקס — וועגן דעם איז איבעריק צו ריידן. —
די קו דערויף איר ענטפערט אן געיעג:
— די מיטשקע שמעקט מיר — טעם-גן-עדן.

פאראגוי. יולי, 1952.

ענלעכקייט

דעם אייזל האט שוין ביז דער גאל פארדראסן
דער חוזק אויף זיין חשבון, און ער האט באשלאסן
זיך בילדן... קריגן וויסן, זיין א ווייסער.
ער האט געקויפט דעם לעבנס-בוך פון לייב דעם קייסער.
ווייל די באשרייבונגען, וואס שילדערן א גרויסנס לעבן —
פון ווייזהייט, גוטע מידות אונדז דעם בעסטן ביישפיל געבן...
ער זעצט זיך צו דעם בוך, און ליינט, לייענט, און געניט זיך —
א שנור פון מעשים פרעכטיקע פאר זיינע אויגן ציט זיך...
נאר שוין די טבע גופא פון דער חיה דער בארימטער
פארשאפט דעם אייזל נחת... אויפן ארט באשטימט ער:
מיר זענען גייסטיק איינער איינעם אנדערן געראטן,
די זעלבע מעלות און חסרונות — שיין און שאטן.
עקשנות, פוילקייט, חשיבות, שטאלצקייט — אט דאס מידות-צעטל
זיי ביידע שטעלט דאך אויפן זעלבן ברעטל!...
און אויסערלעך?... דאס אייזל צינדט זיך אן אזש איידל:
— איך האב דאך אויך א גריווע און א קוטעס אויפן ווידל!... —
איצט מעג מען אויס אים חוזק, דאס פנים אים פארשווארצן —
דער אייזל נעמט זיך מער שוין נישט צו הארצן.

פאראגוי. יולי, 1952.

אַ פֿיש און אַ וואָרעם

געזען אַ וואָרעם אויף אַ האַטשיק מאַטערט זיך אין פּיין:
— פּאַמעלעך, קליינינקער, — אים זאָגט אַ פֿיש מיט מילדקייט:
הגם דער מענטש האָט קעגן דיר געהאַנדלט גאָר נישט פֿיין,
וועל איך דיך באַלד דערלייזן פֿון זיין ווילדקייט.
איך וועל באַפֿרייען דיך, נאָר אויף אַ רגע ווער פֿאַרשטאַרט,
מע זאָל קיין שאָדן פֿון דיר נישט הערן...
אויב נישט — מיין מאָגן, ווי אַ תּפֿיסה, דיך דערוואַרט,
און איך וועל אויפֿן האָק געפֿאַנגען ווערן.
דער וואָרעם האָט געפֿאָלגט — ער גליווערט אויפֿן אָרט.
דער פֿיש האָט גלייך גענומען זיך מקיים זיין זיין וואָרט.
ער האָט אים שטיקלעכווייז פֿון האָק אַראָפּגענומען
און, ווען שוין מיטן לעצטן שטיקעלע אַוועקגעשווומען,
אַ זיפֿץ געטאָן: — צום גליק באַוויזן נאָך אַרויסצוקומען!

פּאַראַגוויי. יולי, 1952.

דער אָדלער און די גאָנדז

אַן אָדלער, איבער וואָלקנס שוועבנדיק, פֿול זון די אויגן,
האָט צו דער ערד פֿאַרבענקט זיך מיטאַמאָל:
די גרויסע פֿליגל מעכטיק אויסגעצויגן,
ער מוט אַ שיס אַראָפּ אויף אַ טאָפּאָל,
וואָס איינזאַם אויף אַ היגל שטאַרצט ער.
ער קוקט אַרום זיך אַ באַהאַרצטער...
אָט דאָ לעם פֿאַרקן אין אַ זייט,
פֿון דעם טאָפּאָל נישט ווייט,
זיך זיצט אַ גאַנדז אַ מילעך־ווייסע,
ווי פֿון אַ כּישופֿדיקער מעשׂה.
דער אָדלער קוקט דערפֿאַר אַנטציקט, נאָר אויך מיט שטילן צער.
— באמת, — זאָגט ער: ס'איז אַ זעלטן שיינער עקזעמפּלאַר
אַהער, אַן אָרט פֿון שמוץ און קויט, אַראָפּגעפֿאַלן!...
ווי ווונדערלעך איר קעפּל! און איר העלדזל ווייך און צאַרט!

צי זאָל אזא באַשעפעניש אַ פּרעכטיקס לעבן צווישן שטאַלן
מיט הינער, קאַטשקעס, אינדיקעס... אַן עולם גראָב און האַרט!?... —
און ס'האָט דער אָדלער ווידער אומתירוואָרט
אַראָפּגעלאָזט זיך פון טאָפּאַל דעם שטאַרקן
גאַר נידעריק שוין, אויפן הייפלס פּאַרקן.

— יפה־פיה, גוטמאָרגן! ווי אַ וואָלקנדל אַ ווייס
בלייבסט הענגען טיילמאָל אויף אַ בייזן הימל־קרייז.
אַזוי ביסטו דאָ אויף דער ערד דערשינען,
נאָר דאָס איז נישט דער פּלאַץ, וווּ דו זאָלסט זיך געפינען.
גערירט פון זיינע ווערטער און פון זייער קלאַנג,
הגם נישט אַלץ ווי ס'דאַרף צו זיין פאַרשטאַנען,
האָט גלייך די גאַנדז געטאָן אַ גאַנג שטיל און באַנג:
— כ'וואָלט וועלן פליען... גאָ... אַוועקפליען פון דאַנען...
— נו וואָס! — רופט אויס ער: ס'האָט מיין פאַרגעפּיל מיך נישט
פאַרפירט.

כ'האָב צווישן גראָבע פליגל דאָ געפונען אומבאַרירט
אַן אידיעלע נשמה, וועלכע רייסט זיך צו די הייכן!
נו, זאָל זי קומען נעענטער צו מיר,
איך וועל זי פירן, איבער וואָלקנס וועט זי גרייכן
און איבער זריחה־פּורפּור מאַכן אַ שפּאַציר
העט־ווייט!... צו זילבערדיקן זונען־שימער...
העט!... צו געגילטן שטערן־גלימער...
— גוט, גוט! — שלאָגט איבער אים די גאַנדז:
כ'בין גליקלעך!... פיר מיך צו דעם גלאַנץ!...
מיר וועלן איבער כמאַרעס פליען
און איבער זריחה־פּורפּור ציען...
אָ, פליען, פליען!... —

און, באַהערשט די שרעק,
צעשפּרייט מיט ברען די פליגל, ווייסע אַן אַ פלעק,
פאַרגרייסט אפילו הויך דעם עק;
נאָר צו דער הייך איז זי לגמרי נישט אַוועק,
האָט בלויז געטשליאַפּעט אַ מטורפדיק־צעהיצטע,
דערנאָך גענומען לויפן, פון דער בלאָטע אַ באַשפּריצטע,
— ס'איז גאָרנישט, — זאָגט דער אָדלער: פליען איז אַ קנאַפּע
קונץ —

אַ ליאַדע־וועמען קאָן ביי אונדז
די חכמה אויסלערנען איעדער איינער .
פון תמיד זיצן זענען שווער געוואָרן דיינע ביינער,
נאָר ס'וועט פאַריבער. און צוליב געזעלשאַפט און גענוס
אויך איך וועל גיין דערוויל צופוס.
— וווהין? — אים פרעגט די גאַנדז.
— צום פעלדז מיר וועלן שפאַנען.
וואָס אויף זיין שפיץ שטייט פעסט מיין נעסט.
איך וועל דיך טראָגן אויפן באַרג אַרויף, פון וואַנען
מיר וועלן פרווון פליען... —

נאָר די גאַנדז דערשראָקן מעסט
מיט גליווערדיקן בליק דעם וועג, דער שנאָבל אויפגעריסן,
און טוט לסוף אַ גאַגעלע: — איך אויך?... איך קאָן נישט גיין.
— נאָר שרעק זיך נישט! ווער ס'וועט פאַרווערן, קריגט אַ פּסק
אַ מיטן —
איך גיב דערויף מיין אַדלער־וואָרט, געטרויע מיין געוויסן. —
נאָר זי, די גאַנדז, שווייגט שטום און דרייט בלויז מיטן קאָפּ אויף ניין,
ווי ס'וואָלט זי אַ דערמאָנונג אומגעריכט געגעבן...
— כ'פאַרשטיי נישט, ליובע, האָסט זיך דאָך מיט ברען אַזוי
געריסן?...
— הייל ב'האָרט, איך וואַרט דאָ אויפן... גאַנער, דאַרפסטו וויסן.

פאַראַנין — וואַרשע. אויגוסט, 1952.

רוסישע און סאוויעטישע משלים-דיכטונג

(פריי לויט קרילאָוו)

די האָרינטע און די דינסטמיידלעך

אַ יוסטע האָרינטע, אַ רירעוודיקע זקנה,
אַ קאַרגע און געמיינע,
צוויי דינסטמיידלעך געהאַט האָט צום באַדינען.
פון פרי באַגינען
ביז שטאָק-ביינאַכט
די דינסטמיידלעך אין פּראַצע האָבן רק פאַרבראַכט
און, אויף קיין רגע נישט פאַרלייגנדיק די הענט, געשמאַכט.
אַלצייגס פאַר זיי דער יום-טוב מיט דער וואָך —
עס האָט די זקנה קיינמאָל נישט פאַרלייכטערט זיי דעם יאָך.
דעם אָטעם נישט געלאָזט זיי כאַפּן פון גאַנצפרי ביז שפּעט.
פאַרטאָג, ווען אַלע שלאָפן נאָך, געריסן זיי פון בעט.
זי וואָלט פאַרשפּעטיקט אפשר מיטן וועקן זיי אַמאָל,
איז דאָ אויף צרות דאָך דער האָן (אַ רוח אים אין קול!),
וואָס דינט דער זקנה מיט זיין קרייען פאַר אַ זייגער.
קוים טוט ער נאָר אַ קריי — זי שפּרינגט שוין פון געלעגער.
אַ כאַפּ אַרויף דאָס אונטערקלייד, אַ לייבל גיך
אין ציטעריק, צעלייגט אַ פייער אויף דער קיך
און שלייכט אַריין זיך מיט אַ וואָרטשען צו די מיידלעך: — נו!
אין מיט דער האַנט דער קנאַביקער זי לאָזט זיי נישט צורו;
און אויב זיי עקשנען זיך — טוט זי אַ דערלאַנג,
אַוו עס זאָל נישט טרעפן, מיט דער צוואַנג.
און ס'רייסט זיך איבער דער באַגינענדיקער זיסער שלאָף.
וואָס קאָן מען זיך דאָ העלפן? אוי, אַ שטראָף!
זיי דרייען זיך, און קאַרטשען זיך, און גענעצן: — באַלד-באַלד!
און רייסן זיך פון וואַרעמען געלעגער אַפּ ביגוואַלד.

אויף מאָרגן חזרט זיך דאָס זעלבע איבער אויף דאָס ניי:
קוים קרייט דער האָן — דער זיסער שלאָף פאַרביי.
— אָך, שד פאַרשאָלטענער! — די מיידלעך קריצן מיט די ציין:
ווען דו וואָלסט נישט געקרייט אַזוי געמיין,
וואָלט אויפגעוויים זיך אָפּט פאַרצויגן אונדזער שלאָף.
וואַרט-וואַרט. דו וועסט זיך אויסריכטן אַ בייזן סוף! —
און איינמאָל — ס'האָט זיך אַ געלעגנהייט געמאַכט היקרצו —
ביינאַכט אַראָפּגעדרייט דעם האָן דאָס קעפּל: — לאָז צורו!
און וואָס? די מיידלעך האָבן אַ דערלייכטערונג דערוואַרט,
נאָר ס'האָט די האָפענונג ביטער זיי טענאַרט,
עס האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט באַקומען גאָר פאַרקערט:
קיין קריי האָט, אמת, קיינער מער שוין נישט געהערט,
נאָר זי, די האַרינטע, אין ציטערניש און שרעק,
עס זאָל ביי זיי די צייט לאיבוד נישט אַוועק,
זיי זאָלן צופיל רו, חלילה, נישט געניסן,
האָט איצט קיין אויג זי נישט געלאָזט פאַרשליסן
און יעדן טאָג אַזוי פאַרפרי זיי אויפצושטיין געצייט,
ווען ס'האָט קיין האָן נאָך פאַר זיין לעבן נישט געקרייט.

אַזוי ווערט אָפּגעשמיסן יעדער נאַר,
וואָס פטורט דעם משרת שטאָט זיין האַר

פון דעמיאַן ביעדניס משלים

אַ בעל־צדקה

געקומען איז אַמאָל נאָך הילף אַן אָרעמאַן
אין פּריצס פּאַלאַץ מיט די זאַלן פיינע;
ער איז פאַרשעמט פון זאַל צו זאַל געגאַן
צוליב די טראַנטעס מיט די לאַטעס זיינע;
ס׳האָט אים געדריקט די חרפּה שטאַרקער פון דער שווערסטער לאַסט.
דער פּריץ, ווי אַ גוטער מענטש, לויט לייטן זאָגן,
איז ממש ווייך געוואָרן, ווי אַ טייגל, פאָרן גאַסט.
ווי דאַ דערזעט ער אים, דעם אָרעמאַן... קאַלאַשן טראָגן!
איז, דאַכט זיך וואָס? אַ קלייניקייט! און דאָך
האָט אונדזער פילאַנטראָפּ געטאָן זיך אַ צעקאָך:
דו שמאַטע־קלייניק! ס׳איז פאַר דיר אַן אָרט אין שטאַל,
און נישט אין מיינע זאַלן!
און דיר, עם־הארץ, איז נאָך צײַנגעפאַלן אַ געדאַנק,
אַז כ׳וועל אַזאַ פאַרגרעבטן עיפּוש געבן אַ געשאַנק?
אַרויס, כאַמולע! כ׳זאָל דיך מער נישט זען פאַר די אויגן!
דער יאָלטער האָט נישט באַוויזן אויסריידן קיין וואָרט
און ווי אַ קנויל — פון זאַל אַרויסגעפלויגן.
ער איז באַשטראָפט געוואָרן כדבעי אויפן אָרט —
ער האָט דאָך די קאַלאַשן נישט אַראָפּגענומען טאַקע!
נאָר ווי? אַז שטיוול אונטער זיי האָט ער געהאַט אַ מכּה!

דאָס פּאַסטעך־פּייפל און דער קלאַרנעט

אום זומער איינמאָל, לעם אַ דאָרף, איז דאָס פּאַרלאָפן —
ביים טייכלס ווייכן ברעג, וואָס פליסט אַוועק הערט-העט,
האָט אומגעריכט אַ פּאַסטעך־פּייפל זיך געטראָפן
מיט אַ קלאַרנעט.
— גוט מאָרגן! — פּישטשעט דער קלאַרנעט פאַרשלאָפן.
— גוט יאָר דיר, פריינד! — דאָס פּייפל ענטפערט האַרציק-אָפן:
גוט יאָר!
איך זע — פון די, וואָס אין די שטעט די גרויסע וווינען...
נאָר כ'ווייס נישט: פון די פּריצים אָדער אַנדערע פּאַרשוינען?
— אָט האָסטו דיר און גאָר! —
זיך פילט געטראָפן דער קלאַרנעט: וויש קודם אויס די אויגן,
ווי ס'פּאַסט זיך, לייטיש מיט דער האַנט
און קוק זיך בעסער איינעט, איידער פרעגן אומדערצויגן.
איך בין — קלאַרנעט, באַוווסטער מוזיקאַנט.
הגם מיין שטים צו דיינער, אמת, ענלעך איז אַ ביסל,
נאָר מיין טאַלענט צו יעדן הויז מיר גיט אַ שליסל!
איך זאָל, מוזשיק, דיר זאָגן, וואָלט אַ מורא דיך באַפאַלן.
דאָך וועל איך עס נישט אויסבאַהאַלטן ווי אַ סוד.
עס טרעפט זיך, טאַטינקע, ווען מיין מוזיק נעמט שאַלן —
זיך לאָזן פירשטן, גראַפן טאַנצן אין דער ראָד!
איז ניי פאַרגלייך איצט אונדזער ביידנס שפּילן:
אַז דיין מוזיק ביי פּיך בלויז ווייקט געפילן,
זיי זאָלן פאַכען מיטן עק פון זייט אויף זייט!
— ס'איז וואָר. מיט גראַפן קער איך זיך נישט אָן אײנגאַנצן, —
דאָס פּייפל ענטפערט: דאָך געדענק — ס'וועט קומען נאָך אַ צייט,
ווען אָט די לייט
אויך אונטער מיין מוזיק נאָך וועלן טאַנצן.

די בין

אין אַ געדיכטן גרינעם סאָד האָט פלייסיק, לוסטיק
אַ בין געשמייעט מיט געזשום-געזאַנג
ארום אַ בליענדיקן ראָזן קוסטיק,
וואָס אונטער אים געלעגן איז אַ שלאַנג.

— צי קאָנסטו מיר נישט, בינעלע, דערקלערן, —
זיך לאָזט די שלאַנג פון דאָרטן הערן:
פאַרוואָס דאָס מזל האָט געטאָן גראָד דיר מער גליק באַשערן?
כ׳וואָלט כבוד דאַרפן ווערן צוגעטיילט מיר גלייך מיט דיר.
מיין גיפט שרעקט מענטשן — דאָס איז נישט קיין ליגן.
פאַרוואָס אָבער ווערסטו דו געאַכטעט אָן אַ שיר
און זשוזשעסט צווישן מענטשן פריי דיין ניגון?
דו האָסט דאָך אויך אַ גיפט, וואָס לאָזסטו אים אַריין,
פאַרשאַפט ער ווייטיקלעכן פיין?
— כ׳וועל זאָגן. האָסט זיך צו דעם עיקר נישט דערקריגן, —
צעזשוזשעט זיך די בין אין קעמפער צו דער שלאַנג:
אַז ביידע זענען מיר באַרימט פאַרשיידן,
אַז אַנדערש איז דער שטייגער ביי אונדז ביידן,
אַז דו אויף אַנצופאַלן, לאָזט דיין געווער אין גאַנג,
און איך — זיך בלויז צו שיצן, זיך און מיין געזאַנג.

דער שטעכלער

באַווייזט זיך ווו דער שטעכלער, קאָן די שלאַנג שוין דאָרט נישט וווינען.
— עך, שד פאַרשאָלטענער, אין אַנגענאָדלטקייט פאַרמאַכט!
נאָר וואַרט, איך וועל דיר אָפּצאָלן צום שטוינען! —
אַ סוף צו מאַכן מיטן שטעכלער האָט די שלאַנג פאַרטראַכט.
נאָר ווייל זי גופא האָט דערויף קיין כוח נישט, קיין מאַכט,
איז זי געקומען מיט אַ צביעותדיקן שמייכל
צום טכויר, אים איינצוגעבן שכל:
— האָב איך פאַרגרייט אויף ווינטער קעפּעס, ליבער.
אַזאַ־אַ גרויסן שטעכלער, זעסט?!
מע קאָן זיך מיט אַזעלכן אַנעסן, ווי זאָגט מען, פעסטו!
נאָר ווייל ס׳איז אונדזער פריינדשאַפט טייער מיר, דעריבער
דעם ביסן דעם געשמאַקן שענק איך דיר אַוועק.
וועסט מער שוין צו קיין אַנדער שפּייז נישט וועלן מאַן קיין שמעק! —
עס רייצט דעם טכויר דער נייער ביסן,
ער שטאַרבט דעם שטעכלער צו געניסן,

און ס'מוט די מלינע פֿון זיין מויל אַ שלאַנג:
— פֿון וועלכער זייט המוציא מאַכן, זאָג?
— דו פּאַק אים פֿון צוועלכער זייט עס זאָל נישט זיין נאַר! —
די שלאַנג אים עצהט: טייערער דו מיינער!
דו קאָנסט אים מיט די ציין פֿאַרפֿאַרן אין אַ זייט, הדי אויך
אים אויפֿטריקען דעם בויך,
דער עיקר — נישט געצויגן! —
דערווייל האָט זיך דער שמעטערלינג אין אַ קנויל פֿאַרדרייט.
דער טכויר, געוואָהנט דעם רוקן איינגעבויגן,
און אויפֿגעציטערטיק פֿון ווילדער פֿרייד,
האָט אויפֿן שמעטערלינג זיך אַ וואָרף געטאָן מיט בליקן — בליצן,
און אָנגעטראָפֿן... אויף די נאָדל-שפּיצן.
— דערשטיק אים! — צישעט אים די שלאַנג: דערשטיק אים! מוטש!
וואָס רוקסטו זיך אויף צוריק? דו גייסט זיך אויפֿן שכל רירן?! —
און אים, דעם טכויר, פֿון וויטיק פֿינצטער זענען די געהירן
און ס'גאַנציק מאָרדעלע אין בלוט.
— דערשטיק אים דו אַליין! — ער זאָגט איר בייז און ביטער:
און דו אַליין, מיט קיינעם נישט געטיילט, מיט אים זיך פֿיטער.
וואָס שייך מיר, האָב איך באַקומען, דאַכט זיך, אַ באַווייז,
אַז שמעטערלינג-פֿלייש איז נישט פֿאַר מיר קיין וואַשנע שפּייז.

שוין לאַנג זיך וואָלטן ציין אין אונדזער לעבן איינגעביסן,
ווען ס'וואָלט היינט פֿיינט, וואָס שרעקט כּסדר אונדז מיט קריג,
נישט ווען,

אַז די אָרמיי די רויטע שיצט אונדז און זי איז
אַ שמעטערלינג און אָנגענאָדלט מיט ביקס און שפּיז.

וואַרשע. סעפּט., 1952.

פון סערגיי מיכאַלקאָווס משלים

דער שאָף איז גאָרנישט דער

אין וועלדער, ווי באַוווּסט, איז אַרבעט דאָ אַ וועלט...
און מיט די נאָרע־נעסט־ענינים צום פאַרוואַלטן
(דער אַמט פאַר גאָר אַן יאָרנפולן ווערט געהאַלטן)
ווערט איינעם וואַלד דער שאָף געשטעלט.
די פּראָסטע האַלטונג פונעם שאָף באַקאַנט איז יעדן איינעם,
ער טרעט נישט קיינעם אויפן עק.
און קיין פּאַרזענלעכע חשבונות פירט ער נישט מיט קיינעם...
נאָר אָט איז שוין אַ יאָר אַוועק.
וואָס זעען חיות, פייגל? לײדער —
הגם דער שאָף איז באַלעבאָס,
נישטאָ אין וואַלד קיין אָרדענונג, קיין סדר!
אַז וואָס עס זאָל צרות נישט פאָרגיין, וואָס —
ער טוט אפילו נישט קיין פינטל מיט די ברעמען!
און אויב עס טרעפט אַמאָל זיך ווען
אַ שמועס טאָן מיט אים, איז גלייך זיין תשובה דאָ:
— „קיין צייט", „וואַרט צו", „מיר קאָנטראָלירן", „ס'וועט זיך איבערמאָלן".
ווען נייטיק אַ באַשלוס, דער שאָף — נישט ניין, נישט יאָ.
עס קרעכצט דאָס וועלדער־פאָלק אין רוישטן און אין טאָלן:
— ווי האָבן מיר געקאָנט אַזוינס זיך מאָלן?
דער שאָף איז גאָר נישט דער!
ווי זאָל זיך שוין אַ סוסליקל פאַר אים פאַרקלאָגן,
אויב אויף אַן אויפגעם ווערט אַ וואָך אַ בער?
דער שאָף איז גאָר נישט דער! נישט דער!

— נו, יאַ, — האָט עמעץ אָפּגעזיפֿצט: ס'איז רעכט צו זאָגן,
אַז צו דעם אָדלער לייכטער איז זיך צו דערשלאָגן,
ווי אויפֿגענומען ווערן פֿונעם שאָף!
און ס'טראָגט דאָך וויכטיקערס דער אָדלער אויפֿן קאָפּ!

דער משל האָט מיר אין געדאַנק געטאָן אַ שימער
אין אַ געוויסן שטאָטראָט אינעם וואַרטע־צימער.

דער האָז און די טשערעפּאַכע

אַ פֿיבער האָט אַמאָל אַוועקגעלייגט אַ האָז,
פֿאַרבאָרגן אונטער קוסטעס ווו אין גראָז.
צו קרענקען איז נישט ליב, ווי אַלע ווייסן:
אָט ציטערט ער פֿון קעלט, אָט גייט ער אָפּ מיט שווייסן.
ער רעדט פֿון וועג, רופֿט עמעצן צו הילף אין שרעק...
ווי אומדערוואַרט — אַ טשערעפּאַכע ביי זיין פּיסל.
דער האָז צון איר: — מיין טייערס... וואָסער גיב אַ ביסל...
עס דרייט אין קאָפּ... איך פֿיל, איך גיי זיך, עק...
דאַלעבן סטאַוון — בלויז די האַנט צו טאָן אַ שטרעק! —
צי האָט געקאָנט די טשערעפּאַכע מאַכן זיך נישט הערן?...
עס איז אַוועק אַ שעה אין וואַרעמס און אין קאַלטס,
אַ צווייטע און אַ דריטע, ס'הייבט אָן טונקל ווערן, —
און אויף דער טשערעפּאַכע וואַרט דער האָז נאָך אַלץ.
זי איז נישטאָ. נישטאָ. און זידלען זי זיך נעמט דער חולה:
— נישט בלויז איר טיוולש פּאַנצערל אליין,
נאָר אויך איר הארץ דאָס טרייפֿע איז פֿון שטיין!
ווו ביסטו דאָס אין דרערד אַריין, דו פּוילע?
איך וואַרט שוין אויפֿן טראָפּן וואַסער אַ מעת־לעת... געמיין!
— וואָס זידלסטו זיך? — האָט דאָס גראָז באַוועגן זיך געגומען.
— נו, ענדלעך! — זיפֿצט דער חולה אָפּ: דו ביסט געקומען!

— אך, נייִן, מײַן העזל, כ'לאָז זיך ערשט אהינצו גיין.

מיין משל האָט איין זין אַ גוזמא טשערעפּאַכעס.
עס טרעפט, מיר קענען זיך אָן גיכער מיטהילף נישט באַגיין,
נאָר ווי, עס איז אונדז נישט באַשערט קיין נחת,
קוים ליגט זי אין די הענט פון טשערעפּאַכעס!

דער לייב און די פליג

ס'האָט איינמאָל ביי דעם זעלבן טיש א פליג
צוזאמען מיט א לייב געגעסן פון איין שטיק.
געקליבן זיך אוועקצופליען, און —
די פליג האָט זיך צו זאָט שוין אָנגעגעסן,
(איר ווארעמט אויפן אויער פונעם לייב די זון)
אפנים, ס'האָט איר אָפּגעגלוסט זיך, און זי איז געזעסן,
געבליבן אויף א מיטאָג און... פארהיימישט זיך אויף לאַנג.
אינגיכן איז ארום א קלאַנג,
מ'האָט וועגן דעם געהאָט צו ריידן און צו זאָגן
(די פליגן טאַקע האָבן עס צעטראָגן), —
די פליג איז אין די פּעדערן אריין,
זי זאָל דעם לייבס בעל-יועץ זיין;
דעם לייב, וואָס חיות אים פון שרעק זיך אונטערגעבן,
איז אָן דער פליג דאָס לעבן נישט קיין לעבן;
ווען ס'טרעפט, זי מוז געשעפטלעך פליען ערגעץ ווייט,
הייבט אָן באַצייטנס ער צו בענקען —
ער קאָן נישט עסן און נישט טרינקען,
און ער אליין האָט איינגעפירט א מנהג מיט דער צייט:
קוים לאָזט ער זיך ארום צו רויבן און פארצערן,
ער לאָזט די פליג פון זיך נישט אָפּ;
און זיצט זי אויף זיין אויער, ווער וועט עס איר שטערן,
אים אָנצוזשושען וואָס זי וויל א פולן קאָפּ?
איז ווי זשע זאָלן פאר דער פליג זיך לייט נישט שרעקן?!
און אים, דעם לייב, פעלט גאָר נישט איין צו טאָן א טראַכט,

698 — 6

אז ס'האָט די פליג אַזויפיל מאַכט,
אַז אַלע ציטערן פאַר איר, זי חנפענען און לעקן,
און אַז, נאָך מיין,
ביי אים אין ווארטע-צימער, צווישן יאָ און ניין,
אַנטשיידן ווערן לייבנס ענינים בלויז דורך איר אַליין!

דער ציל פון משל מיינעם: שלעכטס באַקעמפן און פאַריאָגן,
וואָלט טאַקע פאַר דעם ענין גוט געווען אַבי,
אַז צו די לייבן זאָל זיך מיין מאָראַל דערטראָגן
און טאָן געוויסע פליגן לייכט אַ ברי.

דער שיכורער האָז

ליכּוויד אַ נאָמענטאָג צי אַ געבורטסטאָג ווערט דער האָז
פאַרבעטן צו דעם שטעכלער גלייך מיט אַלע שכנים.
עס פליסט אַ טייך מיט וויין, און כּוס שלאָגט אָן אין כּוס,
און פריילעך טומלט מען אינײנעם.
אויך אונדזער האָז, ווי נאָר ער זעצט צום טיש זיך פיין,
דערטרינקט זיין שיקל-בליק אין וויין,
ביז ענדלעך, אויסגעזשליאָקעט היפשע שטאָפּן,
ער רייסט זיך אָפּ פון טיש: — מ'עט גיין אַהיים!
— אַהיים?—זאָגט פריילעך אים דער שטעכלער: וואָלסט געטראָפן?
פאָלג מיך, און לייג זיך בעסער שלאָפן,
און אינדערפרי, שוין אויסגענכטערט, וועסטו גיין.
געדענק, וועסט אומקומען אין וואַלד אַליין!
מע זאָגט: עס איז צון אונדז אין וואַלד אַ לייב פאַרלאָפן. —
אומזיסט דאָס איבערצייגן אים! דער האָז איז שיכּור-לוט.
— דער לייב—אַ וואַזשנע זאַך! איך קאָן אין גאַרטל אים פאַרשטעקן!
דערלאַנגט אים נאָר אַהער! — צעשרייט ער זיך מיט שפּאָט:
ער וועט ביי מיר שוין אַלע אַלטע חובות דעקן!
כ'וועל זיבן הויטן אָפּשינדן פון אים מיט מיינע ציין
און לאָזן אים קיין אַפריקע אַ נאַקעט-הוילן גיין! —

פארלאָזט דאָס טומלדיקע הויז, ער שפּרייזט, צעוואַקלט צווישן
די ביימערשטאַמען, ווי דורך טישן,
ער גייט און טומלט אין דער פינצטערניש פון וואַלד און נאַכט:
— מע האָט געזען אין וואַלד שוין שטאַרקערע פון לייבן פליקער,
און יענע זענען אויך צעפלויגן זיך אין שטיקער! —
דאָס שיכורע געשריי צעוועקט דעם וואַלד, דער לייב דערוואַכט,
דער האָז איז גראָד דורך זיין געדיכטעניש געגאַנגען.
דער לייב — אים פאַרן קעלנערל א פּאַק!
— א וואַזשנע חפץ האָב איך דאָ געפאַנגען!
ס'האָסטו אַזוי געטומלט עס, דו שלאַק?
וואָרט־וואָרט, איך זע, ביסט שיכור —
זיך אָנגעשנאַשקעט עפּעס מיט א בורדע, ניכר —
דאָס גאַנצע שכרות איז פון העזלס קאָפּ אַרויס!
ווי ווערט מען, טראַכט ער, פון דער צרה לויז?
— המם, איך... המם, איר... יאָ, מיר... דערלויבט מיר, אייך
דערקלערן!
זייט מוחל! ...כ'בין געווען אין געסט, כ'קום פון דאָרטן גלייך.
געכאַפּט אביסל איבריקס, אָבער אַלץ לכבוד אייך!
דער לייבעכע! די לייבעלעך, זיי זאָלן זיך אייך מערן!
איז מעגלעך דען געווען נישט שיכור ווערן?! —
די קראַלן איינגעצויגן, האָט דער לייב דעם האָז געלאָזן פריי.
און דער בארימטער אונדזוערער דעם טויט האָט אויסגעמיטן!

דער לייב האָט נישט געטרונקען, קיין שיכורים נישט פאַרליטן,
דערפאַר אָבער פאַרגעטערט... אונטערלעקעריי.

וואַרשע, יולי, 1952

די פאַרזיכטיקע פייגל

דעם בער האָט אויפן האַלדז ארויסגעזעצט א מכה —
ער עסט נישט, טרינקט נישט, ס׳ליגן איז א שטראָף,
דער קרעכץ, דער זיפץ טוט ווי, און ס׳קומט נישט אויך דער שלאָף.
באַפעלט ער: — זאָל דער פיקהאָלץ קומען, תיכף טאַקע,
מיר אויסשטעכן די מכה! —
דער דאָקטאָר איז געקומען באַלד.
באַטראַכט די מכה מיט א טיף געקנייטשטן שטערן,
ער קאָן זיך נישט באַשליסן דורכצופירן זי בגוואַלד
און גיט דערביי רב בערן
גאַנץ ערנסט צו דערקלערן:
— קוים פּלאַצט זי נישט ביז נאַכט פון זיך אליין,
און אָן א שטאָך מע וועט נישט קאָנען זיך באַגיין,
צוזאַמענרופן א דאָקטוירים-ראַט וועט מען הייסן.
און חוץ דעם איז דעם אוהוס שנאָבל שאַרפער — אַלע ווייסן. —
מע שיקט דעם אוהו רופן און דעם האָן...
דער קראַנקער קאָן די גאַנצע נאַכט קיין אָרט זיך נישט געפינען.
און ס׳פליען די דאָקטוירים זיך צוזאַמען פרי באַגינען
און... זעצן זיך באַטראַכטן, ווי און וואָס צו טאָן.
— נישט דורכפּיקן די מכה! — בלייבט ביי זיי בדעה-אחת:
און אויב דער ווּנט וועט נישט לינדערן דעם חולהם פּיין,
איז קומט מען ווידער זיך צוזאַמען, נאָר דער עיקר זאַך איז,
אז אויך דער בושל זאָל דאָ זיין,
ווייל ס׳איז זיין ראיה בעסער,
דער שנאָבל שאַרפערער און גרעסער! —
אינצווישן טוט דער בער, זיך דרייענדיק אהער-אהין,
זיך אומגערן א וואַלגער אויף א בין.
און ס׳טוט די דרייסטע בין איר גיפטל, ווי א דאָרן,
מיט א געזשומש אין זיינע האָר, אין אים א שטעך אריין,
און — אונדזער בער פון טויט איז לעבעדיק געוואָרן!
אויך די דאָקטוירים טוען שמייכלענדיק א שיין.
נישט ווייל דאָס גיפטל האָט אין ציל געטראָפן,

נאָר ווייל די קליינע בין איז זיי דעם וועג פאַרלאָפן:
נישטאָ מער קיין אחריות, מע וועט קאָנען רואיק שלאָפן.

די יענע, וועלכע פאַרסטראַכירן זיך פון יעדן צד:
נישט אויסשטעלן אויף הילף פון בינען — איז מיין ראָט.

דער נייטיקער אייזל

אַ מיטאָג היינט ביים אָקס! איר הערט?
דער שטאַל שוין פול מיט געסט איז,
און אויף די טישן — אַל דאָס בעסטעס.
שוין צייט צום טיש זיך זעצן. וואָס זשע שטערט?
— מע וואַרט דאָך אויפן אייזל! — עמעצער דערקלערט:
ווי נאָר ער וועט באַווייזן זיך דאָ באַוויליקן,
פאַרבעט די באַלעבאָסטע תיכף צו די שפּייזן. —
און ענדלעך — סקאָצל קומט, דער לאַנגדערוואַרטער גאַסט!
מע גיט אים אָפּ אַן אָרט: אַ קו אַ ראָסעווע אַנטקעגן,
אַרום אַ שעפּסן-קרייזל, לייטיש, ווי עס פּאַסט.
דער אָקס גיסט אָן: — לחיים פאַר אונדז אַלעמווען!
זייט אויפמערקזאַם, דער אייזל קריגט אַ וואָרט! —
די טומלדיקע פרייד שטילט איין זיך אויפן אָרט,
און... וועגן האָבער הייבט דער אייזל אָן אַ שמועס פירן!
זיין פרייז אַצינד. אויף וואָסער אופן אים מאַגאַזינירן.
פאַרוואָס איז האָבער זעטיקער פון ווייץ. נו, יאָ... — —
ער רעדט שוין אָט אַזוי אַ האַלבע שעה.
אַ באָק האָט שוין באַוויזן היפּש זיך צו באַזויפן,
און איינגעדרימלט האָט אַן אַלטע שאָף,
נאָר צו די רייד פון האָבער נעמט גאָר נישט קיין סוף;
זיך אָפּשטעלן דער אייזל קאָן נישט בשום-אופן!
אַז נישט מע זינגט, און נישט מע טרינקט, און נישט מע עסט,
הייבט אָן צו ווערן שיטערליך דער עולם געסט.
דער באַל — פאַרענדיקט, און ביז הייזעריק צו ווערן
דער אייזל רעדט. דער אָקס אַליין בלייבט איבער אים צו הערן.

ווי קומט דער אָקס צו זען ביי זיך אַזאַ מין אייזל גערן?
צי זענען זיי אַזוי באַפריינדעט האַרציק, וואָס?
ביים אָקס דער אייזל חשוב איז און גאָר געהויבן,
דער אייזל איז אים נייטיק — ר׳איז דאָך באַלעבאָס
אין פי־הויף ביי די זשלויבן.

די קוקאַווקע און דער שטאָר

— וואָס האָסטו אַזוי פרי זיך אויפן גאַנעק דאָרט צעשאַלט? —
האָט די קוקאַווקע ביי דעם שטאָר געפרעגט פון וואַלד.
— ווען דו זאָלסט וויסן! — קומט אַן ענטפער גלייך פון שטאָרן:
קוקאַווקעלע, איך בין אַ טאַטע היינט געוואָרן!
מיר פאַסט איצט זינגען פון באַגין ביז שקיעה אָן אַ שיר —
עס פישטשען מיינע שטאָרעלעך אין שטאָרנשלאַק ביי מיר!
מיין היימעלע צעוואַקסט זיך — כ׳מעג שטאָלצירן!
— געטראָפן וועגן וואָס מיט שטאָלץ אַ שמועס פירן! —
אים ענטפערט די קוקאַווקע פונעם וואַלד: די וועלט
וועט דיך באַוווּנדערן — אָווא, איז דאָס אַ העלד!
און איך אין פייגל שעץ די פרייהייט זייער.
— און ווו לייגסטו די אייער?
— אין יעדער פרעמדער נעסט.
— און דייניע עופהלעך ווו זענען?
— איך ווייס נישט. אומעטום צו געסט!
— ווער ניאַנטשעט זיי? די וועלט ווער לערנט זיי דערקענען?
— אַלץ פרעמדע. איך בין נישט פון יענע לייט,
וואָס געבן צו דער זאַך אַזאַ באַדייט...
וואָס טויג מיר פאַר אַ הויזגעזינט זיך מיען?
כ׳וויל זיין אַליין אַן — ווו מיר גלוסט זיך פליען
און קוקן ווו און ווען עס פאַלט מיר איין;
ווען דו זאָלסט, שטאַרושקע, אַזעלכער זיין!
— אָ, ניין! ער ענטפערט איר: דער ביישפיל פון מיין טאַטן־מאַמען
מיך לערנט זיין אום פרילינג מיט די עופהלעך צוזאַמען.
אָט האָט אַנומלטן פאַסירט אַ זאַך, אַז גאָט באַהיט!
אַ רויבפויגל, אַן אַלטער גנב און באַנדיט,

צו שטאַרנפּלייש באַקומען האָט אַ ווילדן חשק,
און זיך אויף אונדז אַ לאָז געטאָן — זיך מאַכן פלײשיק,
נאָר ס'האָט באַגעגנט אים דאָס הויזגעזינט מיט ווּט!
די טאַטעס און די קינדער האָבן זיך מיט מוט
געווערט, געשלאָגן זיך ביז בלוט, —
אַוועק דער רויבער. נאָר געפּרישטשיקט האָט ער — פליישיקס
דווקא —
ביים ראַנד פון וואַלד געטראָפן אויף אַן איינזאַמער קוקאַווקע!

פאַרשטיין דעם מוסר-השכל פון דעם משל איז נישט שווער:
פאַמיליע איז אַן אונטערשפּאַר, און נישט קיין שטער.

דער לויפנדיקער רעמאָנט

— איוואַן מאַראַסאָוויטש, איך האָב צו דיר אַן ענין!
— וואָס איז?
—איך דאַרף אַביסל קרייד פאַר אונדזער בנין!
כל-זמן דאָס וועטער דינט מיט שיינע טעג אַ פּאָר,
מיר ווילן ווייסן די סופיטן אין קאַנטאָר,
און קרייד פעלט אוים — אַ ברעקל, דאָס איז גאָר!
— ווי שנעל עס גייט ביי דיר, מע מוז די זאַך באַשליסן!
— עס ברענט דאָך אָבער!
— האָב געדולד, עס זאָל דיר נישט פאַרדריסן.
אַזעלכע פראַגן ווערן נישט דערליידיקט איינס און צוויי,
ווי נאָר דו טוסט אויף די אָפּצאָסן זיך אַ דריי,
דאָ מוזן מיר די מיינונג פון סטעפּאַן קוזמיטשן וויסן!
ס'וועט גיין אַ קוק טאָן קלים פּאַמיטש און, אפשר, גאָר אַליין
מאַטווייעך-סאַוויטשן דעם ענין ראַפּאָרטירן,
און יענער וועט אים צו דעם ראַט דערפירן,
און ערשט דער ראַט באַשליסט דאָן: ווייסן אָדער ניין!...
— אָך, מאַראָן אַרבעט ס'גייט דאָ!
— יאָ, מיר גייען נישט שפּאַצירן!

מע זעצט זיך צו דעם טיש בייטאָג — צעגייט מען זיך באַגינען־העט,
און ס׳טרעפט, מע זאָל זיך אַ מעת־לעת פון אָרט נישט רירן,
א צווייטע היים געוואָרן איז מיר שוין דער קאַבינעט!...

ס׳דערציילט דער משל וועגן קרייד — לפנים,
ווייל כ׳וויל נישט אָנרירן מער וויכטיקע ענינים.

אַ גווינטל

ס׳האָט איינמאָל א מאַשינראָד זיך גענומען גרייסן
און רימען זיך כמעט מיט א געזאַנג:
— כ׳בין מעכטיק! גרויס! און אלע ווייסן —
ווען כ׳דריי זיך, מאַכן אלע מיט מיין גאַנג!
איך פּראַצעוועו פאר אלע פאר א שיינעם דאַנק! —
נאָר אויף צולאָכעס האָט א גווינטל זיך צעבראָכן
אין דער מאַשין, און אונדזער שטאָלצע ראָד
זיך דרייט פאַמעלעכער, צעקראָכן,
א רים צוריק, פאָרויס, און אָט —
זי שטייט שוין אויפן גווינטס באַראָט.

דאָ טוט מיין משלע צון איך אַ פינטל:
פאַרגעסט נישט קיינמאָל אין דעם גווינטל!

דער ציגל און די קריע

אַ ציגל אויף אַ קריע איז מיט איר געשוווּמען
און רק געלערנט זי: — דו שווימסט נישט גוט,
אַזױ־אַרום וועסטו צום ציל נישט קומען,
טו שנעלער זיך אַ לאָז, אַזוי, מיט מערער מוט!
און טראַסקע נישט אומזיסט — נישט שיין פֿאַר לייטן,
און שפּאַר נישט צו די ברעגן — צו די ווייטן! —
דערווייל די קריע שמעלצט, באַגריסנדיק דעם פֿרילינג... האָפּ! —
און ס׳לויפֿט דער ציגל צו דעם גרונט גאַלאָפּ.

וויים, ווו דו ביסט, ווייל קאָנסט אינמיטנדרינען
זיך פּלוצעם אויפֿן גרונט געפינען.

איוואַן איוואַניטש איז געוואָרן קראַנק

איוואַן איוואַניטש איז געוואָרן קראַנק און מאַט, —
און נישט ווייל ס׳האָט אַ שלעכטער ביסן אים פֿאַרשאַט,
צי גאָר געכאַפּט אַ לופֿטצוג אַ פֿאַרשווויצטער, —
און תמיד אויף זײַן שטול רק זיצט ער,
דערלאַנגט גאָר זעלטן עמעצן די האַנט,
און פֿיל באַמערקט ער גאָרנישט — ווי די וואַנט.
טוט ווער אַ פֿרעג אים וואָס, ער וואַרטשעט קוים צו הערן,
צי ער צערעוועט זיך אַ שרעק:
— פֿאַרנומען! כ׳בין נישטאָ! פֿאַרשליסט די טיר! פֿאַרשטייט —
נישט שטערן! —
ער האָט זיך מיטן ווײַב צעשיידט און פֿון די קינדער איז אַוועק...
די פֿרײַנד די נאָענטסטע אים עצות געבן:
רעקאָמענדירט אים איינער ספּאָרט,
אַ צווייטער — אויף אַ קוראָרט פֿאָרט,
אַ דריטער — אויף דיעטע זאָלסטו לעבן...

גאָר נישט געהאַט האָט קיינס פון די־אַ מיטלען קיין דערפאָלג!
ערשט ווען באַקומט זיך סוף־כּל־סוף אַ טאָלק?
ווען ס'נעמט אים אויף דער קור, איוואַן איוואַניטש, דאָס פאָלק:
מ'האָט איינמאָל אין אַ טאָג אַ שיינעם
פון יעדער זאָרג, וואָס רויבט די רו און צייט,
און די קלאַפּאָטן אָלע אים, דעם עלנטן, באַפרייט
און אויך, מיט זיי אינאיינעם,
פון אויטאָ, וואָס אים פירט
און דעזשורירט
מעת־לעתן גאַנצע ביי זיין טויער!
און אָלץ האָט זיך אַ דריי געטאָן קאַפּויער:
ווי ס'וואָלט איוואַן איוואַניטש זיין נישט ד ע ר:
אַז יענעם, וועמען ער האָט נישט דערזען — דערזעט ער,
און יענעם, וואָס נישט אויפגענומען — גאָר אין גאַנצן פאַרבעט ער,
ער רעדט מיט מענטשן גערן, פּשוט, צום געהער,
מיט נחת־רוח ווען ווייב און קינדער רעדט ער...
פאַרשטענדליך, וואָר?!
קלאָר!

דער פּאַריסענער האָן

דערזען אין דאָרף אַ קאַרשון שוועבן,
אַ פּעקל הינדעלעך אין נויט,
דער יעגער האָט צון אים אַ שאָס געגעבן,
און ס'פאַלט אַראָפּ דער רויבער טויט.
זיין פוך בלויז איז נאָך לאַנג ארומגעפלויגן...
ערשט איצט פון אונטער קוסטעס קריכט ארויס אַ האָן.
עס קאָן שוין דער, וואָס האָט אזוי געשראָקן, גאָרנישט טאָן!
זיין שנאָבל — טעמפּ, און אויסגעלאָשן זיינע אויגן.
אַ קריגערישער גייסט באַהערשט דעם תרנגול!
ער לאָזט ארויס אַ זיג־געשריי, אַ גרויל,
זיין קאַם ווערט פול מיט בלוט, נעמט גליען:
—„העי, פייגל, קומט אַהער!" זיי קומען אָן צו פליען.

און וואָס? דער קאָרשון ליגט צו זײַנע פּיסלעך שטאַר!
— אָ, סאַרא חברה־מאַן! אַ גבר!
אַז ווער־מען וואָלט עס אויפֿן זינען קומען! —
דער קרייער בלאָזט זיך נאָך מער, ווי באַנומען —
אַ זיגער, וואָס אים שרעקט נישט קיין געפֿאַר.
נאָר איינער נעמט דעם טויטן פּיקן
און צווישן זײַנע פֿעדערן אַנטפּלעקט די וואָר:
אַ שרויטל, נאָך איינס... פֿאַר געלעכטער זיך צו שטיקן:
אָט דאָס איז עס און גאָר!

באַטראַכסט אַמאָל אַ מענטשן, וועלכער שרײַט פֿאַררים,
און גלײַך פֿאַרשטייסטו — יענער קרייער לאָזט אים גרים.

צוויי פֿרײַנד

— ווי שײַן בײַ דיר זעט אויס,
אָ, ליבע שוועסטער מײַנע! —
מיט קנאה זאָגט אַ שטשור, אײַן גאַסט געקומען צו אַ מויז:
אַז אַלע טישטעכלעך און סערוועטקעלעך דײַנע
און אַלץ, אויף וואָס דו זיצסט און בעטסט זיך אויס,
און וואָס מע זעט דאָ נאָר, איז אויסלענדיש דורכויס!
— אָך, האַרציקער, — זיפֿצט אָפּ די מויז: וואָס ווייסטו דען, וואָס ווייסטו!
און וויפֿל מי איך לייג דערין אַרײַן פֿאַרשטייסטו?
אַז תמיד נאָר איך זוך וו אַ ם איבעראַל!
נאָך אויסלענדיש איך לויף אַרום טאָג־טעגלעך —
וואָס אונדזערס, דאַכט מיר, גרוי איז און באַנאַל,
בלויז אויסלענדיש איך שלעפּ אין נאָרע, וואָס נאָר מעגלעך:
אָט זעסטו — דאָס אַ האָר איז פֿון אַ טערקישן דיוואַן,
און דאָ אַ פּערסיש שטיקל טעפּיך זעסטו ליגן,
און דאָס איז צאַרטער פּוך — ערשט נעכטן אים געקריגן —
פֿון אַפֿריקאַנער פֿייגל — פֿון אַ פּעליקאַן!

— און עסן עסטו וואָס? — ער טוט אַ פרעג ביי איר:
עס פאַסט דאָך נישט זאָלסט עסן דאָס, וואָס מיר!
— אָך, האַרציקער, — די מויז אים ענטפערט מיט אַ ניגון:
דערין בין איך אַ מפונקת, אַז אַ שרעק!
איך עס בלויז ברויט און שפּעק.

פאַראַן גיקוינטלעך, וווּ מע ווייסט נישט מער ווי לאַכן
און אָפּשפּעטן פון הי געכאַכטע זאַכן,
און פון אַן אויסלענדיש באַנדראָלעכל אַ ברעג
זיי ווערן באַלד געריַרט — אַזאַ פאַרמעג!
און עסן... דווקא אונדזער שפּעק!

קוואַנטיטעט און קוואַליטעט

— דו דאַרפסט מיר גראַטולירן, העניערמאַן!
— צו וואָס?
— צו וואָס? איך בין פּרעמירט געוואָרן!
— פאַר וואָס?
— פאַר וואָס? כ'האָב העכער פונעם פּלאַן
אַרויסגעפּערטיקט הונדערט טויזנט קעמעלעך פון האָרן
און צוגעשטעלט אין אייער אונטערנעמונג צום טערמין!
און דיך, אַפּנים, טוט די אַרבעט אָן אין דין,
די האָסט, איך זע, שוין אַלע האָר פון קאָפּ פאַרלאָרן!
— אַ טעות, גוטערברודער, דאָס איז גאָר,
ווייל כ'האָב מיט דיינס אַ קאַמל היינט געקעמט די האָר!

דער קליינער משל זאָגט דעם בראַק-מאַכער: איך וואָרן,
כל-זמן ביסט נישט צום פּראָקוראָר פאַרפאָרן!

דער וואָלף — דער גראַזעסער

עס האָבן אים, דעם רויבער־הערשט, הער וואָלפן,
וואָס אויך אליין שינדט פעלן גאַנץ געשמאַק,
קיין שום המצאות זיך אַרויסצודרייען נישט געהאָלפן —
ער איז אַריין צו די פאַרפאַלגער אינעם זאַק.
אַצינד וועט מען אַרויסטראָגן אויף אים אַ פסק,
און ס׳וועט אים שוין די שטראָף נישט מיידן!
די עדות זאָגן מיט אַ קלאָר־וואָרן וואָרט,
ווער ס׳האָט פון אים געליטן און וועלכע ליידן:
„צעפּליקט אַ שעפּסל דאָ, אַ קאַלב צעריסן דאָרט,
זיך נישט געפוילט, אַוועקגעלייגט אַ שקאַפּע אויפן אָרט...״ —
באַווייזן — אויפן טיש. נאָר, ווי דער מנהג איז ביי לייטן,
די ריכטער געבן אים דאָס וואָרט, דעם מערדער, צו זיין שוץ.
— עס איז, — הייבט אָן דער וואָלף: באַוווּסט נאָך פון פאַרצייטן,
אַז תמיד האָט מען אונדז, די וועלף, געהעצט פון אַלע זייטן,
געמאַכט אַ שלעכטן שם, באַוואָרפן אונדז מיט שמוץ;
אַ שעפּס פאַרבלאָנדזשעט, ווען די שומרים שלאָפן,
אַ קו ווערט נעלם — באַלד: אַ וואָלף האָט זיי געטראָפן!
באמת אָבער קאָנען שוין די וועלף פון לאַנג, גאַנץ לאַנג
נישט קוקן אויף קיין בלוט, קיין קרעכץ נישט הערן,
ס׳איז זייער שפּייז געוואָרן גראָז, דער יאָדער פונעם זאַנג,
מיט גרינצייג שטאָט מיט פלייש זיך היינט די וועלף דערנערן.
און אויב עס טרעפט אַמאָל זיך דאָ צי דאָרט — אַ שאָף,
צי צוויי דורך עמעצן פון אונדז צעריסן ווערט, איז סיידן
ער קאָן צוליב זיין זעלבסטפאַרטיידיקונג עס נישט פאַרמיידן...
איך האָף אויף אייער אָביעקטיוון אורטייל, כ׳האָף!... —
און ס׳וועגן אָפּ די ריכטער גלייך זיין שטראָף:
אַ פאָרוואורף מאַכן. אָבער באַלד באַפרייען אים, לחלוטין,
ווייל ס׳האָט געענדערט זיך די טבע פון זיין מין צום גוטן.

עס זענען שוין פאַרלאָפן יאָרן זינט
דעם אורטייל יענעם און, איך בעט אייך, הערט נאָר,
די וועלף באַפאַלן אַלץ נאָך, ביז אַצינד,
בלויז משערעדעס, און נישט קיין גערטנער.

פאַלקאָן און שאַוקע

צווײ כלבים, שאַוקע און פאַלקאָן,
אין לויפן נאָך אַ האָז דורך ווילדע וועגן,
דערזעען מיטאַמאָל: צו ווייט פאַרגאַן! —
אַ וואָלפן־סטייע קומט אַנטקעגן.
פון אימה ציטערט שאַוקע און פאַרלירט דעם קאָפּ:
— פאַלקאָנושקע... דער טויט... וואָס קאָן מען טאָן, צי זאָגן?...
— זיך שלאָגן! —
פאַלקאָן איר ענטפערט אָפּ:
מיט יענעם גרויסן דאָרט וועל איך זיך טאָן אַן עצה,
און אויפן קלענערן לעם אים לאָז דו זיך גיין. —
אַ שפּרונג — ער איז שוין אויפן שונאס פּלייצע,
און דער גרגרת יענעמס — צווישן זיינע ציין,
ער טוט אַ וואָרף דעם וואָלף צו דרערד. נישט מיין —
אויף שטיק צעריסן ווערט אויך ער אליין.
און שאַוקען איז שוין קלאָר: זי דאַרף זיך גרייטן!
לאָזט שאַוקע דאָ ארויס אַ קוויטש, און מיט געוויין —
אַ פאַל די שונאים צו די פיס: — אוי, ליבענקע, נישט טייטן!
כ׳בין אייערע אַ קרובה! איר ווילט עס זעען קלאָר?
באַוויליקט טאָן אַ קוק אויף מיינע אויערן, מיין וויידל!
צי איז מיין פעל נישט וועלפיש־אוידל!
כ׳בין ענדלעך צווישן אייגענע: מיין טרוים געוואָרן — וואָר!
נו, קומט מיט מיר, איך וועל אייך וויייזן גערן
אַ טשערדע לעם אַ טייכל, מיינע הערן... —
און אין אַ געזונט־שורה לאָזן זיך מיט איר בייגאַנד
די וועלף, אין אָנהייב דורכן וואַלד, און שפּעטער דורך זיין ראַנד.
פאַרגנבעטען זיך שטיל — מע הערט שוין הינט דאָרט האַווקען.
זיי בלייבן אויף אַ וועלפישער באַראַטונג שטיין
און נעמען אויף די אָקסן שאַרפן זיך די ציין,
נאָר ראשית־חכמה טוט מען אַ צעטרייבער שאַוקען.
זיי גופא האָבן אויך נישט בעסער אָפּגעשניטן —
עס איז געווען אַ קאַמף אכזריותדיק און שווער:

די טשערדע האָבן גוטע הינט געהיטן
און פּאַסטעכער מיט גוט געווער...

און די מאָראַל? פֿאַלקאַן איז מיר אַ שאָד, און שאַווקע —
קאַפּויער דווקא.

פּישענע ענינים

ביים ברעג פֿון טייך־געמויזעכץ האָט אַמאָל קאַיאָר
דאָס פֿרידלעכע געפּיש פֿאַרזאַמלט זיך — באַקלערן:
וואָס טוט מען, אַ? דער העכט אין טייך דערגייט די יאָר,
אַז ס'איז דאָס לעבן שוין נישט גערן.
— דעם מערדער טייטן! טייטן אים! — פֿאַר יעדן איז עס קלאָר:
אויב טאָן אַ לאָז אויף אים זיך אַלע, גלייך ווי איינער,
וועט ער, דער איינציקער, דען אויסהאַלטן, דער בעל־הציינער?!
אים טייטן! און אַ שאָד איז יעדע ווייל! —
באַשלאָסן — אָנגענומען. און עס טוען זיך אָן אייל
די פּלאָטיצעס, די פּיסקאַרעס און מחנות צייל נאָך צייל,
נאָך זיי די קאַראַסן, די מאַליעווקעס, טאַבונען
אוקלייקעס, שלייענעס און ווירנעס, —
און ס'איז דער העכט, ביי גאָר זיין גאַנצן כח,
אַרויפֿגעשווומען באַלד פֿונאויבן מיטן בויך...
נישט איינעם האָט דער זיג באַגייסטערט.
— דער פֿאַרברעכער
איז מערער שוין פֿאַר אונדז נישט קיין געפֿאַר! —
באַקומט אַ קלוגע פּלאָטיצע דעם מוט צו רייזן העכער:
נאָר ווייט אין די געמויזעכצן לעבט נאָך איינער אַזאַ,
וואָלט גוט זיין אויך מיט אים אַ סוף צו מאַכן!
— געוויס, איר, פּלאָטיצע, פֿאַרשטייט זיך בעסער אויף די זאַכן, —
זאָגט שטיל אַ פּעטער סאָם פֿון הינטער וואָרצלען פֿון אַ בוים:
נאָר אָנהייבן מיט יענעם העכט, באמת לוינט אייך קוים!
ער איז אַהער נאָך קיינמאָל נישט פֿאַרשוווּמען,
איז וואָס זשע גייט ער אייך דאָרט אָן! —

די פלאַטיצע האָט איבערשפּאָרן אים זיך נישט גענומען,
און ס'איז דערביי געבליבן — גאָרנישט טאָן...
עס פליסט מנוחהדיק דאָס וואַסער ביי די גרינע ברעגן,
די מאַליעוּוקעס און ווּיונען טאַנצן אויף די וואַסער-שטעגן,
אין זיכערקייט די קאַרעסן זיך ווילן גאַנצע טעג,
נישט זוכנדיק קיין שוץ אין שליימען, קיין פאַרדעק —
עס וואַרפן שוין דעם רוּיבערס ציין נישט אָן קיין שרעק.
נישט לאַנג אָבער איז זיי באַשערט געווען די רו געניסן:
עס קומען פּיסקאָרס צוויי אַהיים — די פליספעדערס צעביסן,
דריי אַנדערע בכלל זיך קערן נישט צוריק.
ס'פאַרשווינדן פלוצעם פלאַטיטשקעס צו צענטליק שטיק!
און, זעט, אַ חבֿרה מאַליעוּוקעס איז נישט געבליבן...
דעם פישוואָרגם לעבן ווידער שוין — אויף שונאים אַזאַ יאָר!
דער ווייטער העכט האָט זיך אַהער אַריינגעקליבן
און נאָך געבראַכט מיט זיך חבֿרימלעך אַ פּאָר!

די פיש אַ שאָד. נאָר אַנדערע אַ לערע זאָלן האָבן:
די סאָמען נישט געהאָרכן, ווען מע גייט די העכט באַגראָבן!

אַ רובל און אַ דאָלאַר

אַ פשאַ-ער דאָלאַר, וועלכער בלאָזט פון זיך און מוּמלט,
און קריכט, זיך אויסצובאָרגן, יעדן אין דער האַנט,
אָנוּמלט
באַגעגנט-אָן אַ רובל פונעם ראַטנלאַנד
און הייבט זיך אָן קוראַזשעווען און אויסצולויבן:
— פאַר מיר די מענטשהייט ציטערט, ווערט פאַרשטאַרט!
נישט טירן — ס'איז פאַר מיר קיין גרענעץ נישט פאַרשפּאַרט!
צו מיר זיך איילן מיניסטאָרן, סאַכערים מיט גלויבן
אויף אויסגעשטרעקטער האַנט, וואָס גאַרט.
כ'קאָן קויפן אַלץ, וואָס נאָר עס קומט מיר אויפן זינען.
כ'שענק איינעם פרייד, אַ צווייטן ברענגט דעם טויט מיין וואָרט.

כ'האָב גריבנלאַנד געזען און אויפגעהאַלטן זיך אין ביַנע...
ווי קאָן פאַרגלייכן זיך צו מיר אַ רובל עפּעס־דאָרט?!
— מיט דיר זיך צו פאַרגלייכן קומט מיר גאָרנישט אויפן זינען! —
דער רובל ענטפערט אָפּ אים פּשוט, נישט פאַרשטעלט:
איך קאָן דיך זיך נאָר גוט, און וואָס, איך בעט דיך, שטעקסט דערינען,
וואָס דו האָסט אויסגערייזט די גאַנצע וועלט?
דו נאָר ביסט ערגעץ אין אַוועלכן לאַנד דערשינען,
געקומען זענען נויט און טויט נאָך דיינע טריט:
פאַר דיר מיט מעשׂים אין חער פינצטער מערדער דינען,
און יעדער הימלאַנד־הענדלער אין זיין קעשענע דיך היט.
און איך, דער רובל, ערלעך קוק מיין ערלעך פאָלק אין פּנים,
מיין פאָלק, וואָס בויט און רופט די וועלט צו שלום דורכאַנאַנד,
און פעסטיק זיך יאָר־אויס, יאָר־איין, צולאַכעם אַלע שׂונאים.
נו, רוק זיך אָפּ: דער רובל פונעם ראַטנלאַנד דאָ שפּאַנט!

די וואָראָנע און די גאַנדז

כ'האָט אַ וואָראָנע זיך פאַרוועלט:
אין עופות־הויף נביאות זאָגן,
זי האָט אַהין זיך אָנגעטראָגן
און אויפן פאַרקאַן זיך געשטעלט.
זי שטייט און: — קראַ! — און קראַקעט, קראַקעט:
די גענדז וועלן פאַרלירן, ס'האַלט דערביי אַצינד,
די פוך־און־פעדערן און בלייבן נאַקעט,
די הענער וועלן ווערן טויב און בלינד.
מע וועט זיי אויסשעכטן צו דער אכילה!
און אויב די קוואַקעס וועלן קינדער אויסבריִען אַפילו —
איז וועלן פגרן דערנאָך די הינדלעך ביזן לעצטן קינד! —
כ'האָט דער וואָראָנעס קראַקען אויסגעהערט אַ גאַנדז אַ קלוגע:
— וואָראָנע איינע, כ'וווּנדער זיך, צי ביסטו דען משוגע?
צי פלאַפּלסטו די אַלע מיני־שטותים אָן אַ שיר,
כדי אין אונדזער הויף פון מאָות גענדז און הינער

אָן אימה אָנצוּוואַרפן אויף אַ טיפשים דריי, צי פיר?
זוי גלייך דו וואָלסט פון אונדז דאָס וויסן מינער,
אָז דאָ, ביי אונדז אין לאַנד,
איז געבליבן דיר און דיין משפחה גאָר אַ שאַנד!
— מיר גלוסט זיך, קראַקע איך. וואָס פרעגט זיך ביי דיין טאַטן?
— אויב ס׳האָט זיך דיר שוין יאָ פאַרוואָלט, איז וואָלט איך דיר געראָטן

צו פליען קיין אַמעריקע — אין יענע שטאָטן
פאַר דעם מין קראַקען, זאָגט מען, צאָלט מען מיט דוקאַטן.

די טעג האָב איך געהאַט אַ בלאַט פון אויסלאַנד אין די הענט
און לויט דער פעדער די וואָראָנע יענע גלייך דערקענט.

די מאַלפּע און דער נוס

אַ מאַלפּע איז אַמאָל געראָטן צו דערטאַפּן
אַן אויסטערלישן קאָקאָס־נוס. אַ פרייד!
זי וואָלט באַדאַרפט אים בלויז צעקלאַפּן,
און שפּייזט זיך אַלע פריינד געזונטערהייט!
מע וואָלט פאַרגינען מחמת גליק און נחת יעדע לייד!
די מאַלפּע האָט אים אָבער דראָענדיק געהאַלטן
און שרעקט אַן אויפהער יעדערן, אַז: — אָך!
קוים וועט ער עמעצן אין קאָפּ אַ פּאַל טאָן
און זיך צעשפּאַלטן ,
וועט נישט קיין פרייד זיין, נאָר אַ קראַך —
ס׳ם וועלן אונטן קאַליע ווערן פונטערלעך אַ סך!
— אַ היפּשע פרוכט! מע קאָן עס דען פאַרלייקענען אַ ברירה! —
אַ מוילוואָרף טוט אַמאָל אַ פּליסטער צו דער מאַלפּעס קלוג:
נאָר וואָס, אויב נאָך עמעץ פאַרמאָגט אַזאַ מין פרוי?
דו וואָלסט געמוזט אין שכנס גאָרטן טאָן אַ קוק!
קאָן זיין, אַ בערעק וואַקסט דאָרטן אַזאַ, צי נאָר אַ שווערער

און יוסטער קירבעס צייטיקט אויס זיך, אז
אקעגן זיי דיין נוס וועט ווערן בלאס!...

וועט עמעץ פרעגן מיך, ווהין די ווערטער צילן
און וואסער פראגע רעגט מיינע געפילן, —
כ׳וועל יענעם ענטפערן, און יענער וועט מיך גלייך פארשטיין:
דער טייוול איז נישט אזוי שרעקלעך, ווי מע מאלט אים. ניין!

א פשוטע אינפארמאציע

צו וואסער קאפּפאָרדרייעניש א משל קאן דערפירן:
איך האב געטומען שרייבן ווען לייבס א יובילײ,
נאר וויפל ס׳לעבט א לייב — פארגעסן, כאטש דערגיי!
נו, מילא — כ׳וועל אין זאא-פארק זיך אינפארמירן.
איך קלינג אין דער קאנטאר. זאג העפלעך מיין באגער.
מען ענטפערט מיר לאקאניש:
„אזעלכע אינפארמאציעס גיבן מיר נישט טעלעפאניש!
פערזענלעך מעלדעט זיך אהער!"
פארפאלן. כ׳קום. איך בעט. „ווער זייט איר? — נעמט מען פרעגן:
וואס דארפט איר עס?"

— א משל־שרייבער, פאר א משלס וועגן.
„ס׳וועט איסקומען צו ווארטן!"

— וואס איז דא דער שטער?
מע דארף דעם כח אויף אזא מין פראגע שארפן?
„ניין־ניין, די פראגע קלאר איז, נאר... נאר ווארטן וועט מען הארפן!"
כ׳האב אויף דעם ענטפער זיך דערוווארטן קוים געקענט.
לסוף: „א לייב איז נישט קיין הונט! (א וואזשנע ארגומענט!)
דעריבער מיט דער פראגע אין א בריוו זיך ווענדט,
און איר באקומען וועט די תשובה אויף א דאקומענט!"
וואס טוט מען ווייטער? נו, וואס קאן מען מאכן?

איך האָב זיך איינגעשאָפּט דעם דריטן באַנד פֿון אַלפֿרעד ברעם*,
און וואָס כ׳האָב אַלץ דערוווּסט זיך וועגן לייב, אוועלכע־זאַכן! —
סיי וויפֿל ס׳לעבט אַ לייב, סיי עפּעס מערער נאָך פֿון דעם...

עס איז ביי אַנדערע די „וואַכזאַמקייט״ אַזוי גענשטיגן,
אַז ענטפֿערן זיי האַלטן אומעטום פֿאַר אַסור־טריף,
און זיי אַליין דעם קיילעכיקן שטעמפּל לאָזן ליגן
נישט זעלטן אומפֿאַרשלאָסן אינעם סייף.

וואַרשע — פּאָראָנין. יוני — יולי, 1952

---

* אַלפֿרעד עדמונט ברעם — אַ דייטשער זאָאָלאָג.

אַ משל פון קאָנדראַט קראַפּיווע

די סאָווע, דער אייזל און די זון

אַ סאָווע איז אַמאָל אַרויס פאַרטאָגלעך אויפן פאַנג —
געניסן
אַ פעטן ביסן,
און האָט זיך ווייט פון דרהיים פאַרהאַלטן לאַנג;
זי האַלט זי ערגעץ אין חוֹר נאַכט? פון וואַנען זאָל זי וויסן?
זי האָט עס נישט געפרעגט אפילו אין געדאַנק,
פון רויב און בלוט באַזויפן.
זי פּלוצעם — וויי צו איר! אַ קלאָג! —
שוין אויפגעגאַן די זון! ס'איז טאָג.
וווּהין זיך ראַטעווען? וווּהין אַנטלויפן?
איז אפשר אין אַ בוים דערלעבן דאָ אַ לאָך,
אַזוי דערווייל זיך צו באַהאַלטן? און דערנאָך...
זי קוקט זיך בלינד אַרום: נישטאָ! אַ בראָך! —
פאַרברעכט זי מיט די פליגל און פאַרגייט אין קלאָגן.
נאָר ס'מזל האָט צום גליק אַהער דעם אייזל אָנגעטראָגן.
— צו וואָס דער יאָמער? — זאָגט ער איר: פאַרליר נאָר נישט
דיִם מוט!

ביסט נישט אַליין, דו האָסט אַ גוטן פריינד דערלעבן.
די זון וועט מיר זיך אונטערגעבן!
כ'וועל אָנשטעלן אַקעגן איר די אויערן — און גאָר די וועלט
וועט זיין פון איר פאַרשטעלט;
און דו, דו וועסט זיך לאָזן פליען לויט דיין שטרעבן
אָן מורא, מיט השם־יתברכס הילף, אין שוואַרצן רוים
צו זיך אין לאָך אַריין אין אויסגעפוילטן בוים. —

געזאגט — און אַן מחזקות פאַר דער אַרבעט זיך גענומען.
די אויערן געטאָן מיט כּוח אַ צעשטרעק
און אויפגעשטעלט זיי ביזן הימל אַזש — אַ שרעק...
און זיך אַרומגעקוקט: וואָס האָט זיך פון זיין מי באַקומען?
צי איז אַרום דער חושך שוין געדיכט?
אַ בליק אויף רעכטס — די גראָזן זיך אין זונשיין באָדן;
אַ בליק אויף לינקס — אַ ים מיט ליכט;
ער רוקט זיך אויף צוריק, פאַרוויס און — קאָן דער זון נישט שאַדן,
עס ווערט נישט פינצטער, ווי עס האָט די סאָווע האַלד —
עס טונקט זיך אַלץ אַרום אין פליסיק גאָלד.
דער אייזל איז מיט אַלע כּוחות פון דער הויט געקראָכן,
נאָר ס'איז דערפון
די זון
קיין האָרעלע אפילו נישט געוואָרן צעבראָכן.
ביז ס'האָט דער אייזל סוף־כּל־סוף באַנומען שוין אַליין
אינמיטן טאָג דעם העלן:
עס וועלן זיינע אויערן די אייזלשע צו קליין
די זון אין הימל צו פאַרשטעלן.

איך האָב דעם אמת, וועלכער בייסט מיט ווערטער — שאַרפע ציין,
דערציילט אייך קעגן די פאַשיסטן־סאָוועס און איך מיין
די אַדוואָקאַטן־אייזלען, וואָס אויף זייער צד זיך שטעלן.

וואַרשע, 1952

לידער

מענטשן אין יארן

בריוו פון א לערער

.1

כ'בין שוין מער נישט אין די בערג... א, ליבע קינדער, טרייע!
כ'ארבעט ווידער אין א שול. ס'איז ברייט מיט זאלן פאראן.
כ'בין נישט דורשטיק מער נאך קינדער־שטיפערייען;
כ'גיי מיט גרויסער פרייד אין פריידיק־קינדערשן געשפאן;

ס'טאנצט דאס הארץ אקעגן נייע שטיפערישע יאטן.
יא... מע צאלט נישט אוים דעם לערער, פונקט ווי דארט ביי אייך,
דאך... איז שטענדיק טרעפט מען אים מיט קינדער־לוסט א זאטן,
שטענדיק פול מיט קינדער־שטימען — גאלד־מטבעות גלייך.

כ'האב מיט פרישע צענדלינגס קינדער חברשאפט געשלאסן,
נייע קינדער־קעפלעך דריקן ליב זיך צו מיין ברוסט,
שיטן פרייד־געשרייען, רופן, פראגעס און פארוואסן...
— ס'זעט דער לערער אוים נישט גוט! — פארוואס? — דער לערער הוסט! —

מיינט נישט אבער, ליבע קינדער, איר זענט שוין פארטריבן
פון דער שול דער ליכטיקער, געהיימער — פון מיין הארץ:
ס'איז נישט אפגעמעקט נאך דאס, וואס איר האט דארט פארשריבן,
ס'ווארט נאך אלץ דער טאוול דארט אויף אייך מיט ריינעם שווארץ,

ווארט אויף דעם פאפירעלע, אין וועלכן ס'איז פארוויקלט
ס'קרייד פון אייער פרייד... ווי גייט עס אין דער לער?
איז די שול פון אייך צופרידן? האט איר זיך אנטוויקלט?
זאגט דער לערער: „גוט" און... דאך פארלאנגט ער פון אייך מער? — —

יאָ. עס שטיקט און דריקט אַלט־נייע פרייד מיר אין איר ענגשאַפט,
נאָר אין קינדער־אויגן — שפּיגלען, זע איך שטיפן א י י ך:
און, ווען כ׳בענק נאָך אייך און קוק אין שפּיגל פון מיין בענקשאַפט,
זע איך ווידער ז יי און טראַכט זיך: אַך, ווי איך בין רייך!...

.2

פאַרוואָס איך לאָז פון זיך נישט הערן? ליבע קינדער, טרייע!
צי כ׳האָב אין אייך פאַרגעסן?... ניין! חלילה! ניין!
ס׳האָט עמעץ אונדזער שול אַ קלעם געטאָן, די ליכטיק־פרייע,
און מיך אַרויסגעדריקט — אין דרויסן זאָל איך גיין.

כ׳בין אַרבעטלאָז. איך וואַנדער הונגעריק אַרום אין גאַסן
און קוק אין שויפענצטער, געוועלבער, און עס ברענט:
ווי פול זיי זענען! זאַט! און ווי אכזריותדיק זיי שפּאַסן
פון פוסט־און־פּאַסע אַרבעטלאָזע בלאַסע הענט!

איך גאַר נאָך ברויט צו זעט, עס שנאַפּט מיין נאָז אין גאַס זיין ריח,
באַגלאָצט מיט אויגן ווילד זיין רייצנדיקן גלאַנץ,
און כ׳גאַר נאָך... אייך! נאָך אייער פרייד די לויטערע דערגיי איך,
הגם מע זאָגט: עס גייט פאַר עסן נישט קיין טאַנץ.

דעם דורשט און הונגער שטילט מען מיט אַ ווערעמדיקן עפּל,
מיט וואָס אָבער — דעם הורשט נאָך קינדערישער פרייד?
און וואָס געגאַרטער איז — אַ ברויטל, צי אַ קינדערש קעפּל?
אָ, גלייבט מיר, קינדער, כ׳ווייס אַליין נישט קיין באשייד.

איך האָב ביז היינט נאָך אייך קיין תשובה־בריוול נישט געשריבן
און צריק אויף האַרצעדיקע גריסן נישט געגריסט,
ווייל כ׳האָב זיך אויף קיין פּאָטשט־מאַרקעס נאָך אַלץ נישט אָנגע־
קליבן,
און ס׳פירט דאָך נישט די פּאָטשט קיין לערערס האַרץ אומזיסט.

ווי ביטער ס׳איז דער אמת — כ׳וויל פאַר אייך אים נישט פאַרהוילן,
און זאָלן הערצלעך אויפזידן מיט רויטער פּיין!
יאָ, זאָלן פאַלן מיינע ווערטער, ווי צעגליטע קוילן,
און שטיין זאָל שוואַרץ דער שולדיקער אין זייער שיין —

דער עמעצער, וואָס האָט אַ קלעם געטאָן די שול די פרייע
און וואָרנט זי מיט אכזריותדיקער קאַלטער פויסט...
געזונט זייט, קינדער, לערנט זיך און קעמפער וואַקסט געטריי,
און ווען עס קומט די צייט פון קאַמף — צום קאַמף אַרויסט!

דערנער און רויזן

מיר גייען מיט באָרוועסע פיס איבער דערנער,
מיר זוכן די רויזן די רויטע, ווי בלוט.
וואָס שווערער דער וועג איז, אַלץ גייען מיר גערנער.
עס וואַקסט מיטן גאַנג אונדזער האָפנונג און מוט.

די דערנער, אויך זיי וואַקסן היפשער און מערער;
עס ווייַנען די זוילן מיט טרערן פון בלוט.
נאָר מיר, מיר געדענקען דאָס וואָרט פון דעם לערער:
„ווי שרעקלעך דער וועג איז, זיין סוף מוז זיין גוט —

זיין ברעג קומט אַנטקעגן מיט רויזן אין שטראַלן!".
עס שוואַרצן די דערנער. אַט ווינקט צו אַ רויז.
עס שמידן שוין שמידן פון שטאָל אונדז סאַנדאַלן
חברים! געטראָטן! די ברוסטן פאַרויס!

אויטאָ־דאַ־פע

טויזנט ניין הונדערט דריי און דרייסיק.
מיטלאַלטער.
דייטשלאַנד, ס'דענקער־לאַנד.
דער רעגירער —
הינדענבורג.
גרויס־אינקוויזיטאָר —
הימלער.

ווי אין רויִם אויף צירקישער אַרענע,
שיקט ער זיינע ברוינע חיות אין די גאַסן;
דורשטיק הענגען רויטע צונגען
צווישן קריצנדיקע ציינער —
רויטע פענער...
מיט אַ האַקנקרייץ, אַ שוואַרצער שפּין, אינמיטן.
ציינער רייסן לעבעדיקע שטיקער פלייש פון מענטשן־לייבער.
גריזשען די געביינען פון מאַרטירער:
קאָמוניסטן,
סאָציאַליסטן,
יידן.

מאַי. דער צענטער.
אויטאָ־דאַ־פע.
ס׳ברענען בערג פון ביכער.
פייער־צונגען, רויט און ריסיק,
שלענגלען זיך אין ליילעכער פון שוואַרצע רויכן.
לעדער־רוקנס קאַרטשען זיך אין ווייען.
טאָוולען, אַלטע אויסגעפּרוווטע וועכטער,
דריקן פעסטער זיך צוזאַמען —
פייער־שלאַנגען נישט דערלאָזן!
זיי דערשטיקן!
פייער־שלאַנגען שלענגלען זיך און דינען זיך, ווי שאַרפן,
און פאַרקריכן צווישן בלעטער — ווייסע גראָזן;
ברענען בלעטער —
שטיל, פאַרצווייפלט, אונטערטעניק;
האַלב פאַרסמאַליעט פליען בלעטער אינדערהויך צום הימל —
קרייזן ווייסע טויבן צווישן רויך און פונקען
און אַן פליגל פאַלן אויפן שייטער:
שנעל פאַרוואַנדלען בלעטער זיך אין שאַרע שורשענדיקע אַש.

נאָר די אותיות שטייען אַליין אין זיי נאָך רויטע:
אותיות שרייען.
אותיות פּראָטעסטירן בלוטיק.
וואָיען ווינטן זיי אַנטקעגן;
ווינטן טראָגן אַש־שטויב צו די הימלען.

אותיות שוועבן אינדערלופטן.
הימלען ווערן רויט פאַר חרפה.
שטייען אונטערצינדער שיכורע פון ביבער-פלאַמען;
קעפ און פּנימער, ווי שרפות;
אויגן — שיסלען פול מיט גרינע סאַמענדיקע גאַזן;
זייער ווילד געלעכטער
מישט זיך מיטן קנאַקן פון די שייטערהויפנס-ציינער,
מיטן גלאָקן-קלאַנג פון קירכעס
און האַרמאַטן-ברום פון מאַרד-פעלד.

שטייען מענטשן שטיל, פאַרצווייפלט, אונטערטעניק,
ווי די ברענענדיקע בלעטער,
ציטערן און ברענען מיט אין זיך פון צאַרן און פון חרפה;
פּנימער — פאַרבלאַסטע, ווי די שאַרע אַשן;
איבער שטערנס קריכן רויכן-שלאַנגען;
אין די אויגן — גרויסע שפיגלען,
שפּיגלט זיך דער שייטערהויפן:
שפּיגלט זיך דאָס רויטע און דאָס שוואַרצע,
שפּיגלט זיך דאָס גרינע און דאָס בלויע,
וואָס פאַרגנבעט זיך אַרויס פון צווישן בלעטער;
שפּיגלען זיך געוועבסן רויטע פון געדאַנקען,
שפּיגלען זיך געשפּינסן פון געפילן,
שפּיגלען זיך צעבלויטע העפטעכצן פון בילדער.

קנוילט זיך שוואַרץ, געדיכט דער רויך און קנוילט אַרויס געשטאַלטן:

ציט אַ מחנה שוואַרץ געקליידעט,
צלמים אין די הענט און בילדער הייליקע, צעפלאַטערט;
שוואַרצע רוקנס זעט מען בלויז זיך ציען
שנעל אויף מערב;
און דער לעצטער מיט אַ האַקנקרייץ אויף רוקן —
היטלער;
גייט און גייט און — מיטן רויך פאַרגייט ער...

אויך פון צווישן רויטע, גרינע, בלויע פייערן פון בלעטער
פוקן אויף געשטאַלטן:

מחנות, מחנות גייען זיי מיט שטאָלן אַקעגן מזרח,
טראָגן פּנימער מיט הויכע שטערנס וועלט און זון אַנטקעגן;
שמייכלען פלעמלעך שפּאָטיש פון די אויגן צו די ליפּן;
שטאָלן און זעלבסטזיכער, אַ פעסטער,
שפּאַנט מיט זיגערישן קאָפּ און לייבן-גריווע.
אויגן — דימענטן, וואָס שניידן
שאַרף דאָס גלאָז דאָס שוואַרצע פון דער צוקונפט —
קאַרל מאַרקס — — —

וואַרשע, דעם 10-טן מאַי, 1933.

אין שיין־קריין פון אייגענעם לאמפ

דאס שעפערישע ווארט

.1

אויף דעמלט שלאגט דער קוואל,
ווען ס'לייכט נישט דורך קיין שטראל
זיין רויש, זיין ברויז, זיין ברום;
דאס שעפערישע ווארט
קלינגט גאר נישט אויף אט דארט,
וו אלץ איז טויב ארום.

.2

פאלט א קערנדל אויף שטיין —
גייט עס אויס
אויף קאלטן שויס
אין שטיל געוויין;
פאלט א ווארט אין טויבן אויער —
גייט עס אויס
אין קאלטן שויס
אין טרויער.

קאוולע, 1941.

לידער פון אַ פאַרשפּעטיקטער ליבע

1.

ערב פרילינג

עס צערטלט שוין די מילדע זון מיט בלאָנדער שיין,
כאָטש אירע שטראַלן שוועבערט נאָך דער ווינט
דער מערצעווער און פודערט זיי מיט שניי.

דער ערב פרילינג שמעקט מיט אַראָמאַט פון ווייַן
און שמייכלט, ווי אַן אויפגעהייטערט קינד,
ווען ס׳רייסט נאָך פאָסן שטילקייט זיין געשריי.

2.

ערשטע בושלען

איך זוך דיך אום אויף אַלע פרילינגדיקע גאַסן.
עס לויפן מיר אַנטקעגן ריטשקעס גלאַנץ.
— „צי האָט איר זי באַגעגנט?". שעפּטשען זיי און שפּאַסן:
— „אָט קומט זי דיר אַנטקעגן באַלד מיט טאַנץ!".

עס בלאָנדזשען מיינע אויגן — פייגל צו די נעסטן.
ס׳האָט ווער אַ קרעכץ געטאָן מיט פרייד אַזוי?
מיט בליקן, ווי אַרשינען, זע איך, היינט מעסטן —
די ערשטע בושלען ווירען הימלס בלוי.

עס פּראַלט אויף מיר דער רייטוואָגן פון זון און שטראַלן
און פאַרט מיין ראיה איבער מיט זיין ראָד;
איך פּלאַטער אַ צעשווינדלטער אין בלינדן פאַלן,
עס וואַקלען זיך די מויערן פון שטאָט.

ס׳האָט וועמעס האַנט אַ דריק געטאָן מיר צאַרט דעם אָרעם?
עס נידערט שטיל אַראָפּ אויף אַלץ די רו...
געגריסט זייט, בשורה-בושלען פונעם ווייטן דרום!
אין הימל — זיי, און לעם מיין אָרעם — דו!

.3

מיט דיין נאָמען אויף מיין ליפּ

עס דרימלט נאָך באַגינען אינעם שאָטן פון די אויגן,
און ערגעץ אין אַן ערגעץ האָט זיך אומבאַשטימטס באַוויגן.
אַ נעפּלדיקע שיין זיך זייט אַריין אין שאַרבן
מיט אָנונגען פון פאַרבן —
אָט פאַנג איך זי, און אָט פאַרליר איך.
און בלאָס דערשפּיר איך:
דיין אָטעם איז צוגאַסט ביי מיר אין צימער!

פון דיינע אויגן אויף מיין שטערן רוט אַ בלייבער שימער,
דער שאָטן פון דיין נאָמען פלאַטערט אויף מיין ליפּ.

זי צוקט און צוקט, די ליפּ:
„איך... האָב... דיך... ליב!"
און מיטאַמאָל — די ציין אין ליפּ אַ ביס.
פון מיינע אויגן־נעסטן טוט דער דרימל זיך אַ ריס.
כ'זועך דורכגעשטראָמט מיט שיין פון ראַנד צו ראַנד —
אַ פרילינג־טאָג אַ יונגער שטייט מיט זון־בעכער אין האַנט.

.4

אומזיסט דיך אויסגעקוקט

אומזיסט דיך אויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן,
ווי נאַכטוואָגלער אַ שיין פון שטאָט.
מיין עלנט האַרץ צו דיר האָט זיך געצויגן —
אַ פויגל צאַפּלדיק פון שטייגלס דראָט.

פון צווישן פּנימער דיין אָנבליק שווינדלט,
דערנענטערט זיך... אָט באַלד! נאָר גלייך צעפּליטט,
ווי שימער זוניקער אויף טייך צעווינטלט,
און פרעמדקייט אייזיקע אין קרייז מיך שליסט.

698 — 8

דורך בענקשאַפֿט־כּישוף פֿון מײַן האַרציק ליבן
דײַן פּנים װידער טוקט זיך, לײַכט אַרױס;
נאָר ס'װוּנקט דער שטערן־בער מיט שטערן זיבן,
און זיבן מאָל ער לאַכט מיך אױס.

דער טראָטואַר דער האַרטער גרילצט און זשומעט
אין שפּירעװדיקן אױער פֿרעמד געזאַנג.
לבנה־סערפּ, קום שנײַד מײַן רײַפֿן אומעט! —
מײַן שאָטן־קריפּל שפּעט מיר נאָך אין גאַנג.

אַנטרינען מײַנע פֿיס פֿאַרשעמט אין הײזל,
איך שטעל זיך שפּאַלטן סענקעװאַטע האַלדז.
און צװישן יעדן שװוּנג פֿון בלאַנקן אײַזן —
װאָס שװינדלט עס? ס'איז דו! אין אומעט שטאָלץ.

צעציטערט זיך מײַן ברעם: איך זע דיך טאַנצן.
די שװינגענדיקע האַק שפּילט צו עלהיי אַ האַרף.
עס שװידערט־אױף אױף מיר די הױט אינגאַנצן:
אױ! טאָמער טרעפֿט אין דיר די בלאַנקע שאַרף?

.5

מײַן לעבן אױף אַ האָר

װי רוט עס אָפּ אַ טױבן־פּאָר
צעװישן ברענענדיקע צװײַגן?
דורך שװאַרצן פֿלאַם פֿון דײַנע האָר
װי מילד די אױגן דײַנע שװײַגן!
און שװײַגן אױס.. אַ גרױלע װאָר.

עס צינדן מיך די שװאַרצע האָר,
און ס'לעשן מיך די שטילע אױגן;
איך גלי און ציטער, כ'פֿיבער גאָר,
כ'װער אָפּגעשטױסן און געצױגן —
עס הענגט מײַן לעבן אױף אַ האָר.

.6

אין דערוואַרטונג

ווי ביטער־זיס דיך אומגעדולדיק אָפּצוּוואַרטן!
ווי גיפטיק־בייסנדיק דער צווייפל: קומסט, צי ניין?!
און סאַראַ פרייד צו זען דעם נעפּל אַ צעשאַרטן,
די זון, אַ לויטערע, דורך שלייערס קומט צו גיין!

נאָר ווען דער נעפּל הילט דעם הימל איין אין כמאַרעס,
און ס'דאַכט זיך: זון פאַרגעסן האָט צו וועלט דעם וועג! —
דאַן זאָג איך זיך: מיין האַרץ אַ גרויסער נאַר איז,
וואָס האָט מיר צוגעזאָגט אין דיר אַ גרויס פאַרמעג.

צעקוילערן זיך דונערס, בליצן־שווערדן צוקן,
אינמיטן שטורעם צאַפּלט זיך מיין האַרץ;
איך טרינק פון טרערנדיקן רעגן גרויסע שלוקן,
און גאָר די וועלט צערינט פאַר מיר אין שוואַרץ.

.7

ס'האָט ווידער אויפגעבלויט

ס'האָט ווידער אויפגעבלויט אין מיר די פרייד:
איך האָב דיך, טייערע, צוריק געפונען!
מיט זון האָט אונדז דער הימל היינט באַגלייט,
די זון — מיט גאָלד־שמראַל אונדז ארומגעשפּונען.

די אָפּגעפרעמדטקייט איז צעגאַן, ווי זאַלץ
אין לעבעדיקן וואַסער, לויטער־קלאָרן;
געגרינט, געיובלט האָט אַרום אונדז אַלץ,
אַפילו אויפן רויזנקוסט דער דאָרן.

אויף מיין פאַרנאַכטיקער דערהיצטער ברוסט
געציטערט האָבן דיינע שטילע טויבן;
די שטערן האָבן זיך עס גלייך דערוווּסט
און קלוג אַראָפּגעשמייכלט אונדז פון אויבן:

— „זאָל זיין אייך, קינדערלעך, מיט ליכט און גליק,
און ברוגזן, אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרן!
צוזאַמענגיסט, ווי אָזערעס, דעם בליק —
די נאַכט האָט שוין אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן".

.8

נעכטן און היינט

נעכטן האָט דיין בלוט געזאָטן,
שיכור איז געווען דיין מויל;
האָסט מיט קושן מיך באַשאָטן —
יעדער קוש א זיסער גרויל.

היינט — ווי לאָזט זיך עס דערקלערן?
כ'שטיי פאַראיינזאַמט, ווי א זאַנג;
דו ביסט ווייט — א קאַלטער שטערן,
וואָס פאַרהוילן איז זיין גאַנג.

.9

אין דער פרעמד

ס'איז גוט אין הארבסטיקן פאַרוועלק,
ווען רעגנס פּיקלען אויפן שארבן,
דערמאָנען זיך: באַגין; געמעלק;
די זון נעמט וואָלקנס פאַרבן.

ס'איז אָנגענעם אין ווייטער פרעמד
זיך הערצער היימישע דערמאָנען;
אַפילו דאָס פאַרשוואַרצטע העמד
טוט אויך א בלאַנק צו זיי פון דאַנען.

די בענקשאַפט פלעכט פאַר דיר א בריק:
שפּאַן איין די פיס און לאָז זיך ציען!
אַנטקעגן איילט א ליבער בליק
אויף שמייכל־פליגעלעך צו פליען.

א שטומער — ביסטו פול גערייד,
פארגליווערט — רעגן דיך געפילן;
כאטש ס'האט דער ברוגז אונדז צעשיידט,
אין הארץ־באל לאמיר, ליבסטע, שפילן.

.10

האסט אויף איינעם

האסט אויף איינעם מיך פארביטן,
אויסגעמעקט מיך פון דיין זינען:
ליגט מיין הארץ אויף צוויי צעשניטן,
און דיין שמייכל גרינט דערינען.

אויף א סך כ'האב דיך פארביטן,
און דיך איינע נישט געפונען;
פאלש געפרייט זיך און געליטן,
און אראפגעגאן פון זינען.

.11

מיר האבן קעגנזייטיק

מיר האבן קעגנזייטיק זיך גענארט,
א פראגע בלויז: ווער וועמען מערער?
ס'האט בלויז פארבארגן בלוט צו בלוט געגארט
און זיך פארגנבעט, ווי פארשווערער.

קוים האבן די פארשווערער זיך באגעגנט,
צעסודעט זיך, געווארן איינס אין היין —
צוויי מענטשן האבן אייליק זיך צעזעגנט,
באלויכטן פון א בייטשנדיקן בליץ.

.12

דו ביסט מיין פרילינג

„דו ביסט מיין פרילינג און מיין הארבסט,
מיין זומער, און מיין ווינטער, און מיין ליד,
און רעגנבויגנדיק באַפאַרבסט
מיין יונג געמיט.“

אזוי האָב איך געטראַכט.
נאָר הער, צי האָט זיך עס מיר בלויז געדאַכט,
אַז הינטער מיר האָט ווער געלאַכט?

אוי, ניין!
דאָס איז געוועזן די וואָר אַליין:
— „ביסט אַלט, און זי איז יונג —
האָט איר פאַראַט געוויזן דיר אַ צונג“.

.13

איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן

דורך גרוי־פאַרדרייכערטע מעת־לעתן
בלאָסט אויף און לעשט זיך דיין געזיכט.
אַ, ניין, איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן!
...אַן אָרון; ס'ציטערט איבער אים אַ ליכט;

עס קוקן אַן מיר דיינע אויגן,
כאָטש אונטער שערבעלעך פאַרמאַכט.
צי האָסטו נישט אַ ברעם פאַרצויגן,
אַ בליק געטאָן אויף מיר פאַרטראַכט?

מיין האַרץ, געשטאָכן פון דיין דאָרן,
פאַרלויפט מיט בלוט און רויט געוויין.
עס שיפּלט זיך דיין שוואַרצער אָרון
אויף בלוט מיינעם אין מיר אַליין.

דו לאַכסט דורך רווישיקע מעת-לעתן:
— „איך לעב. פאַרטוויש מיך און פאַרגעס!".
אָ, ניין, איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן!
אין אָרון דיינעם — מיין מעת-לעת.

.14

תּחית־המתים

איך האָב מיין האַרץ
אַרויסגעהאָנגען אויפן טויער פון מיין הויז:
אַז ווען וועסט קומען, זאָלסטו גלייך פאַרשטיין —
ס'איז ליידיק שוין מיין ברוסט,
נישטאָ נאָך וואָס אַהין צו גיין.

ביסטו געקומען
און מיט פאַרוווּנדערט-וווּנדערלעכע אויגן,
מיט קאַרטנוואַרפערישער פלינקער האַנט
מיין האַרץ אַראָפּגענומען פונעם טויער
און אומדערשראָקן,
מיט שטילן זינגענדיקן טראָט
אַריינגעטראָגן עס צוריק,
ווי אַלץ וואָלסטו פון פריער נאָך געוווּסט,
אין הויז,
צו מיר אין ברוסט.

געצאַפּלט האָט מיין האַרץ.
אַנטציקט זיך האָבן מיינע אויגן
צוריק פאַרשלאָסן.
און אויף מיין אָפן מויל
האָט זיך צעבליט אַ שמייכל.
אין די געהירן האָט געטאָן אַ שימער שכל.

איז שטיל איצט אין מיין הויז.
איך שלאָף.
ביי מיין צוקאָפּנס — דו.
און איבער מיין צוקאָפּנס — רו.

צום גאַנג פֿון דער רויטער אַרמיי

צעפֿלאַטערט זיך פֿאָנען!

צעפֿלאַטערט זיך, פֿאָנען,
מיט פֿלאַקערן רויטע אין בלוי פֿון באַגינען!
ס׳טראָגט אייך צו הייכן
מיט מעכטיקן אָרעם דער ערשטלינג פֿון מאַי;
ס׳האָט אייך דער שונא
פֿאַרוואָרפֿן אין פֿינצטערע צעלעס, וווּ שפּינען
פֿאַרוועבן מיט שפּינוועבס
די אותיות אייערע: „מענטשהייט זיי פֿריי!"

דאָס פֿאָלק האָט געפֿינצטערט
אין יאָכן פֿון קנעכטשאַפֿט, פֿאַרבענקט נאָך דער פֿרייהייט;
און אייך צו דערזען —
איר אויפֿגאַנג — מיט דורשטיקע אויגן געלעכצט; —
ס׳האָט קוים אייער ליכט זיך
דורך ברעמען, פֿאַרשטאָכן אין ווייטן, געזייעט
און צוגעזאָגט אויסלייז
נאָך הייסן געראַנגל אין בלוט און געקרעכץ.

דער זיג איז געקומען:
צעבראָכן די יאָכן, צעריסן די קייטן,
צעשמעטערט די תּפֿיסות,
וווּ איר האָט אויף ברוסטן פֿון קעמפֿערס געשמאַכט;
היינט טראָגט אייך, אַ שטאָלצער,
דער מאַי־טאָג דער ערשטער, און מחנות באַגלייטן,

זיי שפּאַנען באַפליגלט,
די פּנימער — יום־טוב, און זונליכט צעלאַכט.

צעפלאַקערט זיך, פּאַנען,
מיט פלאַמיקע טינטן שרייבט אַן אויפן בלויען
געוועלב פונעם הימל:
„די קנעכטשאַפט פאַרטיליקט, שפּאַנט שטאָלץ שוין דער מענטש!"
צעפלאַטערט זיך, פּאַנען,
צעפּאַכעט די בשורות פון פריידיקן בויען,
פון אויפברויז צו שאַפן
אין הערצער, וואָס שוימען מיט וויין און געבענטש!

רויטאַרמייער

ווען אויף די לאַנקעס פיטערט זיך דער פרידן,
זיי קוקן הארציק אויף דער וועלט און מילד;
אַז ווער זאָל דאַכטן גאָר: צום קאַמף נעמט זידן
אין זייער ברוסט דאָס בלוט און זיך נישט שטילט!

קוים שאַלט דער רוף: „געפאַר!" געשעט אַ וואונדער.
אַ לאָם — אַ לייב אַ יונגער צום פאַרצוק!
זיין שפרונג — אַ פלינקער און עלאַסטיש־רונדער,
און פונקען שפּריצט זיין אויפגעפלאַמטער קוק.

ער שרפעט אוים דעם שונאָס ווילדע אויגן
מיט שנאה — הייליקע, ווי ליבע און ווי מענטש,
און הויערט אויפן בר־מנן געבויגן
מיט ליפּן, וועלכע שעפּטשען קללה און געבענטש.

אויף שטערן זיינעם שטראַלט אַ רויטער שטערן,
וואָס בלוטיקט פאַרן בלוט פון גאָר דער וועלט.
דער רוים נייגט צו זיין בלויען אויער — הערן
דעם טראָט פון דעם באַפרייענדיקן העלד...

קאָוולע, 1940.

ליד פון רויטאַרמייאישן רעקרוט

ס'איז נישט אַזוי דאָס שטאָליק וואָרט: באַפעל!
און נישט דער שטרענגער זאָג: דיין פליכט!
אַ שטילער רוף (ווי ער איז העל
און דורכגעזאַפּט מיט ליכט!)
מיך ציט,
רייסט מיט
מיין האַרץ צום רויטן שמידעריי,
וווּ ס'ווערט געשמידט
די שיצנדיקע האַנט
פאַר אונדזער לאַנד,
צו קעמפן האַרציק-טריי
פאַר אונדזער פריי.

מיין בליק — צעהעלט,
צעפיבערט און צעגלאַנצט,
און פריידיק לויפן אים אַקעגן
צעטאַנצטע וועגן
פון אַלע זייטן וועלט.

און הימלען שפּרייטן איבער מיך זיך אַט-אַזוי:
מיט בייזע גרויע וואָלקנס נישט פאַרשאַנצט,
נאָר מילד און זויבער-בלוי.

ביינאַכט — די צייט פון שלאָף און רו,
די שטערן בלינצלען, ווינקען צו
און שטיל מיט מיר זיי זינגען מיט
דאָס פריילעכע רעקרוטן-ליד...

מערב-אוקראַינע, 1940

בײַ אַ בוך פֿון לעני̇נען

לויטער ליכטיקן זיך הייד —
יעדעס וואָרט אַ פּערל ליכט,
זע: די זון אַליין פֿאַרזייט
זריעה־קערנער שיכט נאָך שיכט!

ס׳פּלייצט די זון מיט ווייסער ליכט
אין די אויגן און פֿאַרבלענדט; —
ער פֿאַרדעקט זיך דאָס געזיכט
מיט די יונגע פֿראַצע־הענט.

גאַרט דאָס האַרץ, פֿון דאָרשט פֿאַרברענט,
צו געניסן מער נאָך ליכט:
נעם אַוועק די שאַרסטקע הענט,
און דערזע אין שײַן דײַן פֿליכט!

פֿאַלן זיי אַראָפּ פֿאַרשמאַכט,
און זײַן בליק — אַ שאַרפֿער שטאָל; —
זע: אַ כוואַליע ליכט... זי לאַכט
און צו ווייטן שטראַלט איר קול:

„מיטן חשבונות פֿון אַמאָל
גייט, באַוואָלהטע, אין שלאַכט!
ראַנגלען זיך און קעמפֿן זאָל,
הער פֿון שלאָף ס׳האָט שוין דערוואַכט!"

שטייט דער יונג פֿאַרגאַפֿט אין ליכט,
בליק — צעבליט מיט העלער פֿרייד,
שײַן — די הויט פֿון זײַן געזיכט:
ענדלעך ווייסט ער דעם באַשייד!...

האָולץ, 1940.

בירגער פרייע

אוים די קייטן!... הוילט זיך, ווונדן.
פריי מיין לאַנד, און פריי בין איך!
האָט מיין האַרץ זיך אויפגעבונדן,
און מיין בלוט לויפט פריילעך, גיך.

האָט אַ מיידל מיך געשאָסן
מיט אַ בליק, ווי העלע רייד,
און מיין האַרץ האָט זיך פאַרגאָסן
מיט אַ כוואַליע הייסע פרייד.

מיר שפּאַצירן אין די ווייטן,
ווען די אַרבעט זאָגט שוין: רו!
און דער רוים פון אַלע זייטן
ברענגט אונדז עכאָס: איך און דו!

איך און דו — צוויי בירגער פרייע
אין באַפרייענדיקן לאַנד;
זינגט דאָס בלוט אונדז לידער נייע —
פיר אונדז, פרייהייט, האַנט ביי האַנט!

קאָוולע, 1941

ליד פון דערציער

דער שוואַרצער שטיינקויל שימערט קוים, באַשיידן,
באַטש אין זיין אינגעווייד גליט פייער —
איך וויל מיט ווערטער פשוטע היינט ריידן:
איר זענט מיר ליב און טייער.

אַזוי איז ליב דעם פויערל דער באָדן,
וואָס ער צעאַקערט און פאַרזייט אים:
מיט זעט און שפע וועט ער זיין באַלאָדן,
דערווייל — די אַרבעט פרייט אים.

מ׳ן טרעפט אויף שטרויכלונגען, אויף הארטע שטיינער,
און ווינטן בייז די הויט צעפרעסן,
די זון נאגט אויס די מארכן פון די ביינער,
נאר דאס — ווערט לייכט פארגעסן.

די שוויסן לייטערן זיך אויס אין טויען,
די מי ווערט זוניק און באפליגלט.
צו מאמע-ערד איז פול ער מיט פארטרויען —
זיין הארץ אין איר פארזיגלט.

אויך איך — די הערצלעך אייערע צעאקער
מיט פונקען זוי אייך צו פארזייען,
זיי וועלן אויפגיין מיט א זאנגען-פלאקער
און אונדזער לאנד דערפרייען — — —

דער שווארצער שטיינקויל שימערט קוים, באשיידן,
כאטש אין זיין אינגעווייד גליט פייער —
איך וויל מיט ווערטער פשוטע היינט ריידן:
איר זענט מיר ליב און טייער.

קאווע.

צו אַ קליינבירגערלעך מיידל

עס רייסט דער וואונדער אויף פארמאכטע אויגן,
ער פלייצט אריין א העלע ליכט אין בליק,
וואס האט זיך ווי א ווארעם אלץ געצויגן
מיט בענקשאפט נאך א טראפן אייגן גליק.

איז ווי זאל איך באהארצן דיך, מיין טייערס,
ווען דיך דער גלי פון שעפער-לאנד לאזט קאלט?
אז אויף דער זעט, וואס שפארט פון זיינע שייערס,
דיין הונגעריקער בליק זיך נישט פארהאלט?

עס שפּילט דיין מיידל־בלוט, ווי ווײַן צעשוימטער,
אין שלאַנקן בעכער פֿון דיין שטאָלץ געביין:
דו וואַרטסט — אַ פּרינץ זאָל קומען אַ פֿאַרטרוימטער,
און שכורן וועט איר פֿאַר זיך אַליין.

און איך בין — נישט קיין פּרינץ — אַ פּראָסטער פּויער,
וואָס דורכגעזאַפּט ווערט אָפּט מיט שווייס זיין העמד.
פֿאַר מיר איז פֿאָלק — אַ טריומפֿאַלער טויער,
וואָס בלויז אַ שונא גייט אים דורך פֿאַרפֿרעמדט.

אָ, דיר איז פֿרעמד דאָס פֿאָלק, וואָס מיר איז טייער,
און זעסט נישט ווי זיין וואָר יאָגט אָן זיין טרוים.
דו ביסט אַ פֿונק, וואָס רייסט זיך אָפּ פֿון פֿייער
און בלאָנדזשעט איינזאַם אין דעם רוים; —

אים חלומען זיך שטערן אין די הייכן,
און פֿרעמד איז אים זיין מוטערס הייסער שויס;
צי וועט ער צו די שטערן דען דערגרייכן?
ער בליצט אַ רגע, פֿינקלט אויף און — אויס.

איז ווי זאָל איך באַהאַרצן דיך, אַריסטאָקראַטין,
(כאָטש שיין ביסטו און שלאַנק — אַ קלאַסיש ליד!)
אַז איך דערקען אין פֿאָלק מיין פּראָסטן טאַטן,
און דו פֿאַרלייקנסט עס אין דיין געמיט...

קאָוולע, 1941

מיין געזאַנג צום באַשקירן־לאַנד

.1

אויף דיינע כוואַליעס — היגלען, האָט געוויגט זיך מיין געמיט,
אין דיינע צויבער־לאַנדשאַפֿטן אַ לינדערונג געפֿונען;
דיין שמעקעדיקער האָניק אויך מיין גומען האָט געברייט,
דיין מילך, ווי בוימל, איבער מיינע גלידער — זיך צערונען.

דיין שאַרפֿע קריגערישע שפּראַך מיין אויער ליבלעך גלעט,
הגם ס'פֿאַרהוילט דיין וואָרט פֿאַר מיר זיין אינהאַלטלעך פֿאַרמעגן:
ווי ס'גאַרט דאָס האַרץ געניסן פֿון דיין קלאַסישן פּאָעט
און פֿאַרשעריש אים נאָכגיין אויף די שעפֿערישע וועגן!

געלערנט האָט דיין דאָרף מיך אָנטאָן לאַפּטשעס אויף די פֿיס,
און זעגן, האַקן האָלץ, און וואַסער ווערסטנוויז צו טראָגן;
אַך ווי געשמעקט האָט דאַן מיין דאַרער פּעניען ברויט! ווי זיס
די בולבעס אין מונדירן, וואָס מיט הייסער פּאַרע שלאָגן!

עס האָבן די „ציטרינען" דיינע — ציבעלעס, גאַנץ אָפּט
געזעטיקט מיך שטאַט ברויט, געלאָזט מיך זען די היים דורך טרערן:
עס האָט דער פֿיינט דאָס מויל פֿון פֿאָלק מיינעם פֿאַרשטאָפּט
און אויסגעלאָשן זיינע אויגן — צניעותדיקע שטערן.

נאָר ס'טראָגן אים אַנטקעגן פּאַקלען אויכעט דיינע זין,
די האַרבע בראַווע לייט מיט גלי און פֿונקען אין די בלוטן;
זיי קעמפֿן ווי די לייבן קעגן טיגרישער מאַשין,
און שטייגן אויף צו העלדן־דום, ווי פֿלאַמען, אין מינוטן...

.2

און איינמאָל יאָגן ווילדע ווינטן אַן מיך אויפֿן פֿעלד
און פֿייפֿן דורך, ווי דורך אַ חרוב הייזל, מיינע ריפּן...
דורך פֿינצטערניש, געפֿלעקט מיט בלוט, איך זע פֿאַרגיין די וועלט,
און מיטן גלי און פֿראָסט פֿון טויט שוין פֿיבערן די ליפּן.

אַ טאַכטער דיינע האָט מעת־לעתן לעם מיין בעט געוואַכט,
דעם שאָטן פֿונעם טויט געיאָגט פֿון מיינע מידע אויגן;
...מיין טריסק, דאָס שטעטל מיינס... די טוריע — האָט זיך מיר געדאַכט:

און איבער מיר איר ווייכנעדיקע ווערבע שטייט געבויגן;

אויף אירע צווייגן — לירעס, שפּילט אַן אומעטיקער ווינט;
די בלעטלעך טרערן אויף מיין הייסן שטערן, זיי פֿאַרזידן;
און כ'הער — עס ווייגט מיין ווייטע היים: אוי, קינד מיינס, קינד!
אַ ווייגרוס שיקן דיר די ברידער דיינע — טריסקער יידן.

נאָר ווען עס האָבן די שפּיטאָלישע געקאַלכטע ווענט
מיט ווייסער צאַרטער האַנט געעפנט מיינע אויגן —
די ליבע דאָקטאָרין אכמעראָווא האָב איך דערקענט
אין יענער ווערבע, וועלכע לעם דער טוריע שטייט געבויגן...

און כ'האָב, באַשקירן־לאַנד, דיך ליב באַקומען; דיין געזאַנג
דאָס אומעטיקע, נאָגנדיקע שאַפט מיר פאַרגעניגן; —
ס'צעשפּאַרט מיין ברוסט מיט פרייד דער ליכטיקער געדאַנק:
עס קעמפן האַנט ביי האַנט די פעלקער אונדזערע און זיגן!

און ווען איך וועל אַהיימקומען, געהייליקט אינעם שטויב
פון ד ע ר אַרמיי, וואָס האָט פאַרטיליקט גאָרער וועלטס בזיון —
מיין רויטער שטערן — ס'האַרץ וועט ווינקען דורך דער שויב
צו דיר, באַשקיריע: לאָמיר איצטער אויך צוזאַמען בויען!...

1943

דאָס ליד פונעם דאָנאָר

מיין האַרץ — אַ רויטער בעכער ווין —
כ'דערלאַנג דיר, אומבאַקאַנטער קעמפער.
געניס, שטיל איין דיין ווי און פּיין.
איך וואַרט נישט אויף קיין דאַנק און ענטפער.

ווי נישטיק איז מיין פריי געשאַנק
אַקעגן דיין געבענטשן קרבן!
איך זאָג גאָר ד י ר: „מיין ברודער, כ'דאַנק!" —
ווען נישט דיין בלוט, וואָלט מ יי נ ס געשטאָרבן...

די טראָפּנס פרוכפּערדיקע שיין
מיט ברכה־רעגן אינעם באָדן,
זאָל העל מיין בלוט אין דיר אַריין,
מיט קרעפטן פרישע דיך באַגנאָדן.

איך קאָן נישט דיך, דו קאָנסט נישט מיך,
דאָך זײַנען מיר אויף זיכער ברידער.
אין יעדן העלד דערזען כ׳װעל זיך:
עס שפּילט מײַן בלוט אין זײַנע גלידער.

עס שרײַט דײַן בלוט צו מײַנעם: „הער,
דײַן קלײנעם האַרץ־געשאַנק כ׳באַװיליק!
כ׳צעפּלאַקער זיך אין אײן באַגער —
כ׳באַפאַל די שונאים און פּאַרטיליק!״

אין ליכט פון פרײַען לאַנד

נישט אַזױ דאָס שװאַכע קוסטל
בענקט די זון זאָל קומען צריק,
װי עס צאַפּלט אינקעס ברוסטל
נאָך איר טאַטנס ליבן בליק.

װאָרעם װערט פון טאַטנס אױגן,
װען זײ רײדן שטיל אַזױ;
אינקע װאָלט צו אים געפלױגן
פון דער װײַט דורך הימלס בלױ.

װאָלט זי אַ פּאָר פליגל קריגן —
טראָגט זי נאָך זײַן טאַנק זיך שנעל!...
און מע קוקט זיך אָן פאַרשװיגן,
בלױז די אױגן רעדן העל;

װאָרעם װערט פון טאַטנס בליקן,
ס׳הערצל צאַפּלט און צעגײט;
און די טרערן נעמען שטיקן:
לאָמיר מער נישט זײַן צעשײדט!

... פּלוצעם: — „אינ—קע!״. פלאַטערט אינקע:
— טאַ־טע! — ציטערט אויף איר קול,
און די טריטלעך אירע פלינקע —
װי געלײמטע מיטאַמאָל:

„... נישט זיין גאַנג!", און אויגן
זיך צעגייען ברייט און ווייט —
איבער איר שטייט ע ר געבויגן,
און זיין בליק איז ווייס, ווי קרייד — — — —

— אינקע, ווילסט אפשר שפּאַצירן? —
צערטלט ער זי מיט דער האַנט:
דו וועסט, טאַכטערקע, מיך פירן
אין דעם ליכט פון פרייען לאַנד...

אופא, 1942.

פרייד און טרער

מ אַ ט ר אָ ס אָ ו ן

ס'וועט דער פיינט פּאַרטיליקט ווערן —
ווי אַ העלד מיין שלאַכטמאַן שטאַרבט!
ס'איז מיין פרייד געמישט מיט טרערן,
ס'איז מיין טרער מיט פרייד געפאַרבט.

מיינע טרערן זיינען לויטער,
ווי דער מאָרגנטוי צעשטראַלט:
ס'פאַלט נישט ד ע ר אין שלאַכט קיין טויטער,
וועלכער פאַרן היימלאַנד פאַלט.

ריין געהויבלט ווערן ברעטער
פאַרן אָרון פונעם העלד; — —
און דורך טרערן אייביק וועט ער
אין זכרון שטיין צעהעלט.

1943

העלדן

וואָס מיינט דעם שונאס זיגערישע שאַלן?
דעם העלד, וואָס איז דאָ אויפן פעלד געפאַלן?

— אַ, זאָל ער זיך נישט פרייען נאָך, דער שונא —
צי פאַלן טויט דען העלדן אָט־אַזוינע?

די העלדן ווייזן בלויז אין קאַמף צו זיגן.
זיי בלייבן תמיד שטאָלץ און רואיק ליגן,

געווענדטע מיטן פּנים צו דעם הימל,
און זייער טויט איז אויסגעדאַכטער דרימל.

אַ העלד, וואָס ליגט צום באָדן מיטן רוקן,
איז פאַרן שונא מערער נאָך מסוכן.

עס לייכטן — שטערן רויטע — זיינע ווונדן,
ער גייט פאַרויס — אַ פאַקל העל געצונדן.

* * *

דאָס חייל הערט אים מעכטיק רופן: „שלאַכטלייט, ברידער!
עס גייט מיט אייך דאָס פאָלק מיט הערצער און מיט לידער.

עס קוקט אויף אייך דאָס הימלאַנד מיט מיליאָנען שויבן.
הייבט אויף זיך צו דעם זיג און ווערט מיט אים דערהויבן!

אויב ווער פון אייך האָט אויסגעלאָשן זיך, אַ מידער —
צינד אָן זיך ביי די ווונדן מיינע, פלאַם־אויף ווידער!

ס'אַנטלויפט דער שונא און פאַרבאַרגט זיך — יאָג, אַנטפּלעק אים
און מיט די פּחדים פון דעם גיהנום דאַנטעס שרעק אים.

מיט גליענדיקע ריטער שמיים זיין רוקן, קלאַפּ אים.
אויף דיינע פונקנשפּריצנדיקע פליגל כאַפּ אים,

צעוויג, פאַרברען אים, ביז צו קויל פאַרלענד אים,
ביז אויך זיין מאַמע זאָל נישט האָבן שוין דערקענט אים!"

* * *

וואָס מיינט דעם שונאס זיגערישע שאָלן?
דעם העלד, וואָס איז דאָ אויפן פעלד געפאַלן?

עס קעמפן לעבעדיק ביי אונדז די טויטע.
ער שפּאַנט פאַרויס, און די חיילות רויטע —

נאָך אים! מיט פעסטן טראָט און מיט בטחון,
אַז דער גערעכטיקייט באַגלייט נצחון.

.1944

באַלאַדע פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ

עס איז געהאַנגען איבער יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ שווער
אַן אומעטיקע און אַ טריבע די לבנה-טרער
און אויסגעקוקט אַן אַזיערע, צו פּאַלן אין איר קריגל;
אין אירע שטראַלן האָט געצאַפּלט זיך אַ ווייסער פליגל.

עס וואַגלט אום אין רוים דער גייסט דער לויטערער טאָלסטאָיס:
זיין דאָרף איז חרוב, שפּינען וועבן שפּייעכץ אין זיין הויז...
„איך האָב צו פרי געניִדערט מיט מיין תורה צו די מענטשן:
צי מעג מען די פּאַרזייענישן ליב האָבן און בענטשן?..."

דער הימל בלאַסט, די שטערן שרימפּן איין זיך קיל, פאַרשטאַכט.
אין שלייערן אלמנהשע שלייכט לאַנגזאַם אום די נאַכט.
דער גייסט רייסט אָפּ זיין צאַרטן בליק פון היים, וואָס ליגט געשענדעט,
פון ערד, וואָס האָט געקילט זיין שוויים; דעם בליק צו מזרח ווענדעט:

פון דאָרט גייט אויף אַ ליכט; עס פּעכערט דאָרט אַ רויטע פאָן;
אַ העל געזאַנג גייט אויף; צעשטראַלטע רייטער קומען אָן.

פאַלט די לבנה-טרער, ווי טוי, אויף גראָז פון פליין און היגל,
און אויף די תבואה-פעלדער טוט דער גייסט אַ נייג אַראָפּ אַ פליגל,
אַ מעכטיקן, אַ ראַזיקן, און גלעט זיי ליב און צאַרט.
און יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האַלט דעם אָטעם איין און וואַרט...

פון פּנים אירן פויזן איילנדיק אַראָפּ די שפּינען,
און פון די קנייטשן שווימען אָפּ די שאָטנס און צערינען.

עס פליען רויטאַרמייער אָן, צעזונגענע, צעשפּילטע, און — — —
עס שמייכלט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ קעגן שטאָלצער זון.

מעת־לעתן פון נצחון

.1

יונגע לייבן

זוי יונגע פלינקע לייבן לויפן טעג,
פאַרסאַפּעטע, פאַרשטויבטע פונעם וועג,
צעזאָטענע פון דאַרשטיקן געיעג.
נאָר אויף די גריוועס שפּילט די זון מיט שטראַל,
און דאָס געבריל — נצחונדיקער שאַל.

.2

האַרבסט און זון

כאָטש האַרבסט פאַרשלייערט ערשט די הימלען
מיט כמאַרעדיקן קרעפּ;
אויף צווייגן שטומע פייגל דרימלען,
אַראָפּגעלאָזט די קעפּ;

כאָטש ס'קלאָגן ווינט די נעכט — אַלמנות,
פאַרברעכנדיק די הענט,
די קעפּ זיך שלאָגן אָן רחמנות
אין פייכטע קאַלטע ווענט;

כאָטש אָבל־ווינטן רייסן קריעות, —
זיך לייטערט מיין געמיט:
אַ פרילינג הענגט אויף מיינע וויעס,
אַ זון אין האַרצן גליט.

.3

פרילינג אויפן דניעפּער

ס'האָט צו די פיש אין וואַסער שוין דערגרייכט די בשורה:
עס קערן זיך די זין פון לאַנד אהיים מיט גבורה!

— ווען ס'וועט די טרייע שפּיזערין, די מאַמע־דניעפּער,
אַ סעודה אונדז פּאַרגרייטן פון די ווילדע קעפּער,
אויף אידיע כוואַליעס וועלן מיר אַ ריקוד טאַנצן! — —
עס לאַכט מיט זון דער דניעפּער. זיינע גלאַנצן,
ווי בלאַנקע שווערדן־שאַרפן, בלענדן בייז דעם שונא:
— מיט עקל כ'וועל פאַרשלינגען דיינע לייבער גיפטיק־ברוינע
און אויסשפּייען אין ים מיט נחת־רוח; זאָל עס
פאַרשווינדן אין דעם אָפּגרונט פון די שוואַרצסטע קללות! — —
און שפּעט ביינאַכט, ווען פיש אין טיפענישן דרימלען,
עס אָטעמען מיט טיפן האַס דעם דניעפּערס הימלען;
זיי שאַרפן שטערן־שפּיז, צאַפּלענדיק אין גאַרן
דעם וועג דעם לויפנדיקן שונא צו פאַרשפּאַרן.

דער רויטאַרמייער איציק סנייפּער

.1

אוי, איז ער אַ סנייפּער, סנייפּער איציק!
שאַרף זיין אויער, שאַרפער נאָך זיין אויג:
טוט דעם בליק אַ וואַרף ער העליש, בליציק, —
פיינט, אומזיסט באַהאַלטסטו זיך אין סטויג!
האָסט געשאָכטן מיינע ברידער — ביטע,
איך באַצאָל דיר, שוחט, פאַר דיין שחיטה.

שרייבט אַ בריוועלע דער מאַמען איציק,
ליגט ער ביי אַ „ספּראַוועקע” אין קאָנווערט:
„...פערציק נאַציס אומגעבראַכט און, — וויציק
איז דער אויסלאָז: אויך דעם פיינטס אַ פערד.”
זאָל די מאַמע שעפּן נחת, — טראַכט ער:
סאַראַ בראַווער שלאַכטמאַן איז אין שלאַכט ער.

לייענט איציקס מאַמע, ציטערט, פלאַטערט:
...פרעגט, וואָס האָט עס אים געפעלט? נו, הערט!
ליבערשט וואָלט ער נאָך אַ פיינט געפּטרט,
נעמט ער גאָר און ליגט אַוועק אַ פערד.

שטאַרק זיין האַרץ און האַנט, אָ, גאָט אין הימל!
ממית, איציקל, און וויים נישט פון קיין דרימל!

עס געדענקט דעם פּסוק איציק „כבד" —
סטאַלין הייסט... ס'באַפעלט די מאַמע אויך;
היטלער זאָגט „להרוג ולאבד!" —
לאָמיר זען, ביי וועמען ס'איז דער כוח!
און מיט ברען און פלאַטער פון נשמה
צייַלט ער נאָך די פרוכט פון זיין נקמה.

אָ, נקמה-דאַרשטיק איז ער, סנייפּער איציק,
נאָר דערביי איז לויטער זיין געדאַנק,
איז אַפילו שפּאַסהאַפטיק און וויציק:
— פּאָלג מיך, קויל, מיין ברודערקע, אַ גאַנג.
זעסט דעם נאַצי דאָרט, דעם דראַנג? איך שים אים —
פלי און מיט אַ שנאָל אין נאָז באַגרים אים.

אָדער: — טו אין פּופּיק אים אַ קיצל,
זאָג, אַז האַרציק-ליב אים גריסט אַ ייד. —
לעשט זיך אויס דאָס קנייטל פון אַ פריצל,
צינדט זיך אים אַ שטערן אין געמיט.
אוי, איז ער אַ סנייפּער, סנייפּער איציק! —
ס'טרעפט זיין קויל, ווי ער איז טרעפלעך-וויציק.

.2

ס'וואַקסט פון טאָג אויף טאָג דעם סנייפּערס צעטל —
שטערן כישופט אויס ער מיט די הענט...
קומט ער אין אַ שטאָט אַריין, אַ שטעטל,
פילט ער — אונטער אים דער באָדן ברענט;
ס'ווערט זיין גוף דער גאַנצער — אויג און אויער,
זיין געהער — אַ שוואָם, זיין בליק — אַ בויער.

וועמען זוכט דער סנייפּער? וועמען זוכט ער!
און פאַר וואָס זיך קלאַמערט זיין געדאַנק?
ס'איז דער פיינט אַזוי ק דאָך דער פאַרפלוכטער,
ס'פּאַסעוועט זיין רוקן אונדזער טאַנק!

ציטערט איציק?... ס'איז זיין נאז צעפליגלט,
און ער גייט און שטומט — דאס מויל פארריגלט.

איציק זוכט דא איצטער נישט קיין שטערן...
ס'הענגט א שווערע טרער ערשט אויף זיין בליק;
וואלט ער דא א יידיש ווארט דערהערן —
גלייך צעטאנצט ער זיך אין גאס פאר גליק!
און ער שפירט נישט, וואס ארום אים טוט זיך.
ס'צינדט און לעשט אין אים דאס בלוט זיך.

שטייען הייזער נאך אין רויך און פלאמען,
וויינען נאקעטע, פארשווארצטע ווענט;
פריידיק גיסן מענטשן זיך צוזאמען,
און פארפלעכטן זיך מיט הייסע הענט;
ס'האט איר קינד א מאמע דא געפונען,
אויף די ברעמען שיינען טרערן — זונען.

שימערט פרייד אויף חורבות, האלאוועשקעס;
מוטערפערלט זיך פארשרפעט גלאז;
לויפן צו די פים פארזויסטע סטעשקעס
און :„צעטרעט אונדז!" שעפטשעט ווייער גראז;
וויקלען זיך צעקריפלטע באלקאנען
אינעם פלאטער פון צעהילטע פאנען.

איציק זעט און — זעט נישט, הערט און — הערט נישט:
דארט... דורך רויכן... שאקלט זיך א ייד?
נאר... די נעץ צעשווימט... דער ייד — ער ווערט נישט...
איציקס בלוט נעמט קאכן און פארזידט.
הער!... די מאמע רעדט דורך זיין נשמה:
„ווי דער ים, זאל טיף זיין דיין נקמה!"

שעפטשעט איציק צו דער וויטער מאמען:
„ווי א ייד און ווי דיין זון איך בין,
מיין נקמה — ווי א שייטער וועט זי פלאמען,
ביז עס וועט באלייכטן פאנען-רויטס בערלין!...
מיין נקמה — ווי א שייטער וועט זי פלאמען,
ביז עס וועט באלייכטן פאנען-רויטס בערלין!...".

זיי לעבן ווייטער אין די לעבעדיקע

* * *

ס׳איז נישט אויסגעלאָשן פֿאַר דער ערד נאָך יענער שטערן,
וואָס דורך פֿינצטערניש זיין בלאַנדזשענדיקער שטראַל נאָך שיינט:
ס׳וועלן שוין די טויטע לעבעדיק נישט ווערן —
זיי לעבן ווייטער אין די לעבעדיקע היינט.

מיין יעדער טראָפּן בלוט...

מיין יעדער טראָפּן בלוט דיך זוכט צעדודערט:
ווו ביסטו, דיכטער מיינער, ברוך, ברודער?

צי שפּילט דער ווילדער ווינט נאָך מיט דיין שויבער
דעם קופּערנעם — דיין בחורישן צויבער?

און צערסט די וועלט מיט גרויע אויגן־פלאַמען
מיט נייגיר און פאַרוואונדערונג צוזאַמען?

האָט נישט פאַרנעגלט ברוינעם מאַנסטרומס לאַפּע
די יאָרן דיינע, די פיר צענדליק קנאַפּע

צום האַקנקרייץ? די אָדערן געצויגן? —
לאַמטערנס מיט שיגעון דיינע אויגן...

צי האָט דיר צוגעשפּילט דעם מזלם פידל —
אַנטרינסט דעם טויט פון אונטער קברנס רידל?

די פליכט — געאָרעמט מיט דיין ווילן שטייט זי
און הענגט נקמה־ביקס דיר אויף דער פלייצע:

— מעג זשאַווערן דיין דיכטערישע פעדער —
מיט בלוט קויף אוים די פרייהייט גלייך ווי יעדער!

צי בלוטיקט נישט די וווּנד פון דיינס אַן אבר?
צי ליגסטו אויף אַ שלאַכטפעלד שוין אין קבר?

געבענטשט זאָל זיין דיין פאַלן צו די הייכן,
וווּהין דער דיכטער־דום קאָן קוים דערגרייכן!

ווו ביסטו, דיכטער מיינער, ברוך, ברודער? —
מיין יעדער טראָפּן בלוט דיך זוכט צעדודערט.

באשקיריע, 1942

פון אַ לערערס טאָגבוך

מיינע קינדער

.1

איך האָב קיין נעסט קיין וואַרעמע זיך נישט געבויט,
מיין איינזאַם לעבן נישט פאַרזיסט מיט אייגן ווייב און קינד;
מיין לייב און מיין געמיט דער שול דער לייבלעכער פאַרטרויט,
און יונגע, פרישע הערצער האָבן זיך פאַרגלויבט מיר בלינד.
איך האָב פאַר זיי געעפנט צו דער וועלט די טירן,
געצונדן זונען אין די הערצער און געהירן.

ס'איז יעדער מיין דערצויגלינג מיר געווען אַן אייגן קינד.
ווי גוט עס איז מיט זיי! כ'פאַרגעס צומאָל אין עסן.
אין שטראָם פון זייער פרייד איך טובל זיך פון אַלע זינד,
ער דרייט די ראָד פון מיינע בחורשע מעת-לעתן;
די בליקן מיינע, רעגנבויגנס, ציען נאָך זיך שנעל
דעם לויכטנדיקן שיט פון צאַרטער, בלענדיק-ווייסער מעל...

.2

מיין היים? די שול איז מיר געווען די ליבסטע היים;
מיט קינדערלעך געקנאָטן לעמעלעך פון ליים,
געלערנט זיי פּאַפּיר צו שניידן, אויסצושערן
קאָלירטע קריגעלעך, און בלימעלעך, און שטערן.
מיין ווייב? די זאָרג פאַר זיי איז מיר געווען אַ ווייב,
איך האָב זי ליב געהאַט, די זאָרג, מיט זעל און לייב

קיין זכר פון מיין היים איז מער נישטאָ.
עס האָט אַ בעסטיע מיט ווילדער טלאָ
די לעמעלעך די ליימיקע צעשטויסן,
די קריגעלעך אַרויסגעשמיצט אינדרויסן,
צעריסן אַלע שטערן
און איינגעשטילט איר דורשט מיט קינדערס טרערן

.3

און איר? אַוווּ זייט איר אַצינדער,
איר אַפּגעציטערט-איידלע קינדער?!
מיין משהלע, מיין חנהלע און מיין אַוורעמל,
מיין שרהלע, מיין רייזעלע, מיין יאָסיע לעמל,
מיין דווידקע און הענע —
די שוואַרצע און די העלע,
די בלאָנדע און שאַטענע,
די רויטע און די געלע,
און נאָך, און נאָך, און נאָך...
נישטאָ שוין מער דער יום-טוב פון מיין וואָך.

.4

... פאַרגליווערט שטייען טאַטע-מאַמע פאַרן שינדער
און קוקן צו ווי ס'צאַפּלען, צאַפּלען זיך די קינדער.
עס יאָמערן די קינדער, שרייען: מאַמע! טאַטע!
נאָר הימלם אויער איז פאַרשטאָפּט מיט וואָלקנס וואַטע,
און אייז-געפרוירן איז דאָס האַרץ פון קאַלטן שוחט.
און... — לערער! — הער איך, ווי צו מיר! זיי רופן אויבעט.
מיין שאַרבן ציטערט אויפן צאַפּלדיקן רוף,
מיט זייער צאַפּל צאַפּלט מיט מיין קאַלטער גוף,
אין מיינע אויגן פלאַקערט אימה-משוגעת,
און זייער בלוט גייט אויף פון מיר מיט שוויים — כ'בין נאָס
נישטאָ ביים מענטש קיין רחמים, און ביי גאָט נישטאָ!
ס'איז ערשט דעם טייוול-שבטייזולס שוואַרצע שעה.

.5

איצעלע

...אַוודאי, איך דערקאָן אים: ס'איז דאָך איצעלע דער שפּאַסער,
דער שטיפער פונעם פינפטן קלאַס, וואָס לייענט ווי „אַ וואַסער",
און קאָן אויף אויסנווייניק „מאַטלען" פון זיין לערנביכל;
פאַרצויגן אויפן העלדזל איז אים שטייף דאָס רויטע טיכל,

און ס׳קערפּערל זיך באַמבלט אויפן צווייגעלע — די תליה:
עס פּינטלט שפּאַטנדיק צו מיר מיט צוקנדיקער וויע:
„גיט איבער, לערער, אַלע קינדער, אַלע זאָלן הערן —
איך האָב שוין איינגעשאַפט חברים זיך צעווישן שטערן!״

אַזאַ סוף וואָלט דער דיכטער „מאַטלס״ שוין נישט אויסגעשכלט:
זיין מאַטל פּייסים אויף דער תליה הענגט און... שמייכלט, שמייכלט...

מאַך קלוג מיר, מאַטל — איצעלע, מיין ציטריקע נשמה,
פאַר דיין נישט־אויסגעשעפּטער פרייד ווי נעמט מען עס נקמה?
געוואַלד! ...הער אויף צו פּינטלען מיט די ברעמעלעך, הער אויף שוין!
דיין לערער ליבערשט אויף דער תליה נעם צו זיך אַרויף שוין!
מיר וועלן חברן זיך ביידע, טאַנצן מיט די שטערן
און זינגען, אַז די בייזע וועלט... משוגע זאָל זי ווערן!

.6

סלאָווע

כ׳פלעג אויסטערלישע מעשות אייך דערציילן, קינדער:
ווי זעעוודיק געוואָרן ס׳איז אַן אַלטער בלינדער,
ווי גייעוודיק אויף ביידע פּיס — אַ יונג אַ לאָמער,
ווי הערעוודיק אויף ביידע אויערן — אַ טויבער,
ווי ס׳האָט געפּלאַצט פון פרעמדן בלוט אַ קאָמאַר, — —
און איר פלעגט לאַכן און באַוואונדערן מיין צויבער...

ווו ביסטו, קינדער־פרייד, דו זאָלסט דאָס האַרץ מיינס היילן?
כ׳וועל זיך אַליין אַ מעשה אין מיין צער דערציילן:
אין רעכענען איז סלאָווע נישט פון די געשיקטסטע.
נאָר תמיד בליט אַ שמייכל אויף איר פּנים ,סלאָוועס.
זי שפּאַסט פון זיך אַליין: דערפאַר בין איך... די דיקסטע.
זי שטיפט, און לאַכט, און טרייבט מיט אַלעמען קאַטאָוועס.

די פולע סלאָווע האָבן אַלע ליב דאָס לעבן!
— דו האָסט אַ „צוויי״ געקריגן? כ׳קאָן מיין „פינף״ דיר געבן... —
ווייל סלאָוועס גאָלדן האַרץ איז טייערער פון שכל,
און איר געמיט אַ פרילינגדיקער פרישער שטראָם איז.

איך מאַמע וואָלט פֿאַר גינגאָלד נישט פֿאַרקויפֿט איר שמייכל,
כאָטש אָרעם איז זי, ווי די נאַכט, און לער איר קראָם איז.

מיין טאָכטער האַרציקע, מיין מילדע, שמייכלענדיקע סלאַווע,
דיין שמייכל שפּילט אַצינד אין ווינט אויף מיינע האָר די גראָווע.

און ווען עס וועט דער טויט מיר אויף די פֿליגל זיינע נעמען,
דיין שמייכל וועט צעשטראַלן זיך פֿון מיינע ווייסע ברעמען.

7.

שושנה

ווען מיין שושנה שטעלט זיך צום עקזאַמען וויכטיק,
מיט צוהערער אַרומעגרינגלט אין אַ האַלבן רונג.
שיינט אויף איר בלאָנדער קאָפּ און רויזן־פּנים ליכטיק.
און אַלטע לערער ווערן אָפּגעפֿרישט און יונג.

עס נעמט זי דורך אַ העלע פֿרייד, אָט ווי דעם פֿויער,
ווען ער באַטראַכט זיין מי אין אָנגעפֿילטן בלאָנדן זאַנג:
מיט בליקן וואַרעמע באַהאַרצט אַ יעדן שטרוי ער,
און זיין צעשיילטע הויט גייט אויף אין ציטעריק געזאַנג.

שושנה, גלייך אַ שלאַנקער זאַנג אין שטילן וועטער,
שטייט רואיק און פֿאַרקלערט, דער בליק פֿאַרשטעמפּלט אין דער ווייט,
ווי ס'וואָלטן איבערמישן זיך פֿאַר איר דאָרט בלעטער,
און ס'הערט זיך צו איר אויער צו דעם שלייכן פֿון דער צייט.

און ענפֿנט מיט התלהבות אויף דאָס מויל שושנה,
דאַכט אויס זיך, אַז עס שלאָגט פֿון איר אַ היים און לויטער ליכט:
חברים זיינען זי מיט גוטן האַרץ מקנא,
באַוווּנדערן דעם אויפֿגאַנג פֿון דער זון אויף איר געזיכט.

זי רעדט געשליפֿן, אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווגן,
פֿון די געצוימטע ווערטער שלאָגט געהיימער גלאַנץ. —
אַ, נישט אומזיסט האָט זי די מאַמע־שול דערצויגן
און אָפּגעהיטן, ווי אַ גערטנער היט דעם צאַרטסטן פֿלאַנץ!

* * *

ארויסלאָז־יום־טוב, מײַן שושנה זיך געזעגנט —
אַ טראָפּן בענקשאַפט־צער אין פולן בעכער פרייד.
— זאָלסט ווערן פון דער נײַער שול אַזוי באַגעגנט,
מיט האַרץ און מיט נשמה, ווי די אַלטע דיך באַגלייט.

איך קוש שושנהן אויף איר הויכן העלן שטערן,
זי האַלדזט אַרום מיך, און אַרום דער עולם לאַכט;
איך האָב נישט אויסבאַהאַלטן מער די טרערן;
פּאַר פרייד עס ווײַנען אַלע, אַלע, — האָט זיך מיר געדאַכט.

— — — — — — — — —

דאָס רשעות אין די גאַסן הוליעט — —
שושנה האָט אין וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן דריי מעת־לעת.
צו ביימער־שטאַמען, ווי צו מאַמעס, זיך געטוליעט.
עס האָבן צווייגן נאָכגעקוקט שושנהן, ווי אַ נס.
אַ ייִדיש קינד! אַ לעבעדיקער מת!
ווי הויך זי איז! ווי שלאַנק!
עס לעשט און צינדט זיך אָן איר בליק פון פּחד און געדאַנק.

עס רוקן זיך די ביימער איינער צו דעם אַנדערן.
— באַשיצן און באַשירמען לאָמיר זי, די וואַנדערין.
אוי, זאָלן בלעטער, גראָזן שאָרכן, רוישן;
אוי, זאָלן שטראָמלעך שעפּטשען, פּלוישן;
אוי, זאָלן פייגל שפּילן, זינגען —
איר טראָט און אָטעם צו פאַרשלינגען.

— כ׳וואָלט גערן, — רוישט אַ יונגער דעמב: געזומען פוילן,
איך זאָל דיך, שוועסטער, אין מײַן פּויליש פאַרהוילן.
אַז ווי צו דיר. דער בלאָנד פון דײַנע קרייזן בלענדט,
און ס׳לייכט דײַן פּנים און די הענט.
זיי קאָנען דיר פאַראַטן מיט אַ ווונק
צום בלוט פאַרזויפטן יונג.
צום באָדן פאַל! גראָב איין זיך מיטן רידל פונעם ווילן!
אוי, שאָטנס מײַנע, נעמט פאַרהילט זי און פאַרדעקט

פון ערגעץ עקבערט זיך אַריין אַ שאָדנפריידיק בילן.
אוי־ווינד־און־ווײ!
אַ יאָג־הונט, רויט און ברוין געפּלעקט,
בלײַבט שטיין פאַר איר אויף צווײ.

זיין אָטעם — פייער־דורשט, איר בלוט צו זויפן,
די אויגן בליצן, און די ציינער קריצן,
און מיט די לאַפּעס האַלדזט ער זי אַרום.
אויף זיין געברום, פאַרסאַפּעט קומען אָן צו לויפן
אַ הייפל פריצן.
שושנהס פול־לבנהדיקע אויגן ווערן גלאָז.
זי שטייט — אַ וואַקסן־ליאַלקע, שטום.
עס ציטערט אונטער אירע זוילן שטיל דאָס גראָז.

— — — — — — — — — — —

און פול איז יעדע צווייג און יעדעס בלעטל מיט געוויין.
עס האָבן זיבן וואָלקנס אויפן זון־לויטער געהויערט;
עס האָבן זיבן זון־געשרייען ס'האַרץ פון וועלט געבויערט,
און זיבן הימלען העגגען איבער דעם פאַרטרויערט.
און בימלעכווייז גייט אויס די זון. זי צאַנקט, זי לעשט זיך, לעשט,
ביז ס'בלייבט פון איר אַ האַלאַוועשקע בלויז מיט רויך אַ רעשט.

— — — — — — — — — — —

עס רויכערט זיך אין מיר, שושנה, דיין געשענדטער טויט.
— ווו איז די זון? — איך פרעג אויף דיר ביי יעדן מאָרגן־רויט.
און ווען די זון באַווייזט זיך אויפן אויבערפלאַך פון פלאַם,
איך זע דיין קאָפּ דעם בלאָנדן שווימען אויף אַ רויטן ים.
און דו האָסט קיינעם נישט דערטרונקען דאָך... ביסט ריין פון זינד,
ווי אין אַ מאַמעס שויס די אומשולד פון געטויטן קינד.

מיין יונגער ברודער

שמחה ן

מו איך אָן די ברילן אינדערפרי —
ווערט מיר פינצטער אין די אויגן:
ד י י נ ע אויגן — טוט עס מיר אַ ברי —
פּחדים האָבן אויסגעזויגן.

ברענג איך צו די ליפּן זיסע טיי —
ווערט מיר גאַליק אויפן גומען:
ס'קאָן דאָך זיין, אַז — ווי מיר ווי! —
דו פון דאָרשט ביסט אומגעקומען.

וואַרעמען די וווּליקעס מיך אָן,
מאַכן פרישער מיך און ייִנגער —
טראַכט איך — דו הענגסט נאַקעט אויסגעטאָן,
באַרוועס גליווערן די פינגער.

גלעט דאָס גאָל־מעסער מיין ווערק געזיכט,
פרישער, יונגער עס צו מאַכן —
לאַדט מיר דאָס געווויסן צום געריכט,
הענקער אויף מיין שאַרבן לאַכן:

— „ווען דיין יונגער ברודער איז געגאַן
ווילד־באַוואַקסן צו דער תליה,
גראָ געמאַכט האָט אים איעדער שפּאַן,
יעדער צוק פון זיינע וויעס".

מיין שוועסטער פרומע

מיין שוועסטער פרומע איז געוואָרן צו מיר שלעכט:
רויבסט צו דאָס ליכט פון מיינע טעג, דעם שלאָף פון נעכט;
און — ווײַ צו מיר און ווײַ צון איר — זי איז גערעכט:

ווי הייבט זיך אויף דיין האַנט דערלאַנגען שפּייז צום מויל,
ווען יעדער נערוו דיין שוועסטערס צאַפּלט זיך אין גרויל,
און ס׳וואַרט איר האַרץ פאַרשטיינערט אויפן שונאָס קויל?

ווי זוכסטו רו אין בעטגעוואַנט פאַר דיין געביין,
ווען ס׳מאַכט נישט צו קיין אויג דיין שוועסטער אויף אַ שטיין,
וואָס וויל, נאָר קען אין אירע טרערן נישט צעגיין?

ווי וואַגט דיין פּנים זיך צעשמייכלען פאַר אַ פרוי,
בעת דיין יונגער שוועסטערס האָר שוין זיינען גרוי,
ווי גראָז פאַרשטויבטס, וואָס גאַרט און לעכצט אַ טראָפּן טוי?

ווי שטעלט זיך אָפּ דיין בליק צו צערטלען בלום און גראָז,
ווען שוועסטערס אויגן גליווערן פון שרעק, ווי גלאָז,
און, ווי אַן אויסלייז, קוקן אוים דעם אויסוווּרפס שאָס?

עס טוט דיר ווי, מיין ברודער? גוט אַזוי! ס'איז גוט!
אין ווי געבוירן ווערט דער מענטש און אויך — זיין מוט;
זאָל אָנצינדן דער ווי נקמה אין דיין בלוט!

דו וויינסט? ס'איז ביליק היינט דעם מענטשנס ריינסטע טרער;
ווייל זי אַ פּערל איז, און נישט קיין פּראָסט געווער;
איך וואַרט אויף דיין נקמה-טאַט, מיין ברודער... שווער!

און ווען וועסט קומען און נישט טרעפן מיין געביין,
קוש אוים שטאָט מיך אַ יעדן קאַלטן שטיין;
דערכאַפּ דאָס הארץ און לאָז אין שלאַכט זיך ווייטער גיין.

כ'וועל אומגעזעען זיין מיט דיר, ווי כ'בין אַצינד,
דיך שטאַרקן, ווי אַ העלד, און צערטלען, ווי אַ קינד,
און זיין דיין אויג אין האַרץ, עס זאָל נישט פירן בלינד...

— — — — — — — — — —

מיין שוועסטער פרומע איז געוואָרן צו מיר שלעכט.
רויבט צו דאָס ליכט פון מיינע טעג, דעם שלאָף פון נעכט;
און — ווי צו מיר און ווי צון איר! — זי איז גערעכט.

.1943—44

אויף דער כלהס קבר...

האָסט, ליובע, ליב געהאַט די טויב,
דאָס בלימל, קליינע קינדער,
דעם אויפגאַנג פון דער זון אין שויב, —
דערפאַר האָט דיך געפּלאָגט דער שינדער?

האָסט, ליובע, ליב געהאַט מוזיק,
וואָס פליסט ווי שיין פון מולד,
די רו פון אַ פּאַרטיפּטן בליק, —
דערפאַר האָט דיך דער יונג געקוילעט?

האָסט, ליובע, ליב געהאַט מיר שטיל
און אויסגעציטערט זויבער
דורך וואָרט דיין כלהשן געפיל, —
דערפאַר האָט דיך באַשמוצט דער רויבער?

ווייל... מיידלש בלוט האָט ריין געפלאַמט
אין שטילן הארצן ליובעס,
פאַרגאָסן האָט עס גראָז און זאַמד:
נאָך איצטער .זידט אין קאַלטן גרוב עס.

מאָסקווע, נאָוועמבער, 1944.

צו דער טוריע *

איך האָב אַמאָל געזען אויף אַ יאַריד
זיך וואַלגערן אין שמוץ אַ בלויע ליענטע;
פון צווישן רעדער, קאַפּיטעס און טריט
האָט זי אַרויסגעטרויערט אַ געשענדטע.

ס'האָט מיין געמיט פאַרקלעמט — אַז ווי און ווינד!
מיין הארץ האָט, ווי אַ פויגל, זיך געשראָקן:
איך האָב געקענט דאָס גאָלד-געלאָקטע קינד,
וואָס זי אַרומגעפּאַסט האָט זיינע לאָקן;

איז נישט קיין אומגליק, קינד, געשען מיט דיר?
צי בלויט דער הימל נאָך אין דיינע אויגן?
אויב ס'וואַלגערט זיך אין מיסט פון מאַרק דיין ציר —
צי איז דיין פּאַווע נישט אַוועקגעפלויגן?...

דו ביסט די ליענטע, טוריע, אין מיין טרוים:
צי לעבט אַ ייד נאָך איצט אויף דיינע ברעגן?
דיין ווערבע — איז זי נישט קיין תליה שטאָט אַ בוים,
און זי פאַרשעלט דיין וואַסער און דעם רעגן?...

* דאָס טייכל פון מיין היימשטעטל טריסק.

עס האָט זיך, טוריע, אויסגעבענקט מיין האַרץ
און, ווי אַ רויטער שטראַל, זיך אויסגעצויגן; —
— ביסט ווייט און נאָענט, טוריע-לאַנד געגאַרטנס
די ווייט צו דיר פאַרשלינגען מיינע אויגן.

פרימאָרגנס חלום אויס די רויטע פאָן,
בייטאָג דערהער די בשורה פון קאַנאָנען
און שפּעטשו זיט ביינאַכט: זיי קומען אָן —
זיי קומען פאַרן בלוט דעם חשבון מאָנען.

.1944

איך זע דיין לעצטן גאַנג, קאַציזנע אַלטער

איך זע דיין לעצטן גאַנג, קאַציזנע אַלטער:
...עס פאַלט אויף דיינע האָר אַ טוי אַ קאַלטער,
זיי פראָסט ווי ווייסער זיך אויף זיי פאַרהאַלט ער.

פאַר דיינע אויגן — ביינקעס פול מיט שרעק —
עס שווינדלען תליות, שייטערס, בלאַנקע העק —
די קערסט פון זיי דיין גרייזן קאָפּ אַוועק.

אומזיסט! אין מוח טליען בילדער ווייטער:
...אָן אַקס, אַ שטריק פאַרוואָרפט אויף אים אַ רייטער
און שלעפּט אים צו דער תליה, צו צום שייטער;

ער הענגט, די פיס געשטרעקט, ווי דרענגער, שטאַר,
עס שוואַרצט זיין צונג, די אויגן — גלעזער צער,
נאָר קוק! דער אַקס... בין איך דאָך, אַלטער נאַר!

בין איך — דער שוטה-וועגעטאַריער! ווי מיר!...
וו בין איך? אַ? מצבות צווישן ביימער;
דער אוהל פּרצעס — אַ הייליקער, געהיימער;

אַ האַמער שלאָגט אין אים רציחהש... ס׳קראַכט...
און איבער אים אַ מערדער-פּרצוף לאַכט:
— דעם דריילינג יידן-דיכטער שלעפּט צום שלאַכט!

איז וועמעס האַלדז דאָרט ווערט מיט שטריק געצויגן
צו פלאַכער ברוסט, מיט קללה אין די אויגן?
הענגט אַנסקים קאָפּ, צי דינעזאָנס געבויגן?

צי פּרצעס — דער לייבנקאָפּ אַליין?
— עס האָט דערעסן, — ברילט ער: דיין געוויין!
צום טויט גיי שטאָלץ — דאָס פאָלק מיט אים באַשיין!

צינדט אָן זיך אַלטערס קלוגע קורצע ראיה,
ער שטייט אָן פּחד פאַר דער נאַצי־תּליה,
און ס׳טוט קיין צאַפּל נישט זיין מידע וויע.

מאָסקווע, 1944.

באַלאַדע פונעם בלינדן זון און זיין זעליקן טאַטן

ווער קלאָגט אין דער נאַכט אינעם אָפענעם פעלד,
אין דעמער פון שטערנליכט בלאַסן פאַרשפּינט?
צי האָט ביי אַ מאַמען אַ קינד זיך געפעלט?
צי רייסט זיך צו מאַמען פאַריתומט אַ קינד?
אַ קול פון אַ מאַנצביל. פאַרגאָסט איז די וועלט,
האָרכט אײַן זיך, ווי יאָמער אין שטילקייט צערינט;
עס הענגט אויף פאַרגליווערטע פליגלען אַ ווינט.

— אוי, טאַטע, ווי עלנט דיין זון איז אַצינד!
דער פיינט האָט דאָ אַלע פאַרטוליקט, דערשטיקט.
בלויז מיר האָט דער גורל דער בלינדער באַגליקט:
דורך פייער פון שלאַכטן אַרויס בין איך... בלינד.
דורך נאַכט אין מיר האָב איך אַהערצו געבליקט;
דורך שריפות און חורבות, דורך נעפּל און ווינט
געהעלט האָט דיין שטערן, ווי אַ מאַמע צום קינד;

מיט ציטער פון האַרץ און מיט פלאַטער פון פאָן
געקומען דיין זון אויף דיין קבר צוריק;
ווי ליכט־זיילן צינדן די אָרעמס זיך אָן,
אויף יעדן שפּיץ פינגער — אַ פונק, ווי אַ בליק.

ווו איז דער בית-חיים? כ'טאַפּ גאָרנישט נישט אָן:
קיין צוים, קיין מצבה, קיין ציון, קיין שפּאָן! —
פאַרהאַלט זיך, מיין טרער, אין דער קעל און דערשטיק! ——

דורך דעמער פון שטערן אַ העלקייט גייט אויף,
אַ ליכטיקער ציטער שטראַלט דורך אים דעם גוף:
...אָט קומט ער, דער טאַטע! געמאָסטן די טריט,
עס קוקט דורך די אויגן זיין ליכטיק געמיט,
די באָרד, רויט ווי זשאַר, איז מיט פונקען צעבליט.
און שטאָלץ זיין געשטאַלט איז און מוטיק זיין רוף.
— „איז דאָס דען אַן עובדה — צו קלאָגן? הער אויף!"

— עס האָט נישט געלאָזן דער טמא קיין שטיין...
— „פונדעסטוועגן לעב איך! דו זעסט עס אַליין." —
דורך נאָכט אין די אויגן פאַרבלענדט זעט דער זון:
די שטערנס זיך לעשן, נאָר וואָס איז דערפון?
דער אָנבליק פון טאַטן גייט אויף מיט דער זון.

באַשקיריע, 1944.

דער דעמב

ס'גייט אויף אַ זון אויף די בית-עלמין-טאָלן,
און אויף דעם אַש — אַ גראָזיק-גרינער פלאַם;
דער פרילינג נעמט די הוילע וועלדער מאָלן
און אויך דעם אַלטן דעמבס פאַרקוילטן שטאַם.
— — — — — — — — — — —
אַ דונער האָט אין דעמב אַריינגעשלאָגן
און ווונדן אויסגעברענט אין אים מיט בליץ.
נאָר ס'טוט אַ מינדסטער וואָרצל אים דערטראָגן
די חיותדיקע זאַפטן ביזן שפּיץ.

זיין אַש איז גרוי געפאַלן אים צופיסן
און דורך דער ערד דער גענערט דאָס טרוקן האָלץ.
און ווען די זון די כמאַרעס האָט צעריסן,
דערזעט זי: שטייט דער דעמב אין פּיין, נאָר שטאָלץ!

זי דרינגט אַדורך מיט חידוש זיינע הויטן,
און זע־נאָר־זע: זיין יעדע וווּנד — אַ קוואַל,
שלינגט איין דעם קלאָרן הימל דעם צעבלויטן
און קוויקט זיך מיטן צערטל פון אַ שטראַל.

דער עקשן שטאַרבט נישט, און ער דאַכט נישט שטאַרבן;
עס ירשנט זיין עקשנות רונג נאָך רונג.
פון וווּנדן — נישט פון זקנה — זיינע קאַרבן,
אַ זקן — נאָר זיין גבֿורה מאַכט אים יונג.

קושט אויס די זון דעם דעמב מיט אירע שטראַלן
און בענטשט אויף אומגעציילטע יאָר זיין פּיין:
— עס זאָלן שטורעמס כורעים פאַר דיר פאַלן,
און אייביק בלענדן אויף דיין קרוין — מיין שיין.

— — — — — — — — — —

ס׳גייט אויף די זון אויף די בית־עלמין־טאָלן,
און אויף דעם אַש — אַ גראָזיק־גרינער פלאַם.
דער פרילינג נעמט די הוילע וועלדער מאָלן
און אויך דעם אַלטן דעמבס פאַרקוילטן שטאַם.

מאָסקווע, 1944.

מיין ווייס ציגעלע

הערט אויס אַ וווּנדערלעכע מעשה:
עס שפּרינגט דאָס ציגעלע דאָס ווייסע
אַנטקעגן סערפּ פון יונגן מולד,
וואָס האָט דעם שוחט גאָר געקוילעט.

זיין האָרבע באָרד מיט בלוט געפאַרבן —
מיין ציגעלע איז נישט געשטאָרבן,
און, זעט, עס טראַכט נישט שטאַרבן אויכעט...
דער חלף זשאַווערט לעבן שוחט.

מאָסקווע, 1944.

דאָס ייִנגל־פּאַרטיזאַן און זײַן ברודערל

.1

— דו קאָנסט דאָך מיכאַלקען — אַן ערלעכער פּויער,
ער האָט מיך געהאַלטן אַ וואָך אויף זײַן ברויט.
נאָר לענגער — קוים ווערן די נאַצים געוווירער,
פאַרברענט מען זײַן כאַטע... מע פירט אים צום טויט!

„גיי זוך זיך אַ צווייט אָרט, — האָט ער מיך געטריבן:
דו ביסט נאָך אַ קינד, אָבער דאַרפסט דאָך פאַרשטיין...״
בין איך אין געוויין זיך צעגאַן און... געבליבן,
און האָב זיך באַהאַלטן פאַר אים שוין אַליין.

אוי, שלמהלע, ס׳גרוילט מיך אַזש דאָס צו דערציילן!
ווי שרעקלעך און לאַנג איז געווען יענער טאָג!
ס׳האָט דעמלט מיכאַלקע געזוכט מיך נישט איינמאָל:
„ווו איז ער, מײַן אומגליק, די ייִדישע פּלאָג?״.

„צי איז אויף דעם קינד נישט קיין ביטער רחמנות? —
איך האָב פון באַהעלטניש פאַרנומען זײַן שטים:
זײַן יאָר — און געלאָזן אַליין אויף סכנות,
ווען ס׳לעבן פון ייִדן הענגט קוים אויף אַ דרים...״.

און איך בין אַנטלאָפן... ווי איך האָב געליטן!
ווו שוחטים, מיר האָבן די אכזרים, די פרעסט,
מיט שאַרפע חלפים די פינגער געשניטן,
קיין סימן פון זיי נישט געבליבן... דו זעסט?

— „דער ווינטער פאַרגייט שוין, אַט ווערט ער פאַרשוווּנדן,
דער זומער וועט קומען אויף פליגל פון שײַן;
די פריי און דער וואַלד וועלן היילן די וווּנדן;
כ׳וועל קומען דיך נעמען... מיט מיר וועסטו זײַן״.

— ווי גליקלעך איך בין איצטער, שלמהלע! כ׳קלער זיך:
ביסט טאַטע, ביסט מאַמע, ביסט, שלמהלע, אַלץ! —
אין אויג זײַנעם דרייט אַן פאַמעלעך אַ טרער זיך,
זי גלאַנצט קעגן זון, טוט אַ ציטער און פאַלט.

.2

...אַרום ליגט דער שניי מיט דער נאַכט אויף די פעלדער;
עס בלאָסט אַ בערעזקע; עס שווייגט דער שפּיטאָל.
צו שלמהלען צאַפּלט זיין האַרץ, צו די וועלדער.
ווען קומט ע ר, דער ברודער? צי קומט ער צומאָל?

ווו ביסטו, מיין שלמהלע? ברודער, ווו ביסטו?
ווי האָסטו געלאָזט מיך דאָ נאַקעט און הויל?
די נאַכט איז אַ לאַנגע, אַ פינצטערע, וויסטע,
און ס'לויערט פון וועגן אַ פיינט מיט אַ קויל...

עס שלאָגט אין שפּיטאָל שוין האַלב פינעף אַזייגער — —
ס'ווערט מאַמעלע שוואַכער, שרומפּט איין אין דער קעלט;
ער זעצט זיך אַראָפּ... ווי ס'איז ווייך דאָס געלייגער!
אַ פינטעלע מענטש אין אַ שנייאיקער וועלט.

אַ נייניאָריק קינד — נאָר אין גרוב שוין געליגן
נישט איינמאָל, אַזוי ווי אַ לייטישער ייד;
עס שנייט... ווי ער וואָלט, אַ געשטיקטער, געשריגן
פון אונטער דעם שניי, וואָס פאַרשיט אים פאַרשיט...

.3

— — ...צי הערסטו מיך, מאַמעלע, קרעכצן אַצינדער?
פאַרנעמסטו, ווי כ'שמועס משוגע צום ווינט:
„ווי האָב איך געלאָזן אַליין ביי די שינדער
אַ הילפלאָז, אַ ציטעריק, צאַפּלדיק קינד?"

איך בין אַ לעוועשקע, וואָס רייכערט זיך ביטער;
פאַררינגלט אַרום איז מיט חושך מיין וועג...
כ'בין שולדיק! ווייל תמיד איז שולדיק דער היטער.
כ'אָטעם כ'בלאָנדזשע אַליין איצט און שטרויכל אין שרעק.

צי זעסטו, ווי ס'טריפן געדיכט מיינע טרערן?
זיי בריען, ווי זידיקער פעך, מיין געזיכט.
מיך בלאָנדזשען איצט ביידע — געפאַלענע שטערן,
און שוואַרץ איז די נאַכט, און דער וואַלד איז געדיכט.

אַ, נאַכט! נישט פאַרלייג דיינע פינצטערניש־פליגל
און לאָז נישט די טאָג־שיין אַריבער דער שוועל;
ווײ־ווײ! איך באַטראַכט זיך אין דיר, ווי אין שפּיגל,
און כ׳זע זיך — אַ ייִנגל אין חיהשער פעל...

איך שפּאַן... כ׳טראָג מיין לעבן צום לעבן פאַרביסן,
צו דיר איז מיין וועג שוין געשלאָסן צוריק;
עס הערט נישט אויף פלעכטן מיין קין־געוויסן
פאַר מיין האַלדז־און־אַקן אַ פינצטערן שטריק.

אַ, ווינט! וואָס דו פּאַטשסט מיר אין פּנים גערעכטיק,
דערטראָג אים מיין גרוס, און מיין ווײ, און מיין ווינד,
און זאָג אים: דער ווילן צום לעבן איז מעכטיק,
נאָר קעגן דעם טויט גייען אַלע מיר בלינד...

— — — — — — — — — — —

די נאַכט איז פאַרשוואונדן. איך ליג שוין פאַרבאָרגן
אין ווייכקייט פון היי. נאָר עס קומט נישט די רו:
צי האָט דיך געטראָפן ביים לעבן דער מאָרגן?
זוז ביסטו, מיין מאַטעלע? ברודערל, וווּ?

עס שאַרכעט דער ווינט אויפן דאַך צווישן שטרויען:
„אויף פליגל פון טויט שוין דיין ברודערל רוט...‟
עס ווייסלען זיך שנייען; די הימלען זיך בלויען;
און רויט זיך צעגליט פון נקמה מיין בלוט...

מאָסקווע, 1945.

מאַמעס טרערן

אויף דער אַש־אורנע פון מיין עופעלע ברוכל.

א.

וואָס דאַרף די זאַנג זיך אָנגיסן מיט ברויט,
אויב ס׳איז באַשערט, אַז שטורעם זאָל עס אין איר האַרץ דערשלאָגן?
צו וואָס האָט נאָט געבענטשט מיין טראַכט מיט פרוכט,
אויב מיר איז נישט באַשטימט געווען, כ׳זאָל זי דערטראָגן?

וואָס רייצט די שטערנשיין דעם וואָגלערס אויג אין וועג,
וויבאַלד אין וואָלקנס וועט זי גלייך פאַרזינקען?
אַז ס'האָט באַצייכנט דיך מיט שוואַרצער רוט דער טויט,
צו וואָס איז מיר באַשערט די שיין פון דיינע אויגן טרינקען?

ב.

עס שטראָמט צו דיר מיין מילך,
ווי ווייסע ליליעס,
געטריבענע פאַרנאַכט פון ווינט
צו רויטער שקיעה, — —
מיין גרויסע זון,
מיין ברויזל זונעלע!

עס פליצט צו דיר מיין בלוט,
ווי רויטע רויזן,
געטריבענע פאַרנאַכט פון ווינט
צו בלאַסער שקיעה, —
מיין גרויסע זון,
מיין ברויזל זונעלע!

ג.

עס שטעכט אין די געהירן אייער קאַלטע טרייסט,
ווי אין דער ברוסט די מילך, וואָס איז שוין מער נישט נייטיק;
די רייד פאַרטיפערן דער מאַמעס ווייטיק.

איך זע: די ליפעלעך זיך ציען צו מיין ברוסט
אין גאַרעניש צו זויגן —
און עס פאַרגליווערט זיי דער טויט פאַר מיינע אויגן.

ד.

פאַרשאָלטן זיי, דו ברכה פון פאַרגעסן,
וואָס וועט מיין עופעלעס געדעכעניש צעפרעסן
צוזאַמען מיט מיין האַרץ!
צוזאַמען מיט זיין מאַמעס האַרץ...

מאָסקווע, מאַי, 1946.

אויפן בערגל פון א קינד

זיי לויטער, מיין ליד, ווי די טרער,
וואס האט זיך צעשפילט אויף זיין ברעם
אקעגן דעם קאלטן געווער
אין אנבליק פון קידוש־השם

זיי לויטער, מיין ליד, ווי דער טוי,
וואס פאלט אויף זיין בערגל קאיאר.
איז וואס, אז דער הימל איז גרוי?
ס'וועט אויפגיין די זון מיט איר וואר.

זיי לויטער, מיין ליד, ווי די זון,
וואס קניט פאר זיין בערגעלע ערד
און גרינסן, וואס שפראצן דערפון,
מיט גאלדענע שטראלן דערנערט...

לאדזש. אויגוסט, 1946.

באלאדע פון דעם יידישן קינד און דער תיפלה

(די יידישע קלויסטער־קינדער)

די לבנה הענגט, ווי א שווערע טרער,
אין בלויען הימל,
און די תיפלה הויערט פינצטער און שווער
אין סאד, אין דרימל.

אין א צעלע רוט ווי א שטילע הארף,
א בת־יחידקע.
און ארום איז שטיל... ווער? ווער זיפצט עס שארף
ביים סאדם קאליטקע?

א לאמפאדע־שטראל, ווי א שפיזל דין,
שטרייפט לייכט איר בעקל,
און איר דוכט זיך אויס, אז סע קריכט א שפין
אין אירם א לעקל.

זי וואַכט אויף און זעט דורך די דיקע ווענט —
אַ בלויע דאַמע!
צו דער „מאַמעס“ בילד שטרעקט דאָס קינד די הענט
דערשראָקן: — מאַמע!

נעמט די „מאַמע“ באַלד שלייכט אַראָפּ פון בילד,
דעם גאַסט באַגריסן;
און זיי האַלדזן אום זיך, ווי שוועסטער, מילד
לעם איר צופיסן.

— מרים-לעבו! מיין קרוין! גיב מיר אָפּ דאָס קינד —
ס'האָט דאָ קיין רו נישט...
— „רחל, נעם עס... ווער האָט עס רו אַצינד?
אויך איך, אויך דו נישט.

ווי קאָן האָבן רו אין דער קאַלטער פרעמד
אַ יידיש שיקסל?“
און זי טוט איר אוים דורך דעם שניט פון העמד
דאָס קרוציפיקסל;

און באַגלייט זיי ווייך און פאַרטרערט פון צעל
צום תפלה-טויער,
און בלייבט שטיין פאַרבענקט אויף זיין קאַלטער שוועל
אין שטומען טרויער.

און דער דאַמעס שלייער דאָס קינד פאַרשפילט
מיט בלוי פון הימל,
און עס ווערט דער שאָרך פון איר טראָט פאַרשטילט
אין גראָזן-דרימל...

ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער...

א.

אָוונט

... ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער פאַר מיר —
יידן, וואָס זענען אַוועק אין דער נאַכט
און — שוין צו קומען צוריק נישט געדאַכט?

ווער האָט געווױנט דאָ אין צימער פאַר מיר? —
שווייגן די ווענט און די פענצטער־און־טיר.

ווער האָט געווױנט דאָ אין צימער פאַר מיר? —
שאָטנס פארוועבן מיט דעמער די ווענט;
ס׳בלייבן דורך אים זיך פארבראָכענע הענט;
ציטעריק שווינדלט סופּיט איבער מיר;
שווייגן די ווענט און די פענצטער־און־טיר.

ב.

נאַכט.

אַדורכן פענצטער־פאָרהאַנג זייט זיך שטערן־שימער.
די נאַכט שלייכט שטיל אריין, אַ באָרוועסע, אין צימער.

פון קריגל שלאָפגעטראַנק, פון איבער מיין צוקאָפּנס,
זי טריפט מיר אין דעם אָטעם טראָפּנס, טראָפּנס, טראָפּנס.

זי מיינט: איך שלאָף שוין — הייבט זי אָן אליין צו דרימלען.
מיין הארץ איז וואך, די אויגן גאַפן צו די הימלען,

און דורך דער שטערן־שיין אין פענצטער דעם צעפּראַלטן
איך קוק זיך איין... עס לאָזן זיך אראָפּ געשטאַלטן

פון לויטער עטער, שטויב, פון אַש און קילן שימער
אויף בלאַסע־שטראַלן־לייטערס אין מיין פינצטער צימער.

זיי בלייבן שטיין פארמאַטערט אויפן לעצטן שטאַפּל
אין מיין צעגליטן און צעצאַפּלטן שווארצאַפּל — —

פון דאַנען ווען זיי צוריק פּאַמעלעך קערן
אין הימל, ווען עס נעמען לעשן זיך די שטערן.

און ווען די נאַכט וועט אָפּווענדן פון מיר איר פּנים.
וועל איך אין שלאָף, באַגין, זיך ראַנגלען מיט תּלינים...

ביים טויער פון אָשוויענטשים

עס פאַלט דער ערשטער שניי און ליגט זיך אויף אָשוויענטשים.
ב׳פאַרשפּרייט אויף אים די בלאַסע הענט און בענטש אים, בענטש
אים

פאַר זיין פאַרהילן מיט תכריכים מיינע אשן,
וואָס ווינטן נישט פאַרבלאָזן, רעגנס נישט פאַרוואַשן.

זאָל שיטן אַט אַזוי אויף מיר דער שניי און שיטן:
פון אונטן אַש, פון אויבן שניי, און איך אין מיטן;
אין אַש פאַרטוליעט ווייַנען מיינע מידע גלידער,
דער שניי פאַרהילט צוזאַמען — מיך מיט מיינע ברידער.

און איך וועל ליגן אויסגעשפּרייט. עס וועט מיין אויער,
פאַרוואָרצלט אין דעם באָדן ביי אָשוויענטשימס טויער,
פאַרנעמען, וואָס עס שעפּטשען צווישן זיך די שטויבן
פון די פאַראַשטע קינדער מיט די שנייען אויבן:

— ס׳האָט אונדזער רויך דערגרייכט דעם הימל און פאַררישט אים,
פאַרשוואַרצט זיין בלוי, זיין זון און שטערן און פאַרוויסט אים, —
איז ווי זשע נעמט זיך עס צום הימל, צום פאַרזייען
די ערד, אַזעלכע ציכטיקע און ווייסע שנייען?

פאַרטריבן פון איר קבר דורך דער בייטש פון גרוילן,
עס שלייכט די מאַמע רחל אין מדינת־פּוילן.
„ווו זיינען — ווייַנט זי אויס די אויגן: — מיינע קינדער?
און ערגעץ פון אַ שעכט־הויז מרוקען פּחדים רינדער...

— איר יאָמער גייט פאַרוים, און זי שלייכט נאָך אין גערטאָם,
איעדעם בלוטיק שטיינדל הייבט זי אויף און גלעט עס,
און דריקט עס, ווי אַ קינד, צום האַרץ, און פאָדערט, טענהט:
„לעש אויס זיך, זון, און מיינע טרערן, אָדער שיין נישט!”

זי גייט אַרויף אויף בערגלעך, גייט אַראָפּ אין גריבער,
און ווו אַ פענצטער אין אַ חורבה, בייגט זי זיך אַריבער —
מיט שטיינערנער עקשנות שווייגט דער ברוך פון ציגל.
אַ מאָל נאָר אויף אַ גזימס אַ טויב פאַרברעכט די פליגל — — —

698 — 11

אזוי־אַ וועל איך ליגן, ווי אין קבר, ביי דעם טויער,
ביז חצות־צייט וועט דער שניי אַ שאָרך טאָן מיר אין אויער:
— די מאַמע רחל קומט אָן בּאַרוועס קיין אַשוויענטשים. — —
— אוי, מאַמע, מאַמע! נעם מיין ווייסן קאָפּ און בענטש אים.

לאָדזש, 1946.

מאַידאַנעק קומט מיר צו חלום

... עס לויפן פונעם קאַלעכאָויזון גרויע בלאַסע וועגן,
מיט שחיטה־אַש פאַרדעקטע, דורכגעפינקלטע מיט גלי.
— ווו איז אָן אויסוועג? — דורשטיקע זיי פרעגן, פרעגן, פרעגן...
אויף איינעם פון די וועגן שלייך איך איינזאַם אינדערפרי.

איך ווייס, אַז הייליק איז די מדברדיקע, וויסטע ערד דאָ,
און יעדער פונק, וואָס שלאָגט אַרויס פון אונטער מיינע טריט,
ווי אויך די הימלען, איבער וועלכע ס׳וואַנדערט איצט אַ טשערדע
פון רויכן־קנוילן — גיי איך דערפאַר בּאַרוועס און געהיט.

אין וויטן דורכן נעפּל גייט די זון דאָרט אויף אַ רויטע?
צי בלענדט אַרויס אַ לאַווע־פלאַם פון אַ וווּלקאַניש מויל?
עס שלייערן אַרויס זיך דאָרט געשפּענסטער... טויטע, טויטע,
אָן הויט און לייב — פון אַש און ווייס געביין, פון פלאַם און גרויל.

זיי זענען ווייט און נאָענט. כ׳הייב־אָן געשטאַלטן צו דערקענען,
איך שטרעק אויף שוואַכע דלאָניעס אויס מיין דורשטיק האַרץ צו זיי.
זיי קוקן מיט תרעומות, און די אויגן־הייזלן מאָנען:
— און דו ווו ביסטו? — איך ענטפער נישט קיין וואָרט פאַר שאַנד
און וויי.

עס ווירבלט צו מיין ברודער ברוך, דער צעברויזטער דיכטער,
זיין ווילדע טשופּרינע — אַ ברענענדיקער סנה אין ווינט:
— „פון פּיין איז שיכור אונדזער פאָלק און דו... ביסט אַלץ נאָך
ניכטער,
און ווילסט זיך אַלץ, און שפּילסט זיך, ווי אַ קינד, מיט שוואַרצע טינט!"

איך טו א פאל אים אויף דער ברוסט. איך וויין אן קלאנג, אן טרערן.
איך צינד זיך אן. מיר האלדזן זיך, פארפלאכטן פלאם אין פלאם.
מיר ווירבלען זיך ארויף ווי פאקלען אין די הויכע ספערן —
א ליד, ווו ברודער־הארץ צו ברודער־הארץ שלאגט־אויס צום גראם.

א שטים פון ביינער־טאל...

אנטרינט אין וויסטע וועלדער, לאגל־טרעגער ירמיהוס!
מקוננים, וואס זוכן טרייסט אין טרערן מיט קנאות!

ס'האט אונדזער טרויער־מארש צום אומקום אויך געקלונגען מונטער.
צוזאמען מיטן לעצטן ייִדן בלויז דאס פאלק גייט אונטער!

און וויפל האבן אויסגעהאמערט מיט נקמה־פלאקער
אויף שטערנס קופערנע: „ישראלס נצח לא ישקר"!

ווי ווילדגראז אויפגיין זאל אויף אייך דער זיפץ און אייך פארטויבן,
ווייל אויסגעטריקנט האט אין אייך דער קוואל פון פאלק — זיין גלויבן.

עס ברענט אין אייך דער ווי מיט גליענדיקע דערנער? קיין רחמנות!
דערמונטערונג און שטארקונג דארף דאס פאלק, איז ווער וועט טאן עס?

עס שטיקן אייך די טרערן, קינדער? איר זאלט זיי דערשטיקן,
ווייל ס'פאלק פארבמען זיי, דעם צורר טוען זיי דערקוויקן:

א יעדע טרער גיסט אויס פאר אים זיך אין א קלארן שפיגל,
וו ס'פליקט א תלין אויס פון מיינע עופהלעך די פליגל...

אונדז לעכטערט די פארצווייפלונג, אייער יאמערן: פארפאלן!
וואס מישט זיך אויס פארשאלטן מיטן וויען פון שאקאלן...

— — — — — — — — —

די נאכט פארזינקט אין באדן מיט די שאטנס פון די שונאים;
די זון גייט לויטער אויף — א קראנץ ארום יחזקאלס פנים:

— צי וועלן אויפֿלעבן די ביינער? — הילכט דעם נביאס קול.
און ס'ענטפֿערן מיט בלאַנקן רוף די ביינער אינעם טאָל:
— מיר ציען הויט אויף זיך אַרויף —
מיר לעבן אויף!

באַלאַדע וועגן אַ גאַנג צום אוהל־פּרץ

מיט דעמער שאָטנט אָוונט די שפּאַצירער־מאַסן.
עס טונקלען די עלעקטרע־לאָמפּן אין די גאַסן.
מע קוקט מיר נאָך, דעם טרויעריקן ייִד, דעם בלאַסן,
וואָס צווישן פֿרעמדע צענדליקער אַליין שפּאַציר איך.

איך בין נישט איינזאַם, מענטשן. מײַנע קינדער פֿיר איך.
איך שלײַך, דער ייִדיש־לערער פֿון דער שול דער מילער, *
און הינטער מיר — די הונדערטער פֿאַראַשטע שילער.
איך בין אַליין אַ גולם אַש און — גאָט זאָל היטן —
אַ ליאַדע ווינטל־בלאָז — מיר וועלן זיך צעשיטן.

די שטאָט איז הינטער אונדז שוין, און מיר שלײַכן ווײַטער.
די וועלט אַרום איז וויסט — אָן אויסגעברענטער שייטער.
נאָר שטערנדלעך פֿון הימל בלינצלען, שמייכלען: — קינדער,
ער וואַרט אויף אײַך, ווי אַלע יאָר. נו, קומט געשווינדער.

צום אוהל־פּרץ שפּאַנען מיר, געשולטע רייען.
ס'גייט אויף אַ שימער, ווי לבנה־שײַן אויף שנייען,
אויף אונדזער אַשיקייט. די געגנט ווערט באַקענטער
און היימיש־האַרציקער; מיר קומען נעענטער, נעענטער.

דאָס געטאָ. ס'ליגט פֿאַר אונדז באַלויכטן — שטויב אויף ציגל,
און פֿאַליעט זיך מיט זילבער־שײַן — אַ ריזן־שפּיגל.

---

* ייִדישע שול אויף מילע־גאַס אין וואַרשע.

דער גענשער ווארשעווער בית־עולם — א געהיימער
אין שיין פון לייכטנדיק געצווייג פוןביימער;
און אפּגעדעקטע שפּרייטן זיך צו אים די וועגן.
— פונוואנען אזא כישוף־ליכט? — די קינדער פרעגן,
און ס'צינדן זיך שווארצאפּלען זייערע פאר וווּנדער:
מע זעט דאך נישט קיין צייכן פון דער זון דער רונדער!

מיט שנעלע טריט פאַרוים צו דעם בית־עולם שפּרייז איך,
און כ'שטרעק די האנט, און מיט א ציטער־פינגער ווייז איך — —
די קינדערלעך פארדייסן אויסגעשטרעקטע קעפּלעך — —
עס נידערט פּרץ פון זיין אוהל מיט די טרעפּלעך,
און ס'פלאַטערן אויף אים, ווי פלאַמען, די תכריכים:
— געבענטשט זאָל זיין דער אַנקום פון מיין פאָלקס שליחים! — —

און מיר, פאַראשטע, ווערן דורכגעלויכטן אלע:
ס'ווערט ליכט אין ליכט דורך זיך אליין נתגלה
און צו דער הייך און „נאָך העכער" פון הויך נתעלה...

לאָדזש. אפּריל, 1947.

מיטן פנים צו דער זון

ציגל

עס האָבן נאָכנישט קיינמאָל
קיין ציגל
אַזוי געזונגען
אין מײַסטערס פֿלינקע הענט;
עס זענען נאָכנישט קיינמאָל
קיין ציגל
געפֿלויגן אַזוי פֿריידיק,
ווי זינגענדיקע פֿייגל,
אַרײַנצופֿאַלן אין דער נעסט
פֿון ווענט; —
ווי הײַנט,
אין אונדזער צײַט,
אין אונדזער לאַנד.

דער מויערער
בעט אים זיי אַ געלעגער
מיט וואַפֿנע אויסגעלאָשענער
פֿאַרמישט מיט ליים און זאַמד אויף גרויִ,
נאָר מיט דער האָפֿנונג, אָנגעצונדן בלוי —
עס וועט דעם מויערס ברידערלעכע נעסט
קיין קריג
שוין נישט צעשטערן,
און ס׳וועלן ליים אין איר
שוין תמיד שלאָפֿן פֿריידלעך
אַקעגן וואָלקנס, נאַכט, לבנה, שטערן.

די צייט פון גרויזאמקייט און טירוף
האט נישט געקענט
דעם מענטשנס הארץ פארקערן
אין שטיין;
נאר אונדזער דור
אין אונדזער צייט
באוויזן האט ארייַנצופלאנצן
אין ציגל —
א מענטשלעך הארץ.

און ס׳ווארטן מיט א גליווערדיקן ציטער
די ציגל,
צונויפגעקלעמטע ברידערלעך אין ווענט —
עס זאל דאס נייע הויז דא אויפגיין מיטן בלענד
פון טויזנטער צעלאכטע שויבן,
מיט פלעמלדיקע אייגעלעך פון קינדער
און פנימער פארהארוועטע,
צעשמייכלטע
פון טאטע-מאמעס;
עס זאלן לעבעדיקע ווארקנדיקע טויבן
(ווי רייך ס׳איז אונדזער לאנד אין טויבן!)
אויף די קארניזן
מבשר זיין דער וועלט:
עס ווערט א ווירקלעכקייט דיין אלטער חלום —
די ציגל,
די מויערן
פון אונדזער לאנד
באגריסן אייך מיט שלום!

ווארשע-שרודבארוו. יוני, 1950

באַלאַדע וועגן רושטאַוואַניעס

די נאַכט זיצט שטיל און איינגעהאָרכט
דורך שיין פון וואַרטנדיקע שטערן.
אויף וועמען וואַרטן זיי, די שאַרף פאַרקוקטע שטערן?
אין וואָס איז איינגעהאָרכט די קילע נאַכט?

רושטאַוואַניעס,
רושטאַוואַניעס צווישן חורבות,
רושטאַוואַניעס איבער פלעצער גרוזעס,
ווי פאַרשטאַרטע מאַנדאַלינעס.

די דינע פינגער פון די שטערן
באַמיען זיך אומזיסט צו שפּילן
אויף זייערע געשפּאַנטע סטרונעס —
די פראָסטע גישט-געהובליעוועטע ברעטער;
זיי שווייגן און זיי וואַרטן.
אויף וועמען וואַרטן די געשפּאַנטע סטרונעס?

אין זאַטן שווייגן,
אין טונקלער שלווה,
אין שלאָף געבענטשטן
עס צייטיקן אין צייטוויייליקע בייזדלעך
אויף האַרטע, אויסגעזוואַרעמטע געלעגערס,
ווי תבואה-קערנער אין די זאַנגען,
די רוענדיקע גלידער
פון מויערער און שלאָגלער
צו מאָרגנדיקער שעפעדיקער מי.

באַגינען וועט זי ווידער,
די מי פון דעם גערעכטן,
ווי היינט,
ווי נעכטן,
ווי אייערנעכטן,
אין ריטעם פון פאַרפּראַצעוועטע הענט,
פון פּיס אין צילגעווענדטן גאַנג,
דאָ אויסשפּילן איר היים געזאַנג,

און ס'וועלן אויפגיין צו דעם הימל,
ווי אויפן פעלד די זאנגען —
ווענט.
אַ יעדע וואַנט — אַ מאָנומענט!

רושטשאַוואַניעס,
ווי פאַרשטאַרטע מאַנדאָלינעס,
אין דער שטילקייט פון זיך לעשנדיקע שטערן
פאַרן טאָג!
און זייער שאָטן שטייט אַ דיכטער
און פליסטערט שטיל, באַגייסטערט,
און בענטשט די טליענדיקע שעהען,
ווען ס'האָט לעם זייערע געטרוימטע און דערוואַרטע ווענט
זיין זינגענדיק געמיט זיך הער צעברענט.

דערשראָקן וועט זיך באַלד אַוועקקערן די נאַכט —
עס האָבן שוין די מויערן דערוואַכט,
זיי גייען,
זיי קומען נעענטער אַהער
מיט פרידלעך, בויענדיק געווער,
און באַלד וועט דאָ פאַרבינדן אַ געראַנגל
דער מענטש מיט דער נאַטור.

אַ נייע, פרישע זון וועט זיך באַווייזן
ביים הימלס מזרחדיקן ראַנד
און זיך פאַרנייגן מיטן דיכטער דאָ ביינאַנד
פאַר ערשטער בעסטער וואַנט;

זי קומט זיך וואַרעמען, די זון,
ווי ער, דער דיכטער,
ביי היים-פאַרפּראַצעוועטע הענט
און אָפּלעקן דעם שטויב פון גראָבע שיך
אויף רושטשאַוואַניעס אַרום נייע ווענט,
וואָס לייכטן אויף צעווישן חורבות,
ווי יום-טובדיקע ליכט,
מיט זייער בלענד.

רושטשאָוואַניעס,
רושטשאָוואַניעס —
מאַנדאָלינעס
שפּילן אויס דעם גאַנצן טאָג
קעגן זון, און קעגן ווינט, און קעגן רעגן,
דאָס געזאַנג פון בוייענדיקן מענטשן,
דאָס געזאַנג פון פרידן און פון בענטשונג.

קאַטאָוויץ — וואַרשע 1950.

ליד פון שערער

עס קומען בירגער,
באַמאַכיקטע מיט אויסגעדאַכטן אומעט,
באַהאָריקטע מיט פאַלשע יאָרן,
באַזייפטע שוין מיט פריער עלטער —

און — אומעט איז אַ ליגן דאָך
אין אונדזער פריידיק לאַנד!
און אונדזער לאַנד
האָט ליב דאָך יונגשאַפט,
און פרישקייט,
און קראַפט!

פאַרבעט איך אים גוטברודעריש:
— נו, זעץ זיך, בירגער, אויף דער שטול.

איך טו אַ כאַפּ דאָס שערל.
און ווי אַ פויגל פליט עס איבער אים,
און פיקט, און פיקט אין זיינע האָר
מיט שטילן רויש־און־זונג:
„צו יונגע יאָר!
ווער פריש און יונג!"

און ס׳פאַלט דער אומעט פון זיין קאָפּ,
און ס׳פאַלן זשמודעס יאָר
צו זיינע פיס,
און איך צעטרעט מיט מיינע טריט זיי דורכאַנאַנד —

דער בירגער זיצט פאַרטייעט
און הערט זיך איין צום אומקער פון זיין יוגנט
און פון זיין פרייד.
זיין בליק לויפט נאָך דער פרישקייט פון זיין קאָפּ אין שפּיגל.
ער שמייכלט צו דעם שימער פון דעם שערלט פליגל.

איך טו זיין פּנים אָן
א שוימענדיקע ווייסע מאַסקע
און צי זי אים אַראָפּ
מיט בלאַנקער שאַרף פון מעסער
צוזאַמען מיטן ערנסט און אַ צענדלינג יאָרן.

עס זייגקען אים פון שפּיגל זיינע באַקן,
צעשמייכלטע און פרישע,
מיט הויט פון זון-באַשיינטע עפּל,
און ס׳גלאַנצן אויף מיט יובל זיינע אויגן, גלאַנצן:
כ׳בין יונג,
און פריש,
און פריידיק!
כאָטש שטעל זיך אויף און גלייך געגומען טאַנצן!

געזאַנג פון פריינדשאַפט

אַ לויב-געזאַנג פאַר חברשאַפט אייך, ברידער פעלקער,
וואָס שטעלן אויף אַ פריינדשאַפט-הויז אין אונדזער לאַנד, —
ס׳וועט פוילן גיין צו אייך דורך אַלע זיינע שוועלן
און אייך באַגריסן מיט אַ בענטשנדיקער האַנט.

דאָס הויז, פֿאַרפֿלייצט פֿון זון — אַן אויפֿגעשטראַלטער חלום,
וואָס האָט פֿאַרקערפּערט זיך אין לעבעדיקער וואָר:
עס זאָגט אַ מענטש אַ מענטשן אָפֿנהאַרציק שלום,
און פֿעלקער־הערצער שלאָגן ברויזנדיק אין פּאָר.

די נאַכט וועט אָפּטרעטן פֿאַר זײַנע העלע שטאַקן,
און זיבן וועט דער הימל שטערן אויף זײַן דאַך;
די רוימען זײַנע וועלן ווי מיט כּישוף לאַקן,
און תּמיד וועט דאָס האַרץ דעם פֿאָלקס דאָרט האַלטן וואַך.

ס׳וועט פֿוילן גיין צון אייך דורך אַלע זײַנע שוועלן
און אייך באַגריסן מיט אַ בענטשנדיקער האַנט:
אַ ליב־געזאַנג פֿאַר חבֿרשאַפֿט אייך, פֿעלקער,
פֿאַר אויפֿשטעלן דאָס פֿרײַנדשאַפֿט־הויז אין אונדזער לאַנד!

אַפּריל, 1952.

דײַן נאָמען זינגט אַרויס

דײַן נאָמען זינגט אַרויס פֿון יעדער מי
ביז טיפֿער נאַכט פֿון גרויען אינדערפֿרי;
דײַן נאָמען שוועבט, ווי בענטשונג אויף די הענט,
וואָס האָבן זיך אויף זייער קראַפֿט דערקענט
און בויען איבער אונדזער לאַנד אויפֿסניי,
דײַן קלוגשאַפֿט און דײַן פֿאָטער־זאָרג געטריי.

האָסט, פּרעזידענט, אין פּײַן און קאַמף פֿאַרזייט,
און שנײַדסט די ערשטע זאַנגען איצט מיט פֿרייד;
ווי פּרעכטיק ס׳איז דער אָנהייב פֿונעם שניט!
אַרום — דאָס פֿאָלק צעיובלט, דו — אין מיטן;
אַ קראַנץ פֿון ליבשאַפֿט־שטראַלן אויף דײַן קאָפּ —
דאָס גאַנצע פֿאָלק איצט שײַנט פֿון אים אַראָפּ —
און אין זײַן ליכט ווי ריזיק וואַקסטו אויס!
דאָס גאַנצע לאַנד איצט שטראַלט פֿון דיר אַרויס
אין שעפֿערישן גאַנג צו העלער וואָר —
לאַנג לעבן זאָלסטו, בירוט, לאַנגע יאָר!

שרובאַראָוו. מײַ, 1952.

אונדזערע שלום־זעלנער

גייען זעלנער, שפּאַנען זעלנער
און זיי זינגען אויף אַ קול:
אונדזער אָרעם, אונדזער אָרעם
שטאַרק, ווי אײַזן, פעסט, ווי שטאָל!

שאַרף דער אויער, שאַרף דער אויער,
אויך דאָס אויג איז שאַרף און וואַך!
שלום וואַכט פאַר אונדזער טויער,
שלום איז דעם זעלנערס שפּראַך.

זאָל דער שונא אונדז נישט שרעקן,
בלײַבן שטיין דאָרט, וווּ ער שטייט!
ס'לעבן פאַר דעם שלום שטרעקן
איז דער זעלנער תמיד גרייט.

ראָקאָסאָווסקי, ראָקאָסאָווסקי
שטייט אונדז תמיד פאַרן בליק;
מיר געדענקען, וואָס ער לערנט —
שלום איז דער שענסטער זיג!

גייען זעלנער, שפּאַנען זעלנער,
און זיי זינגען ליד נאָך ליד;
זינגט דער ברוק, עס זינגט דער הימל,
אַלע גאַסן זינגען מיט.

קאָרעע 1950

אַ האַנדלס־שיף אין האַפן,
פאַרבענקט נאָך גאָלד,
נאָך רויב
און קריג —
האָט אָפּגעריסן זיך באַגין
פון אַנקער.

די זון
האָט אויפגעבלוטיקט אויפן ראַנד פון הימל -
אַ פיבערדיקע רויטע וווּנד.
עס וועט זיך פייניקן דער טאָג
אין היץ און אַנגסטן
און פּלוידערן פון וועג —
אַ וואַנזין-קראַנקער.

ס'וועט פלאַקערן דער ים
מיט ברענענדיקע שיפן,
מיט שטורקאַצן פון לעבעדיקן לייב;
עס וועלן זיך די אויפגעשוימטע וואַסערן
אין אויפגעוואַטן בלוט פאַרוואַנדלען.

עס האָט דער גען פון וואָל-סטריט
מיט נאַפט-רערן,
מיט קינדערס טרערן,
מיט גאַז- און בלוט-ציסטערנעס
אויפסניי,
ווי אויף אַ נאָווינע,
גענומען האַנדלען.

וואַרשע. יולי, 1950.

קים איר סען

...האָט קים איר סען
אַרויפגעלייגט די האַנט —
געגליכן צו אַן אויער — אויף דער ברוסט
און איינגעהאָרכט זיך:

וואָס קלאַפּט
און וואָס באַפעלט
דאָס האַרץ —
דאָס האַרץ פון פאָלק?

און ס'האָט געקלאַפּט אין אים
דאָס האַרץ —
דאָס האַרץ פון פאָלק
און האָט באַפוילן:

צום קאַמף, געטרייער זון!
צו קעמפן זאַמל מיינע זין
און פיר!
און פאַר דער פרייהייט
מיט אייער לעבן ריזיקיר.

און קים איר סען
האָט אויסגעשטרעקט די האַנט:
— חברים!
איך רוף אייך אויפן פאָלקס באַפעל!

וואַרשע, 1950.

טויבן פון קאָרעע

מיין ווייב האָט היינט געוואָרפן ברעקלעך פאַר די טויבן,
וואָס וווינען אויף די דעכער דאָ אין שכנות
און זוכן זייער שפּייז פאַרטרוילעך אויפן ברוק;
זיי האָבן אויף מיין שוועל געפּיקט, געפּיקט אין גלויבן,
אַז נישט צו נאַרן און צו פאַנגען זיי איר מיין איז,
און יעדע האָט געדאַנקט איר מיט אַ בוק.

מיין קינד, דאָס שטיפערל, פון שפּיל אַרויס צעשויבערט,
האָט צוגעקוקט מיט אויפגעפּראַלטע אויגן,
ווי ס'מיניען זיך די העלדזעלעך ביי זיי מיט גאָלד;
זיין הערצל האָט געפלאַטערט אויף מיין ברוסט באַצויבערט,
און כ'האָב געפילט, ווי ס'ווערט צו זיי געצויגן
און וואָלט זיי צודריקן צו זיך געוואָלט.

און איך: פון וואַנען ווייס איך?... אפשר... אפשר זיינען
צו פליען פון קאָרעע זיי געקומען,

זוז קראַנקן שטאָלערנע צעפּיקן ווייב און קינד? — —
הערט אויף די זון אויף פּוילנס בלויען הימל שיינען,
און איך, פון שרעק און וויטיק דורכגענומען,
דריק צו מיין יינגעלע צום האַרצן בלינד.

איך ציטער אויף; די טויבן טוען זיך צעצאַפּלט
אַ טראַג, ווי ס׳וואָלט אַ ווינט זיי אָפּגעריסן
פון אונדזער שטילער שוועל צו יענעם ווייטן לאַנד;
שטרעקט אויס מיין קינד נאָך זיי די הענטלעך באַנג און פּלאַפּלט —
מיר דאַכט: ער לאָזט קאַרגע ציטריק גריסן
און וויטיקט איבער איר מיט מיר ביינאַנד...
וואַרשע. אויגוסט, 1950.

דאָס לויטערסטע געזאַנג

ס׳איז היינט דער טאָג מיר אָרעם אויסגעפאַלן,
באַטש אָנגעפילט מיט זון און דורכגעשפילט מיט שטראַלן;
איך האָב היינט נ י ש ט דערלאַנגט קיין ליד דעם קעמפנדיקן לאַנד!
אין האַרצן מיינעם גליט די שאַנד,
זיי קויל: ווי הייסט?
כ׳האָב נישט געדופן היינט און נישט געוועקט, און נישט געטרייסט!
עס האָט פאַרשלאָפן מיין נשמה — נישט געוואַכט
ביי דעם מזבח פון די שלום-קעמפער אין דער שלאַכט!

מיט וואָס וועל איך באַצאָלן פאַר מיין ז י י ן:
פאַר לופט און שיין;
פאַר זון, וואָס וועגט מיר אָפּ איר פליסיק גאָלד
אויף מאַמישע, פאַרשווענדערישע שאָלן;
פאַר וואַסער און פאַר ברויט מיט זאַלץ —
פאַר אַלץ
מיט וואָס וועל איך באַצאָלן?

ווען יונגע העלדן טוישן אויס דאָס בלוט אויף רויזן-קרענץ,
ווען וואַכעדיקע נעמען שיינען אויף, ווי יום-טובדיקע ליכטער, —

ס'איז פאַראַן פאַר אייך דאָ ברויט געשמירט מיט טרייסט,
אַ דאַך, וואָס שיצט פאַר קעלט און רעגן;
אונדזער טאַטע־זאָרג און מאַמע־ליבשאַפט — ווייסט —
וועט קלעקן אויך פון אייערטוועגן.

יעדעס יינגל איז פאַר אייך אַ ברודער דאָ,
און יעדעס מיידעלע — אַ שוועסטער;
אייער טרויער וועט פאַרזינגען יעדער כאָר
און יעדער פריידיקער אָרקעסטער.

ס'וועלן שעפּטשען גראָז און בלאַט צון אייך: נישט וויינט!
די טייכן — צו דעם שלאָף פאַרהוויגן;
ס'האָט דער פיינט אויך אונדזער לאַנד פאַרוויסט, פאַרשטיינט,
נאָר — צו דעם זיג זיך נישט דערקריגן!

און — ווען גרייכן וועט דער בשורהדיקער קלאַנג:
עס קניט פאַר אייער הורבן קין! —
וועט איר זיך געזעגענען מיט פּוילישן געזאַנג,
מיט אונדזער פרייד די היים באַנייען.

ווראָצלאַוו. יאַנואַר, 1952

אַ בריוו פון וואַרשע צו סעול

פיל־ליידנדיקע, שווער־געפרוווטע, סעול, שוועסטער מיינע!
ביסט ווייט פון מיר, נאָר נישט פון הארץ פאַרהוילן:
די זילבער־וואָלקנדלעך די לייכטע, פיינע,
וואָס ציען דורכגעלויכטן איבער פוילן,
זיך שאָטענען און טונקלען קעגן דיינע רויכנקנוילן;
און דיין געראַנגל פאַר דער פרייהייט וועקט באַגין מיין בריעד:
וואַך אויף! עס וואַרט אויף דיר די זון ביים טויער...

איך האַלט כסדר ברייט צעעפנט מיינע אויערן —
די פענצטער, און די טירן, און די טויערן
צו אַלע ראַדיאָ־סטאַנציעס, וואָס צעשיקן

מיט וואָס וועל איך היינט אויסקויפן מיין רויע עקזיסטענץ?
מיט וואָס האָב איך זיך היינט פאַרדינט דעם נאָמען דיכטער?

פאַרנאַכט... איך פאַל אַנידער אויסגעלייטיקט מיד
און, ווי די שקיעה אויפן הימלס ראַנד,
אויף מיינע אויגן די אַראָפּגעלאָזטע גליט
די שאַנד.

כ'פאַרבאַרג דאָס פּנים אינעם דעמער פון פאַרנאַכט
און שעפּטשע הייס אַריין אין אויער פון דער נאַכט:
— קום, גוטע נאַכט, כאַטש דו
מיט מילדע ווינטעלעך, מיט שטערן און מיט רו
פאַר מיין געמיט
און וועק אין מיר די קראַפט פון שאַפן, זאָלב מיך פאַרן ליד!
אויף פליגל פון אַ חלום טראָג און לאָז מיך איבער
אין פעלד, וווּ ס'ווילדעוועט די שלאַכט —
איך זאָל צוזאַמען מיט די שלאַכטלייט אין די גריבער
אין שאַפן בלוטיקן די גאַנצע נאַכט.

און מיטן אויסלעש פון די שטערן — דיין פאַרגאַנג,
און מיטן אויפגאַנג פון באַגינענדיקן ליכט
זאָל אויפגיין, ווי אַ קרבן, אין מיין ניי געדיכט
מיין האַרץ און מיין געדאַנק:
— כ'זאָל אויפזינגען דאָס ליד פון אונדזער חלום —
דאָס לויטערסטע געזאַנג
פון וואַרקענדיקע טויבן און פון שלום.

צו די קאַרעישע קינדער אין אונדזער לאַנד

קינדער! ס'ברענט דער שונא אייער ליבע היים —
פאַרהיימישט זיך אויף אונדזער באָדן;
און די בענקשאַפט, וועלכע טליט אין אייך געהיים,
שטילט איין אין אונדזער לאַנדס גן־עדן.

די צאַרנדיקע בשורה
פון די נסיונות דיינע, און דיין גבורה,
און דיינע פיינען.

איך שטרעק צום הימל אויס די קומענס פון פאבריקן
און קוק צו דיר אַריבער מיט באַצערטע, שטאָלצע בליקן,
און זע דיך שיינען
אין ליכט פון שריפות און פון העלדנטאַטן.

ב׳ווייס: וועסט סעול זיך אליין און דיינע שוועסטער נישט פאַראַטן!

דער אָפשיין פון דיין שריפה מישט זיך מיט די העלע פאַרבן
פון זונאויפגאַנג אין מיינע ניי־אַריינגעשטעלטע שויבן;
עס שוועבן קעגן זיי, ווי זילבער־פעכערס, מיינע טויבן
און וואָרקען: שלום, סעול, שלום! וועסט נישט שטאַרבן!
מיר וועלן נאָך דיין פייער־מבול — פון דער ווייסלם ברעגן
דיר ברענגען אין די שנעבלעך בשורות — בלעטער גרינע
און זיי צעשיטן אויפן אַש פון אַלע דיינע וועגן:

„עס לעשן זיך שוין אוים די פייערן פון שנאה,
און לעצטע רויכן אונדזער פיינט דערשטיקן;
עס וועט דער פרידלעכער פרימאָרגן
אים טרעפן אין זיין הייל דערוואָרגן,
און זיין נבלה — קראָען פיקן".

די חורבות אויף מיין שוים, די נאָכנישט אויפגעבויטע,
וואָס ציען זיך מיט ווילד־גראָז צו די הימלען די צעבלויטע,
וואָס בענקען מיט אַ יעדן זעמדל, שטיקל ליים און ציגל
צו ווערן אויפגעריכט און טאַפּלען זיך אין ווייסל־שפיגל;
און מיינע הייזער און פאַלאַצן, אויפגעריכטע שוין, דערפרייטע
מיט קינדער־שמייכל און מיט אויגן פולע גלויבן,
מיט זון און הימלבלוי אין פעכלדיקע שויבן
און מיט קאַרניזן, ווו פון ליבע וואָרקען פאַרלעך טויבן, —
זיי שיקן אַ נבואה אויף די פרישע חורבות דיינע,
אַ, סעול, שוועסטער מיינע:
זועסט ווערן אויפגעריכט! און דיינע שאַרפע פיינען —
פון דענקמעלער, ווי רויטע שטערן, וועלן שיינען!

און דיינע העלדנטאטן וועלן אויפגיין אין דעם ניגון
פון מאמעס לעבן שמייכלענדיקע קינדערס וויגן.

דערווייל — זאל זיין געשטארקט דיין שלאכטמאן אין די מארטן,
וואס וועט אויף דיינע חורבות אין א פראסטן אינדערוואכן
אנידערקניען מיט דעם קראנץ פון הייליקן נצחון! —
ווי ס'ווינטשט עס דיר פון טיפן הארץ
דיין שוועסטער ווארשע.
ווארשע, 1950.

באלאדע וועגן נאזים היקמעטן אין תפיסה

פארנאכט.
עס זיצט שוין אין א גראנאטענעם וואלקן
אין מערב אויפן הימל־ראנד
א רויטע זון —
אן אויג,
צעשלאגן פון א תליינס הוילער פויסט.

כ'פארווארף אויף זיך דעם דעמער־פעלעריין
און, ווי א שאטן, שלייך פארביי
דעם לויער־בליק פון תפיסה־וועכטער;
כ'וועל מיטן שליסל פון דעם שעפערישן ווארט
שטיל עפענען דעם גרילצנדיקן שלאס.
און — אפשר וועל איך זוכה זיין צו זען
אין טאפל־נאכטיקייט פון תפיסה־צעלע
דעם לייכטנדיקן תפיסהניק,
דעם דורכגעליטערטן פאעט,
דעם לויטערן נאזים היקמעט.

איך שטיי שוין אויף דער שוועל.
די וויעס מיינע פינטלען
אויף אויגן — גלאז.
— צי ווער איך בלינד? —
מיט פליסטער ציטערן די ליפן:

צי איז אזוי געדיכט די פינצטערניש,
די נאַכט דאָ?

— עס טרעט די נאַכט נישט איבער דאָ די שוועל! —
הילכט אויף אַ שטים:
דו ביסט פאַרפלייצט פון בלענד!
הוייל ע ר,
דער תפיסהניק מיט לייכטנדיקע הענט,
איז תמיד אין דער זון פאַרקוקט;
ער זעט די זון דורך דיקע תפיסה־ווענט
און שלייערן פון נעפּלען;
עס דרייט די זון זיך, ווי אַ פּליטע פון אַ גראַמאַפאָן,
און ציטערט אויף דער נאָדל פון זיין בליק!
זי דרייט זיך מיט געזאַנג —
זי זינגט דאָס ליד פון גליק
פון דעם צעפייניקטן פּאָעט
נאָזים היקמעט. —

אַ פרייד! איך האָב דערקענט די שטים:
דאָס ברילט דער לייב־פּאָעט
וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.

עס שטעלן זיך די וויעס מיינע אָפּ,
און ס׳זעען שוין די אויגן:
נאַזים היקמעט,
דער הונגער־שטרייקער,
וואָס זעטיקט זיך מיט גלויבן אין דעם מענטש,
איז נישט אַליין אין צעלע;
עס זיצן אַרום אים
די איידלסטע פּאָעטן ביי די פעלקער,
פּאָעטן לעבעדיקע און פּאָעטן טויטע,
וואָס לעבן איבער זייער טויט;
פּאָעטן, וועלכע גייען אוים אין הונגער און אין דאָרשט
נאָך ליכט פאַר זייער פאָלק צעווישן פעלקער,
וואָס זייער הונגער, זייער דאָרשט אַליין
איז ליכט פאַר זייער פאָלק צעווישן פעלקער:
דער רוס וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי,

נערודאַ פּאַבלאָ דער טשילענער
און דער פראַנצויז, דער דיכטער לואי אַראַגאָן,
אויך אונדזער דוד עדעלשטאַט,
וואָס האָט אַריינגעוועבט זיין לעבן אין דער רויטער פאָן;
ס'איז אויך אַ שוואַרצער נעגער דאָ —
דער זינגער פּאָול ראָבסאָן,
וואָס קוים צעעפנט ער די טונקלע ליפּן,
צעלאַכט זיך בלענדנדיק אויף זיינע ציין
די זון
אַקעגן אַלע פעלקער;
און נאָך, און נאָך דאָ זיצן
אַרום נאַזים היקמעטן.

עס ווייזט נאַזים היקמעט מיר מיט דער האַנט,
אַ ליטערע ווי ליכט:
— ס'דאַרף קיינער נישט פאַר קיינעם שטיין.
פאַרנעם אַ פּלאַץ. —
איך פאָלג.
איך זיץ, און קוק, און שווייג.

— אַט גייט דיין מוזע, — שמייכלט עמעץ צו היקמעטן:
די לעבעדיקע ווענוס אָן דער האַנט, —
און צינדט זיך אָן פון האַס: וואַנדאַלן!

אַ גריכיש מיידל קומט אַריין
(אַ פרייהייט-קעמפערין,
דער לינקער אַרבל הענגט אַ ליידיקער אַראָפּ פון אַקסל,
די בלאָנדע צעפּ פאַרפלאָכטן אין אַ קראַנץ פון שטראַלן)
און שטעלט אַנידער מיט דער רעכטער האַנט
אַ טאַץ
מיט פרוכטן פאַר די געסט;
איר שמייכל שימערט אויף די פרוכטן:
— נאַזים היקמעט איז אייך מכבד
פון גאַנצן האַרצן,
לאָזט זיך וווילגיין, עסט.

באטראכטן ווי די פרוכטן אלערליי
און זעען מיט באוואונדערונג צעווישן זיי
א רויטן שטראלנדיקן עפל —
דאס הארץ נאזים היקמעטס,
וואס תמיד איז ער גרייט
אוועקצושענקען עס איעדן חבר;
און חבר איז נאזים היקמעטן
איעדער ארנטלעכער מענטש.

„א רויטער שטראלנדיקער עפל —
דאס הארץ נאזים היקמעטס!" —
זינגט אויף דער נעגער פאול ראבסאן,
און ס'זינגען מיט מיט אים די תפיסה-ווענט.

ווארשע. יוני, 1950.

בעליאניס

בעלאיאניס!
דיין נאמען איז שיין,
ווי שיין ס'איז דער נאמען
פרילינג.
ס'האט דיין נאמען אנגעזאגט די בשורה
פון פרילינג צווישן פעלקער,
פון פרילינג און פון שלום.

ביי אונדז אין לאנד,
לכבוד פרילינג,
שניידט מען אין די פארקן איצט ארום די ביימער
און די קוסטעס:
אן אפגעפוילטע, איינגעדארטע צווייג,
א ריטל,
וואס וועט אומזיסט-אומנישט בארויבן
דעם בוים פון זיינע זאפטן,
פון זונשטראלן די בלעטער —
אוועקגעשניטן!

און דאָרט, ביי דיר אין לאַנד,
וווּ פרילינג איז דער חלום בלויז
פון זיינע זין די בעסטע,
וווּ פרילינג ליגט פאַרטייעט
אין נאַכט-געדיכטעניש
און שטיקעניש פון תפיסה, —
דאָרטן האָט מען דיך,
בעלאָיאַניס,
אַ שטאָם אַ זאַפטיקן,
מיט זון באַלויכטן און אַדורכגעזאַפט,
אַליין אַ פרילינג —
אַוועקגעשניטן.
איידער ס'האָט די זון אַ שיין געטאָן,
דיך ביז דער ערד אַוועקגעשניטן.

אין יענעם ציטריקן באַגין
האָט אויפגעצאַפּלט אין די פּאַרקן פון מיין לאַנד
אַ יעדער בוים, אַ יעדעס צווייגל און אַ יעדער שאָרך,
אַ יעדער בלאַטער פון אַ פרילינג-פייגעלע
פון שלאָף אַרויס,
און ס'האָט דער פרילינג
אין די נעפּלען פון דער ווייסל
זיך צעכליפּעט —
באַוויינט דעם ברודער זיינעם,
דיך,
פרילינג-בעלאָיאַניס.

וואַרשע. אַפּריל, 1952

אינהאַלט

פאָרוואָרט 5

משלים

אייגענע משלים:

דאָס פייגעלע, דאָס יינגל און די שלום־טויבן 9
בילערוק אויף דער עלטער 10
אַ וואַנץ 12
אַ סדומער פּילאָט און אַ פאַרדזשומעטע מויז 13
פּאַראַזיטן 14
דאָס קעצל, דער הונט און דער חזיר 15
די דיניע און די זונרויז 15
דער דיכטער און דער שפעקוליאַנט 16
דער סאָלאָוויי און דער פאַלק 18
די לבנה, די פאַבריק און דעם אַרבעטלאָזנס הונט 19
דאָס איינטאָג־פלאַטערל און די בין 21
די בעלעמער און דער באַרג 22
דער ריז און דאָס שרעטעלע 23
די שיינע שטאָלצע באָרד 23
דער דאָרפסמאַן און דאָס חזירל 24
דער כאַמעלעאָן און די רויז 25
דער חזיר און דער פויער 26
אַ פחדן 27
דער משוואָק און דער האַמער 27
דער נול, וואָס איז אויף זיך אַ מבין 28
דאָס אייזעלע 28
דער פוקס, וואָס ליובט דעם דראָסל 29
די דיכטער און דער מאָנומענט 30
דער וואַכטל און די פּאַווע 31
דער האָז און די טשערעפּאַכע 32
די מויז און דער פערל 33
באָקראָפּעס אין גיהנום 33
דער הער רעדאַקטאָר און דאָס בייגעלע פּאַפּיר 35
דער פאַרהיימישטער טכויר 36

עזאָפּ און דער אייזל 37
דער עפּלבוים, די דעמבעס און דער ווינט 38
צוויי רויזן 39
דער קראַנקער באַרנבוים 41
דער סאָלאָוויי און די גענדז 42
די טשערעפּאַכעס און דער טאַנק 44
דעם וועכטער זאַלמעסאַניעס וואַכזאַמקייט 46
דעם גבירס צוזאָג 48
דער עושר און די ווערעם 50
פּריץ און דער אייזל פון זיין פּאַבל 52
מלך שלמה, מלכה שבא און די בין 54

פּוילישע משלים־דיכטונג

פון איגנאַצי קראַשיצקיס משלים:

דער מינטער און די פערדער 57
דער מענטש און דאָס מלבוש 57
צוויי טשערעפּאַכעס 57
דאָס עכברל און די מאַמע 58
צוויי פייגעלעך 58
די פליג און דער קאָמאַר 58
די מויז און די טשערעפּאַכע 59
דער בושל, די פיש און דער ראַק 59

פון אדאַם מיצקעוויטשעס משלים:

לייט אין פרייען פעלד 61
דער גלאָק און די גלעקלעך 61
פריינד 62

פון אַלעקסאַנדער פרעדראָס משלים:

דער פּויער און דער ביק 63
מע וואָלט דאַרפן 64

פון סטאַניסלאַוו יאַכאָוויטשעס משלים:

צוויי אַקערס 65
די קראָ מיטן גלעקל 65

פון בענעדיקט הערצס משלים:

דער לאָרד און דער קאַנאַרעק 67
די טשערעפּאַכע און די לאָרד 67
פאַרטראַכטקייט 68
ענלעכקייט 69
אַ פיש און אַ וואָרעם 70
דער אָדלער און די גאַנדז 70

רוסישע און סאָוויעטישע משלים=ד,י,כ,ט,ו,נ,ג

די האָריגמע און די דינסטמיידלעך (פריי לויט קרילאָוו) 73

פון דעמיאַן ביעדנים משלים:

אַ בעל=צדקה 75
דאָס פאַסטעך=פייפל און דער קלאַרנעט 76
די בין 76
דער שטעכלער 77

פון סערגיי מיכאַלקאָווס משלים:

דער שאָפּ איז גאָרנישט דער 79
דער האָז און די משערעפּאַכע 80
דער לייב און די פליג 81
דער שיכורער האָז 82
די פאָרזיכטיקע פייגל 84
דער גייטיקער אייזל 85
די קוקאַווקע און דער שטאָר 86
דער לויפנדיקער רעמאָנט 87
אַ גווינטל 88
דער ציגל און די קריע 89
איוואַן איוואַניטש איז געוואָרן קראַנק 89
דער פאַררייסענער האָן 90
צוויי פריינד 91
קוואַנטיטעט און קוואַליטעט 92
דער וואָלף — דער גראָזעסער 93
פאַלקאָן און שאַווקע 94
פישענע עניניס 95
אַ רובל און אַ דאָלאַר 96
די וואָראָנע און די גאַנדז 97
די מאַלפּע און דער נוס 98
אַ פשוטע אינפאָרמאַציע 99

פון קאָנדראַט קראַפּיוואַס משלים:

די סאָווע, דער אייזל און די זון 101

לידער

מענטשן אין יאָכן

בריוו פון אַ לערער 1 105
2 106
דערנער און רויזן 107
אויפּאָ=דאָ=פּע 107

אין שיין=קרייז פון אייגענעם לאָמפּ

דאָס שפּעריש וואָרט 1 2 111
לידער פון אַ פאַרשפּעטיקטער ליבע 112
ערב פרילינג 112
ערשטע בושלען 112
מיט דיין נאָמען אויף מיין ליפּ 113
אומזיסט דיך אויסגעקוקט 113
מיין לעבן אויף אַ האָר 114
אין דערוואַרטונג 115
ס'האָט ווידער אויפגעבליט 115
נעכטן און היינט 116
אין דער פרעמד 116
האָסט אויף איינעם 117
מיר האָבן קעגנזייטיק 117
דו ביסט מיין פרילינג 118
איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן 118
תחית-המתים 119

צום גאַנג פון דער רויטער אַרמיי

צעפלאַמערט זיך פאָנען 121
רויטאַרמייער 122
ליד פון רויטאַרמייאישן רעקרוט 123
ביי אַ בוד פון לעגינען 124
בירגער פרייע 125
ליד פון דערציער 125
צו אַ קליינבירגערלעך מיידל 126
מיין געזאַנג צום באַשקירן=לאַנד 1 127
2 128
דאָס ליד פונעם דאָנאָר 129
אין ליכט פון פרייען לאַנד 130
פרייד און טרערן 131
העלדן 131
באַלאַדע פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ 133
מעת=לעתן פון נצחון 134
יונגע לייבן 134
האַרבסט און זון 134
פרילינג אויפן דניעפּער 134
דער רויטאַרמייער איציק סגייבער 1 135
2 136

זיי לעבן ווייטער אין די לעבעדיקע

* * * 139
מיין יעדער טראָפּן בלוט 140

פון אַ לערערס טאָגבוך
מײַנע קינדער 2 1 141
3 4 142
אינצעלע 142
סלאַווע 143
שושנה 144
מײַן יונגער ברודער 146
מײַן שוועסטער פרומע 147
אויף דער כלהס קבר 148
צו דער טוריע 149
איך זע דײַן לעצטן גאַנג, קאַציזנע אַלטער 150
באַלאַדע פונעם בלינדן זון און זײַן זעליקן טאַטן 151
דער דעמב 152
מײַן ווײַס ציגעלע 153
דאָס ייִנגל־פּאַרטיזאַן און זײַן ברודער 1 154
3 2 155
מאַמעס טרערן א 156
ב. ג. ד. 157
אויפֿן בערגל פון אַ קינד 158
באַלאַדע פון דעם ייִדישן קינד אין דער תּפֿילה 158
ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער... 159
אָוונט 159
נאַכט 160
בײַם פֿײַער פון אָשוויענטשים 161
מאַידאַנעק קומט מיר צו חלום 162
אַ שטים פון בײַנער־טאָל 163
באַלאַדע וועגן אַ גאַנג צום אוהל־פּרץ 164

מיטן פּנים צו דער זון

ציגל 167
באַלאַדע וועגן רושטשאָוואַניעס 169
ליד פון שערער 171
געזאַנג פון פרײַנדשאַפט 172
דײַן נאָמען זינגט אַרויס 173
אונדזערע שלום־זעגער 174
קאָרעע 1950 174
קים איר סען 175
טויבן פון קאָרעע 176
דאָס לויטערסטע געזאַנג 177
צו די קאָרעישע קינדער אין אונדזער לאַנד 178
אַ בריוו פון וואַרשע צו סעול 179
באַלאַדע וועגן נאַזים היקמעטן אין תּפֿיסה 181
בעליאַיאַניס 184

באַמערקטע פעלערן

זייט 33 שורה 11 דאַרף זיך לייענען:

וואָס איז מיט ד יי ן פאַרריסנקייט דער מער?

זייט 95 שורה 14 דאַרף זיך לייענען:

די פלאַטיצעס, די פיסקאַרעס אין מחנות צייל נאָך צייל

זייט 122 שורה 17 דאַרף זיך לייענען:

זיין שפּרונג — א פליטקער און עלאַסטיש־רונדער